STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05717

# FOLKSTIMLEKHE BALADN

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. אָליצקי

# פאָלקסטימלעכע באלאדן

יובֿיל־בוך

פֿאַרלאַג „יידיש בוך"
וואַרשע 1957

L. OLICKI

•

# Ballady

✱

# Z poezji hebrajskiej

Wydanie jubileuszowe

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładkę, portret autora i ilustracje wykonał:
L. MERGOSZYLSKI

LIBRARY
FEB 25 1998
UNIVERSITY OF TORONTO
CANCELLED

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 1187. Nakład 2000 egz. Druk ukończono w listopadzie 1957 r.
Papier rotogr. kl. III, 61x86, 120 g. Ark. druk. 20, ark. wyd. 13.
Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8 .B-90.



# פ אָ ר װ אָ ר ט

פאָלקסטימלעכע באַלאַדן. פ אָ ל ק ס ט י מ ל ע כ ע מיינט דאָ נישט פאָלקסטימלעך לויטן סטיל, נאָכגעמאַכט דעם נוסח פון דעם פאָלקס דערציילן אָדער דיכטן. דאָס — גראָד נישט. נישטאָ אין די באַלאַדן דאָס פרימיטיווע, דאָס רויע אין שפּראַך און דאָס נאָך גולמדיקע אין דער פאָרם. פאָלקסשאַפונג איז — שאַפונג אין פּראָצעס, אין ווערן, נאָך נישט דערשאַפענע שאַפונג. דאָ מיינט פאָלקסטימלעך: פאָלקסטימלעך צוליבן מאַטעריאַל גופא, וואָס איז אויסגעבאָרגט פון בראשיתדיקער פאָלקסשאַפונג און דיכטעריש איבערגעפאָרעמט און אויסגעפאָרעמט אויפן וואָרשטאַט פונעם יחידישן אויטאָר. איך האָב אַזויערנאָך אין די באַלאַדן זייער חשובע שותפים — די אומבאַקאַנטע פאָלקסדיכטער, זייער זכות זאָל מיר ביישטיין. און דעריבער האָב איך זיך דערוועגט צו שטעלן מיינע אָריגינעלע באלאדן פאר די איבערזעצונגען פון אזעלכע קאָריפעען פון דער העברעישער דיכטונג, ווי משה אבן עזרא, יהודה הלוי, חיים נחמן ביאליק און נאָך און נאָך.

ב אַ ל א ד ן, און נישט פּאָעמען — כאָטש ווי פאר דעם אָנגענומענעם באַלאַדן־זשאַנער זענען זיי צו גרויס לויט דער מאָס — צוליב די איבערנאַטירלעכע, אומראַציאָנעלע, מיסטישע — בקיצור: באַלאַדישע עלעמענטן אין זיי.

*

פון דער העברעישער דיכטונג. דאָס דאַרף נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אָפּקלייב פון דעם בעסטן, ווי אַ מין קליינע אַנטאָלאָגיע. ערשטנס, האָב איך נישט געהאַט אין מיין רשות אפילו קיין קליינעם טייל פון דער העברעישער דיכטונג, עס זאָל קאָנען אַ רייד זיין פון אָפּקלייבן, און צווייטנס, גיב איך

זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז צו אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער און גרויסער אַרבעט בין איך נישט באַרופן, אַז דאָס שטייגט איבער מיינע כוחות גאָר־גאָר. נאָך מער — איך האָב אין מיין דאָזיקער אַרבעט בכלל נישט געהאַט קיין פּאָרויס־באַשטימטן פּלאַן. די איבעררזעצונגען און איבערדיכטונגען זענען געמאַכט געוואָרן צופעליק. פון דער האַנט צום מויל, אַזוי צו זאָגן. און דערפאַר איז נישט נאָר יעדער דיכטער נישט פאַרטרעטן אָפּשר מיט זיין בעסטן פאַרמעגן, נאָר אויך נישט אין דער געהעריקער מאָס פּראָפּאָרציאָנעל מיט די אַנדערע. און דאָס איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, די סיבה, וואָס טייל דיכטער, וועלכע האָבן בלויז מיט זייערע נעמען דערגרייכט צו מיין אויער, זענען לגמרי אויסגעבליבן.

איך וויל זיך פונדעסטוועגן פאַרוויגן, אַז ביי אַלע אירע אינערלעך־וועזנטלעכע און דרויסנדיק־פאָרמלעכע פעלערן פאַרדינט זיך מיין דאָזיקע אַרבעט אויף באַגיטיקונג מצד דעם יידישן לייענער, וואָס די העברעישע דיכטונג איז פאַר איט, צוליבן נישט קענען די שפּראַך, אַ ספר־החתום. איך באַטראַכט זי, די אַרבעט, ווי אַ שמאָלע קליאַדקע כאָטש, אַריבערגעוואָרפן פון אַ שוואַכער האַנט צווישן אונדזערעביידע ליטעראַטורן, און ווינטש זיך: הלוואי זאָל נאָך מיר קומען דער באַרופענער דיכטער, וועלכער וועט אַנ־שטאָט מיין שוואַכער קליאַדקע אַריבערבויען אַ בריק אַ שטאַרקע און דויערהאַפטיקע —

די „פאַפירענע״ בריק פון משיחס צייטן, איבער וועלכער די יידן גייען אַריבער בשלום, ווי די שעפערישע פאַנטאַזיע פון אונדזער פאָלק האָט זיך עס אויסגעחלומט.

*

דאָס דאָזיקע בוך — צו מיין אַלט ווערן זעכציק יאָר, ווען דער מענטש דערפילט, אַז ער לאָזט זיך אויף זיין לעבנסוועג שוין באַרג־אַראָפּ — ווידמע איך, אין פאַטערלעכער ליבשאַפט און באַזאָרגטקייט, דיר — שלמהלע מיינער.

ווען דו וועסט עלטער ווערן, מיין זון שלמה נחמן, זאָל דיר אָט די באַ־שיידענע מתנה מיינע זיין גלייכצייטיק מיין צוואה:

זיי געטריי אונדזער פאָלק, דעם פּילגערוועגן און פּילגעליטענעם, און דאָך שעפערישן און עקשנותדיק דויערהאַפטיקן; —

האָדעווע אויס אין דיין געמיט אַ טיפע ליבשאַפט צו זיינע שאַפונגען אויף

אַלע געביטן פון מענטשלעכער שעפערישקייט, אין וועלכן לאַנד עס זאָל נישט לעבן און שאַפן; —

ווי אַ זון פון דעם „עם הספר" זאָל דיר טייער זיין, זאָלסטו ליבן און אַכטן זיין ליטעראַטור, וואָס איז אַלט און יונג און ברייט ווי דער ים, אין אונדזערע ביידע שפּראַכן, העברעיש און יידיש, וואָס זענען אַ צווילינג און האָבן שותפותדיק בלוט; —

זאָלסט הייליקן דעם יאָרצייט־טאָג פון דעם 19־טן אַפּריל, דעם יאָרצייט נאָך די יידישע קעמפער, די גיבורים אין גייסט, וועלכע האָבן אין דעם וואַרשעווער געטאָ געראַטעוועט דעם כבוד פון אונדזער פאָלק אין די אויגן פון אַלע פעלקער; דעם יאָרצייט נאָך הייליקע פאַרשניטענע 6 מיליאָן יידן, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורכן שונא פון דעם מין מענטש נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען מענטשן־יידן; —

אין דעם בלוט און אַש פון די דאָזיקע קדושים האָט זיך אויך אויסגעמישט דאָס בלוט און אַש פון דיינע פעטערס, זייערע פרויען און קינדער: מיין ברודער שמחה, אַ יונגערמאַן אַ פּשוטער, אַ תמים, די ערלעכקייט אַליין, און מיין ברודער ברוך, אַ דיכטער, אין סאַמע בלי פון זיין לעבן און שאַפן, וואָס האָט זיין צייטיקסטע און שענסטע געזאַנג נישט באַוויזן אויסצוזינגען. זאָל זייער הייליק געדעכעניש, ווייל דו וועסט לעבן, וואָך זיין אין דיין זכרון, ווי אַ נר־תמיד, און גיב עס איבער די וויטערע דורות פון אונדזער שטאַם; —

דו ביסט, שלמה נחמן, אַ ייד — זיי זשע אַ גוטער ייד, ווייל נאָר זייענדיק אַ גוטער ייד, קאָן אַ ייד אַ גוטער מענטש זיין.

און דאָס טאַקע איז דער תמצית פון דער יידישער לערע: „ואהבת לרעך כמוך" — זיי אַ גוטער מענטש.

וואַרשע. יוני, 1957



# מיין געזאַנג צום יידישן פאָלק

א.

ס'איז יעדעם פאָלק מיין פאָלק, ווייל מענטשן זענען ברידער;
נאָר דו, מיין יידיש פאָלק, מיין גרייז־און־גרויער שטאַם,
צו דיינע טריט איך לייג זיך, ווי א פונק אנידער
און רייס זיך צו דער הייך מיט דיין געהיימען פלאַם.
ווען ס'הייבן קעגן דיר א שטורעם שטויב די שונאים,
איך שטעל ארויס דער זון דורך אים מיין יידישן פנים;
און בליצן שווארצע כמאַרעס אויף דיין ווייסן קאָפּ —
איך טרעט פון דיר, מיין פאָלק, נישט אָפּ.

ב.

ביסט נישט קיין וואנדער־פאָלק — האָסט פיינט דאָס גרויע וואָגלען,
אין באָדן קלאַמערט זיך דיין וואָרצל, ווי א צוואַנג;
דיין שטערן שטאָלט זיך קעגן שלאָגנדיקע האָגלען,
און קעגן שטורעם זיך הארטנעקיקט דיין געדראַנג.
בלויז כוחות בלינד־מטורפע דיך וואָגלען צווינגען;
זיי רייסן פון דיין שטאַם־לייב ריגען אויס נאָך ריגען,
און פליקן פון דיין קאָפּ אויס זשמודעס האָר נאָך האָר,
און ווילן אומברענגען דיין וואָר.

ג.

נאָר אויסגעגליט דיין העלע וואָר האָט די געשיכטע,
און ווי דער סנה אין מדבר ווערט זי נישט פארלענדט,
זי רעגנבויגנט זיך מיט טויזנטערליי ליכטער
און שטראַלט ארויס דורך שמות און צעשטערטע ווענט.

דו יאָמערסט אָפּט, מיין פאָלק, אין פיינלער=ווילדע ווייען,
דיין לייבן=קאָפּ באַדעקט זיך מיט געדיכטע שנייען, —
נאָך טונקעלער עס ווערט נישט דיין געדאַנק — ער וואַכט,
ער דענקט דעם קעפערס האַק און — לאַכט.

ד.

עס לאַכן דיינע ריקעס בלוט, די טיפסטע וונדן,
עס לאַכט דיין זידנדיקע און פארקילטע טרער,
און ס'לאַכט דער צאַפּל פון דיין הויט בעתן שונדן; —
מיט שפּאָט דו בויערסט דורך דעם תלינס טויב געהער
און האַמערסט, ווי א דונער, אין זיין אָקסן=שאַרבן:
„איך בין נישט שטערבלעך! וויפל כ'זאָל נישט שטאַרבן
פאר דיינע אויגן, — העלט נאָך ערגעץ אין דער וועלט
די קינדער יעקבס גוט געצעלט!...“



ערשטער טייל



# פאלקסטימלעכע באלאדן

# דער מלך שלמה און די פּאַוועס

.1

דעם מלך שלמה האָט זיין חכמה נישט געדינט,
ער זאָל זיך פון פאַחריסנקייט באַפרייען:
די גאווה מאַכט א יעדן מענטשן בלינד —
צי קאָן א בלינדן העלפן דען כלי־זיין?

און קלוג איז ער געווען! ער האָט געקאָנט די שפּראַך
פון מענטשן — אויך פון עופות, חיות;
זיין קלוגער אויער איז געווען אפילו וואַך
פאַר גראָז און קנאָספּ, וואָס גרינען אויף מיט נייעם.

ער האָט דעם אָדלער און דעם לייב באַהערשט דערום,
ער זאָל אויף זיי, ווהין ער וויל נאָר, רייטן;
דער שטאַרקסטער לייב אים טראָגט הכנעהדיק און שטום,
דער אָדלער פליט מיט אים צו ווייטסטע ווייטן.

„... די וועלט איז קליין פאַר מיר", — דער מלך קלערט
אליין אָפטערער, און הייסט דעם אָדלער קניען,
און זעצט אויף אים זיך שטאָלץ, און זאָגט: — באַפליגלט פערד,
כ'באַפעל דיר צו די העכסטע בלויען פליען!

„...איך וועל די שטערן און פּלאַנעטן, — שלמה טראַכט —
מיט חכמה מיינער מאַכן אונטערטעניק,
וויל ווייזהייט איז דאָס בעסטע וואָפן אין א שלאַכט,
ב'וועל זיגן און אין הימל ווערן קעניג!..."

נאָר איינמאָל, ווען דער אָדלער זייער הויך אים טראָגט,
באַפאַלט אים אין זיין טראַכטעניש א דרימל,
און ער דערפילט ניט, ווי די זון אין קאָפּ אים שלאָגט
מיט שטראַלן־ריטער... פינצטער ווערט דער הימל...

עס האַלט שוין מיטן שטאָלצן מלך שלמה שמאָל,
ער ווערט אָט־באַלד פון לעבן אָפּגעזעגנט,
נאָר דאָ געשעט א גרויסער נס אים מיטאַמאָל:
א מחנה קלוגע פּאַוועס אים באַגעגנט;

דערזען דעם בראָד, זיי טוען א פאַרשטעל די זון,
און ווי א כמאַרע איבער אים זיי פליען,
זיי פּאָכען, קילן אָפּ אים מיט די פליגל, און
דער בלאַסער מלך עפנט אויף די וויען.

פאַרשטאַנען גלייך: די פּאַוועס האָבן אים פון טויט
געראַטעוועט, ער זאָגט צו זיי באַשיידן:
— איר זענט מיר בייגעשטאַנען אין א גרויסער נויט.
א דאַנק אייך! זאָגט מיר... איך דערלויב אייך ריידן,

מיט וואָס איך זאָל אייך אָפּצאָלן פאַר אלץ? פאַרלאַנגט,
און וואָס איר ווילט פון מיר, וועט איר באַקומען.
— איז ווייניק דען, וואָס ס'האָט דער מלך אונדז באַדאַנקט? —
דער פירער פון די פּאַוועס הייבט אָן ברומען —

נאָר אויב מיר האָבן שוין ביי אים געפונען חן,
זאָל מיר דערלויבט זיין זאָגן מיין באַגערן:
די פּאַוועס — ס'גאַנצע פאָלק מיינס, ניט נאָר מיר אליין,
מיט קריינדלעך גאָלדענע באַקרוינט זאָל ווערן.

— געפעלט, — טוט א זאָג דער מלך מילד,
אן אומעט־שמייכל נעפּלט זיינע אויגן.
די פּאַוועס טוען א צעשריי זיך פריידיק־ווילד:
— א לויב דעם מלך! — און אוועקגעפלויגן.



.2

אויף מאָרגן, ווען דער אײַנגאַנג פֿון דער זון באַגינט,
און ס׳קומט מיט זון געקרוינט דער טאָג צו שפּרייזן,
א שטראַל זיך אויף די פּאַוועס קעפּלעך מיט אַ צינד,
און גאָלדן־קריינדלעך נעמען זיך באַווייזן.

פֿאַר זייער טרײַשאַפֿט האָט דער מלך זיי באַלוינט.
זיי לאָזן שטאָלצע זיך ארוים שפּאַצירן:
אפילו אָדלער זענען נישט, ווי זיי, באַקרוינט!
ס׳איז דאָ מיט וואָס, באמת, צו שטאָלצירן!

פֿון דעמלט אָן זיי האַלטן זיך פֿון פֿייגל ווייט
און לעבן, ווי גזירים, אָפּגעזונדערט;
עס וואַקסט אין זיי דער שטאָלץ צוזאַמען מיט דער צייט:
זיי ווילן זיין פֿון אַלעמען באַוווּנדערט.

צום מלך שלמה בלויז זיי קומען יעדעס יאָר
און פֿאַר זיין טראָן הכנעהדיק זיך בוקן;
ער שמייכלט צו זיי פֿריינדלעך — דאָס איז וואָר,
נאָר אומעטיק די אויגן זיינע קוקן.

די פּאַוועס זענען נישט דעם אומעט אין זיין בליק,
מיט זיך אליין בלויז זענען זיי פֿאַרנומען:
מיט זייער קרוין, מיט זייער שטאָלץ, מיט זייער גליק,
צו װעלכע ס׳וועט קיין ענדע דאָך נישט קומען!

נאָר איינמאָל אין א פּאַוועס בליצט אריין א פֿייל,
און צו א יעגערס פֿיס זי פֿאַלט אנידער;
דער יעגער טוט א כאַפּ די פּאַווע מיט געאייל,
און ס׳לויפֿט אים דורך א ציטער דורך די גלידער:

די פּאַווע האָט א גאָלדן קריינדל אויפֿן קאָפּ!
אן אוצר האָב איך אפשר דאָ געקראָגן?! —
ער טוט א זעץ זיך אויפֿן פֿערד און יאָגט גאַלאָפּ:
צי איז עס גאָלד? דער גאָלדשמיד וועט מיר זאָגן.

ער רייסט אראָפּ דאָס קרייגדל, ווישט עס אָפּ פון בלוט
און וואַרפט אַוועק די פאַווע: זאָל זי פּיילן!....
כ'וועל ווערן רייך... זיך איינהאַנדלען א גרויסן גוט...
נאָר כ'מוז פאַר אַנדערע דעם סוד פאַרהוילן...

דער גאָלדשמיד מאַכט א פּרוּוו און ברומט: — ס'איז לויטער גאָלד,
און ווילסטו עס פאַרהאַנדלען, כ'קאָן עס קויפן.
— המם... מסכּים. — און דער גאָלדשמיד וועגט עס אָפּ, באַצאָלט,
און ס'לויפט דער יעגער אין א ווייַנהויז — זויפן.

זיך אָנגעשיכּורט, גייט פון אים אַרויס דער סוד...
און יעגערס לויערן אויף אַלע וועגן;
ס'איז פאַר דעם פאַווע־פאָלק נישטאָ מער קיין געגנאָד,
באַווייַזט עס זיך — פאַלט גלייך א פּיילן־רעגן.

מע קאָן נישט פליען, גישט אין מחנות, נישט אַליין,
די פליגל האָבן פליען שוין פאַרגעסן,
נאָר ווי צו זיין! עס איז געפערלעך אויך צו גיין,
און מ'איז א פייגל דאָך — מע מוז דאָך עסן!

די פאַוועס ליגן אין די זומפּן שטום, פאַרשמאַכט,
די שנאָבלען ציטערן אַרויסצושטעלן;
דער פירער פון די פאַוועס טראַכט כּסדר, טראַכט:
„...ס'איז שלעכט!... מיר זענען אויך דעם טויט געפעלן...

ער וויל אונדז האָבן מיט די קרייגדלעך בלויז פאַר זיך,
און לויערט ער אויף אונדז מיט זיינע פיילן;
אָ, גאָט, ווו נעמט מען שטאָט א גאָלדן־קרוין — א פליך!
איך מוז זיך גלייך צום מלך שלמה איילן...“

און איינמאָל, אין א פינצטערער טיף־שוואַרצער נאַכט,
דער פירער רייסט זיך דורך און קומט פאַר שלמהן:
— אַליין איך האָב אויף אונדז דעם בראָך געבראַכט.
דער טויט האָט אונדז אַרומגעשטעלט מיט צוימען.

באַפֿריי אונדז, גרויסער קעניג, פֿון דיין גרוים געשאַנק,
און לאָמיר גלייך ווי אַלע פֿייגל ווערן... —
עס שימערט אויף אין מלכס אויגן דער געדאַנק,
וואָס פֿלאַטערט אין די פֿאַלדן פֿון זיין שטערן:

— געפֿועלט. שטאָט די קריינדלעך, פֿעדערלעך א פּאָר
ביי אייך אַלס לערע זאָלן איבערבלייבן,
און פֿלי צוריק אַהיים צו אַלדי גוטע יאָר; —
ווי פֿעסט, מע דאַרף פֿון זיך די גאווה טרייבן.

די פּאווע זעט זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם טראָן:
דאָס קריינדל אויפֿן קאָפּ איז דאָך נישטאָ שוין!
עס וויינט דאָס האַרץ... דאָך טוט זי זיך א כּוח אָן
און דאַנקט דעם מלך אויף איר פֿייגלש לשון.

וואַרשע. מאַי, 1955

# דאָס ייִנגל פֿון גליל

*  *
*

סע שווימט די לבנה, אַ בלייכע, באַזאַכט...
ווער הײלט עס? ווער וואָיעט צעלאַכט אין דער נאַכט?

היענעס... פֿון טײַטן פֿון פֿרעמדע זײַ לאַכן,
וואָס וועלן דערגערן און זעטיק זײַ מאַכן.

די שײַן דער לבנהס איז אומעטיק=קיל
און זילבערט דעם קאַלך פֿון די בערג פֿון גליל.

ווער שרעקט די היענעס? ווער שלײַכט דאָ אויף לויער,
אַזוי ווי אַ שאָטן, און שפּיצט אָן אַן אויער?

און שאַרפֿט אויס דעם בליק, ווי דעם שפּיץ פֿון אַ שפּיז,
און פּלוצעם בלײַבט שטיין ער... ווער איז ער? ווער איז?

אַ רוימישער שפּיאָן, וועלכער לויערט מיט מורא
נאָך ייִדן אין הײלן — דער מקלט פֿאַר תּורה.



## 1

דער זקן רבי שמעון בר יוחאי * זיצט אין הייל,
ארומגערינגלט מיט א האַלבן קרייז תלמידים;
ס'לייכט העל דאָס קנייטל אינעם ליימל אָנגעפילט מיט אייל,
נאָר העלערער — דער בליק פון זיינע „בני־יחידים“;
דער בלוי פון רבינס אויגן — קילער, שטילער, טיפער ים,
נאָר נעמט ער רעדן וועגן אויפשטאַנד, ווערט פון וואסער — פלאַם;
און ווען זיין בליק, א פונק, שיין אומדערטרעגלעך ברענט ער,
זיין שניי־באָרד, ווי א פעכער, קילט זיי די געמיטער,
כדי זיי אָנצוצינדן שטאַרקער, טיפער נאָך, אויפסניי;
און כאָטש דער פיינט אינדרויסן, ווי א חיה, לויערט,
און ס'האַלט די הייל זיי אין איר פינצטערניש פארמויערט, —
זיי פילן דאָ זיך אין באַגייסטערונג, ווי פייגל, פריי.

## 2

ס'האָט ליב די יינגלעך — „זיינע לעמעלעך“ — דער זקן
מיט זיידעשן און מיט צעפלאַטערטן געפיל:
זיי גייען צום מזבח העלדיש־אומדערשראָקן...
נאָר ציטעריקער נאָך — דאָס יינגל פון גליל:
זיין טאַטע איז געווען דער ראָש פון די קנאים
און האָט געקעמפט מיט רוימס ציוויליזירטע פראים —
דער גיבור יוחנן פון דאָרף גוש־חלב; און
מע זוכט ארום אים, ווי מיט ליכט, זיין לעצטן זון.
דאָס יינגל ארבעט אין אַן אייל־הויז; מיטן ריח
פון אייל איז דורכגעזאַפּט זיין קליידונג און זיין הויט,
און ד אָ ס פאריאָגט פון אים די רוימער און דעם טויט, —
פון תמימותדיקן לעמעלע פאַר גאָטס מזבח...

---

* ראַבי שימען באַר יוויכאָאי.

## 3

סע טרעפט זיך: ס'קומט נישט דער גלילער אין דער הייל, —
א וואָלקן לייגט זיך אויפן זקנס הויכן שטערן;
זיין אָטעם זוכט דעם יינגלס אראָמאַט פון אייל,
און ס'נעמט די שוואַרצע קראָ פון זאָרג זיין האַרץ פארצערן:
צי האָט אים נישט א שפּיאָן א היימישער דערשנאַפּט?
א שפּין א רוימישע אין איר געגעץ פאַרכאפּט?
ער גייט צו דער עקידה... ס'גליט זיין בליק... אָט ליגט ער...
קוקט מוטיק, ווי זיין טאַטע... און דעם פיינט באַזיגט ער... —
נאָר אָט צוקט אויף א פליגעלע פון רבינס נאָז,
און ס'פינקלט, בליצט מיט גלי דאָס בלוי פון זיינע אויגן:
זיין אָטעם האָט דעם אראָמאַט פון אייל פארצויגן... —
פאר פיין איז אים באַצאָלט מיט פרייד א פולער מאָס!

## 4

באַגינען, ווען דער דרויסן הייבט קוים אָן צו גרויען,
פון הייל ארויס שלייכט יעדער מיט אן אנדער וועג;
דער רבי וועט זיך אויפן מאַרק באַווייזן אין תקוע —
דער שפּיאָן זאָל זען, אז ער ב ט ל ט גאַנצע טעג...
און די תלמידים — יעדער טאָן וועט זיין מלאָכה,
און ווער ס'וועט נאָכגיין אויפן אקערפעלד די סאָכע,
נאָר הזרן דערביי אָן אויפהער אין געדאַנק
די לערע פון ביינאַכט — „דאָס געטלעכע געשאַנק,
וואָס דורך יסורים של אהבה * ווערט דערוואָרבן“.
פאר לערנען תורה דאַרף מען גרייט זיין גיין אין שלאַכט, —
דער גרויסער רבי חזרט איבער יעדע נאַכט —
און אויפן פייער, ווי א לאם, זיך ברענגען פאר א קרבן...

---

* יסורים של אהבה — ליבע־ליידן.

5

איז חוץ דעם חושך קיינער נישט פאַראַן אין הייל?
צי שטיקט זיך עס אזוי די שטילקייט מיט איר אָטעם?
— נו, זאָג, — בעט היים דאָס יינגל פון גליל — דערציייל...
— אַן אייגענער! א ייד! דעם רבין האָט פאַראַטן!
תקיע שמועסט: פון דער גילדערנער דער פאָן,
א ר ב י דאָס אומווערדיקייט האָט גראָד געטאָן...
— גיי ווייס הײנט, ביי די רוימער ווער סע איז א מאכער!...
— זיין נאָמען? — כ'ווייס? יימח־שמו! א „דבר־אחר“ *...“
— און ע ר, דער רבי אונדזערער, ווו איז אצינד?
— אַנטלאָפן מיט זיין זון אלעזר... און פארבאָרגן
איז זיין באַהעלטעניש, ביז קומען וועט דער מ אָ ר ג ן... —
דאָס יינגל פון גליל צעוויינט זיך ווי א קינד.

6

סע שווילט די בענקשאַפט אינעם האַרץ פון דעם גלילער,
צום רבינס בליק — דעם תכלית־ים — זיין האַרץ גייט אויס,
און פאר זיין יונגן לעבן שטעלט זיך פאר א ציל ער:
נאָך הערן בר יוחאים הייליק וואָרט כאָטש איין מאָל בלויז.
און ביי זיין באַלעבאָס פון אייל־הויז פייעלט אויס ער:
כאָטש יונג נאָך, אָבער כוח האָט ער ווי א גרויסער
צו טראָגן קאַנען אייל, סע וועט אים זיין נישט שווער, —
איז זאָל ער זיין א טרעגער, ווי ס'איז זיין באַגער.
ער טראָגט טאָג־איין, טאָג־אויס די קאַנען איבער וועגן,
לאָזט פירן זיך פון יעדן אָפּגעלייגטן שטעג,
ער פאָרשט, שפּירט אויס, און גרייכט צו יעדן העק,
און ווו דעם רבינס הייל איז, זיינע אייגן פרעגן...

* אַן אַלוזיע אויף אַחרן — אלישע בן אבויה.

## 7

די שפּיצן בערג זיך לעשן איין. די זון זיך שיידט.
די דעמערונג פאַרשלייערט שוין צום שלאָף דעם באָדן.
און צו א באַרגפּוס דער גלילער קוים דערגייט,
פאַרשוויצט, פאַרסאָפּעט, מיט א פולן קאַן באַלאָדן.
א באָקסערבוים! ער לייגט זיך אונטער אים און טראַכט:
„כ'פאַרטרוי דעם אייבערשטן מיין זעל, דעם גוף — דער נאַכט;
און אפשר — וואָס סע האָט דער טאָג מיר נישט געגעבן,
וועט שענקען מיר דער חלום: דאָס געשטאַלט פון רבין...“
ער דרימלט. ס'חלומט אים זיך: עמעץ רייסט די פרוכט...
די בלעטער שאָרכען שטיל... פאַרשטעלט א קוועלעכל דאָ ריזלט...
ער כאַפּט זיך אויף — און אויג א שטערנשטראַל אים שפּיזלט...
ער טאַפּט ארום דעם בוים — אָט איז עס, וואָס ער זוכט!

## 8

דער בוים פאַרשטעלט א הייל־אַריינגאַנג מיטן רוקן!
די באָקסערס קאָנען קלעקן גאַנץ גענוג אויף שפּייז...
אויך קוועליק וואַסער איז פאַראַן... — ער נעמט זיך בוקן
מיט קלאַפּנדיקן האַרץ: איז אפשר ד אָ דער גרייז?!
ער קריכט אַראָפּ אין הייל און שלעפּט דעם קאַן אַרונטער.
ער שלייכט אין חשכות, פון דער האָפענונג א באַמונטער.
ביז פּלוצעם — א געשעפּטש: — אוי, טאַטע... הערסט?... מע גייט!
און ס'ענטפערט פּעסט דער רבי: — כ'הער מיין זון... זיי גרייט...
— ס'איז איך... דער... איינער פון די לעמער צו דעם רבין —
זאָגט שטיל דאָס יינגל פון גליל — ס'האָט מיך געבראַכט
די בענקשאַפט נאָכן רבינס ליכטיקייט ביינאַכט...
כ'בין גרייט א קרבן־תמים ברענגען דיר — מיין לעבן.

9

— און חושך שיינען דיינע שוואַרצע אויגן, לאַם,
און אויפן פעלדז־געוועלב זיי בליאַסקען שאַרף, ווי שטערן;
ביסט, יונגער פּלאַנץ, געשטאַלטיקט לויט דיין פּעסטן שטאַם,
וואָס זיינע זאַפטן דיינע אָדערן דערנערן. —
און ס'נעמט דער רבי אים ארום ביי לעצטן וואָרט.
ער פילט: סע בריט זיין אָטעם, און סע קילט זיין באָרד,
און טוליעט זיך צון אים — און אייניקל צום זיידן;
און ביידע האַלדזן זיך — זיך קיינמאָל נישט צו שיידן.
— אוי, זיידע, ווען וועט קומען די גאולה? זאָג...
— די זון פון אויסלייז אין א נעפּל איז פאַרהוילן...
נאָר לאָמיר זיצן אויף די גרוי־פאַראַשטע קוילן
און איינהיטן דעם לעצטן פונק פאַר יענעם טאָג...

10

דעם טראָט פון דעם גלילער קאָן שוין יעדעם שטעגל,
און יעדער פעלדז־ארויסשטאַרץ אים מיט זיך פאַרשטעלט,
ווען ער צום רבינס הייל ביינאַכט איז עולה־רגל
און מורמלט שטיל: „ווי גוט איז, זיידע, דיין געצעלט...“
און ווען ער גייט צוריק, א יעדער שטעג פאַרדרייט זיך
און שלענגלט זיך אוועק, לאָזט שפּראָצן גראָז און פרייט זיך,
וואָס דער מסירת־נפשדיקער יונגער טראָט
וועט בלייבן פאַר די נאָכשפּירער א שטומער סוד...
סע טראָגט דאָס יינגל פון גליל די קאַנען,
און פאַר זיין בליק: דעם רבינס אויגן — בלויער ים,
דעם רבינס הייסע וואָרט און אותיות פון פלאַם, —
צי האָט ער עס ביז גאָר דער טיפסטער טיף פאַרשטאַנען?...

## 11

— אלעזר, — זאָגט דער טאַטע — זע, די נאַכט איז שוואַרץ,
דאָס פייערציגגל ציטערט, ווי א זעל, אין ליימל...
סע קלאַפּט און זאָגט נביאות מיר אויף שלעכטס מיין האַרץ,
איך זע: דאָס ייגגל — ווי אין שטורעמווינט א ביימל...
— צי וועט ער, טאַטע, אויסהאַלטן די גרויסע פּיין,
געקרעפטיקט דורכן דיין לערע און איר מילדע שיין?...
— איך זע: ער צאַפּלט זיך... זיין פּנים ווייס, ווי קאַלך, איז...
— צי וועט ער שטאַרק זיין, ווי די צען הרוגי=מלכות?...
— גיי האָרך זיך איין דאָרט ביי דער עפנונג פון דער הייל, —
צי וועסטו נישט משיחס שטילע טריט דערהערן,
און אויב סע שיינט זיך דורכן באָקסערבוים א שטערן,
איז פרעג אים: שומר, מה מלילה? מה מליל?...*

## 12

— געפּאַקט! בלייב שטיין! — און ס'איז אין חושך ווער געפאַנגען.
— ווער ביסטו?... פיר אונדז צו דער הייל... אזיסט — דיין טויט! —
אלעזר האָרכט און פילט: דאָס האַרץ איז אים צעגאַנגען —
סע טיילט זיי אָפּ דאָך בלויז פון בוימגעצווייג דער פלויט.
— פאַרפאַלן — זיפצט דער שבוי ** אָפּ — איך וועל אייך פירן,
ס'איז מיר א שאָד דאָס יונגע לעבן צו פארלירן... —
אלעזר כאַפּט זיך פאר דער ברוסט מיט ביידע הענט:
„ס'איז ע ר!“, סע טוט אין אים א יאָג דאָס בלוט מיט פענד,
און, ווי א שוואַכע צווייג, סע שיידערט דורך א גרויל אים — — —
גאָר האָרך: זיי גייען אָפּ... אלץ ווייטער... ווייטער... שטיל..
די נאַכט איז פעך... א שטערן בלינצלט קלוג און קיל:
ווי לייכט ער גייט אקעגן טויט. אז גוט און ווייל אים...

---

* שומער, מאַ מיליילע? מאַ מיליל? — וועכטער, וואָס הערט זיך אין דער נאַכט?

** שאָווי — געפאַנגענער.

## 13

— צי פירסטו אונדז נישט פאר דער נאָז, געמיינער ייד?!
ווי שטריקלעך שלייפסטו קונציק שלייף נאָך שלייף די שטעגלעך... —
פון צאָרן אין דעם רוימערס האַרץ דאָס בלוט פארזידט —
ווייזט אויס, דיין הינטיש לעבן איז דיר אומדערטרעגלעך...
— ס'האָט רוים דאָס לעבן פון מיין פאָלק געטאָן א בראָך, —
זאָגט שטיל דאָס יינגל — אומדערטרעגלעך איז זיין יאָך;
און כאָטש מיין לעבן איז מיר טייער, איז אומזיסט דיין שרעקן:
איך וועל מיין רבינס הייל די רוימער נישט אַנטפּלעקן!
— ביסט יונג און ווייסט, אפנים, נישט דעם טעם פון טויט...
— מאַכט ליכטיק!... גיסט אויף אים דעם אייל פון זיינע קאַנען
און צינדט אים אָן! — וועסט רעדן שוין... פארשטאַנען?
ווען ברענען וועסטו, ווי א לעבעדיקער קנויט!

## 14

דער באַרג עצמון פלאַמט אויף, און מיטאַמאָל דערשראָקן
פארשווינדט די נאַכט פון די שיפועים און פון טאָל;
און ביי דער עפנונג פון דער הייל זיצט שטאַר דער זקן
און זעט אין פלאַם זיין לאַם... צי הערט ער נישט זיין קול?...
— אלעזר... — פינטלט מיט א הייסע טרער זיין וויע —
מיין תלמיד איז אן עמוד=אש... קוק אָן מיין זכיה!...
ער וועט אריבערלייכטן העל פון דור צו דור
און אין דער אייביקייט אריינשיינען די וואָר,
וואָס ער אין הייל דערוואָרבן האָט זיך פון זיין רבין... —
און דער גלילער שרייט פון באַרג עצמון דורך פלאַם:
— דער פיינט פארלענדט האָט נאָר די צווייגן, נישט דעם שטאַם!
ס'וועט רבי שמעון בר יוחאי אייביק לעבן!...

# צער־בעלי־חיים

1

## אָוונט

די שקיעה פאַרשווענדעריש האָט זיך געזעגנט,
פאַרשיכורט די וועלט מיט איר בלוטרויטן ווײַן — —
אין שטילקייט פון אָוונט הילט אײַן זיך די געגנט
און שווײַגט ווי פאַרכישופט אין זילבערנער שײַן.

ס'איז פול די לבנה, אין פריש, און פאַרעיגולט,
אַזוי ווי אַ צייטיקע, זאַפטיקע פרוכט;
איר צווילינג זיך וויגט אינעם טײַכל צעשפּיגלט,
נאָר ס'ווייסט נישט דאָס טײַכל, און פליסט זיך און זוכט,

און זוכט די לבנה, וואָס זילבערט און ניקלט
די וועלעבלעך זייגע, ווי שופּן, מיט בלאַנק;
די שטילקייט אומזיסט מיט באַנדאַזשן עס וויקלט:
פון ליבע און בענקשאַפט דאָס טײַכל איז קראַנק.

פאַרהוילן איז ערגעץ אַ מאַמע אין הימל,
אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט בלויז אַ ליכטיקע ברוסט,
וואָס זייגט אָן די געגנט מיט מילכשיין און דרימל:
די פעלדער, די וועלדער, דאָס גראָז און דעם קוסט.

## א גייער

ווער טרעט דאָס א שטאָלצער דעם שטויב אויפֿן שליאַך?
ווען אַלץ איז פֿאַרדרימלט — ער איינער איז וואַך?!

א זקן א שטאַלטנער; זיין באָרד — ווייס און לאַנג;
א שטעקן אין האַנט, כאָטש ס'איז האַסטיק זיין גאַנג;

די אויגן — העל־בלויע און וואַרפֿן א שיין
פֿאַרויס אויפֿן שליאַך; זיינע קליידער פֿון ליין,

א בלענד פֿון זיי שלאָגט, אזוי ציכטיק און ווייס, —
וואָס טויג אים די טאָרבע פֿון היגטון, דעם גרייז?

ער גייט אין א וויכטיק שליחות געוויס —
ס'באַשטויבט נישט דער שליאַך זיינע באָרוועסע פֿיס.

זיין בליק ווערט געשפּאַנטער — א סטרונע אין סמיק,
זיין איער — פֿאַרהאָרכטער: עס שפּילט ווו מוזיק...

א חתונה פּראַוועט אין דאָרף דער רענדאַר;
ער פּרייט זיך און שפּירט נישט: סע קומט א געפאַר...

און פּלוצעם: דער זקן — אן אָרעמער מאַן,
און שלאַבעריק־זקניש — זיין באָרוועסער שפּאַן;

געבויגן און שווער אויפֿן שטעקן געלענט;
דאָס פּנים — אין פאַלדן, ווי פאַרמעט — די הענט;

די באָרד איז פֿאַרקאָלטנט, פֿאַרשטויבט און פֿאַרבלויט,
די ליינענע קליידונג — געלאַטעט, פֿאַרגרויט, —

א שלעפער, וואָס שלעפּט זיך צו בעטלען א קיי,
און אפשר — שטאָט דעם וועט ער קריגן א שפּיי...

— — — — — — — — — — — — — —

ער גייט אין א וויכטיק שליחות געווים —
דער שליאַך האָט באַשטויבט זיינע באָרוועסע פיס.

## אין דאָרף

די כאַטעס, די שייערן, שטעלער —
זיי טוליען זיך איין ביי דער ערד:
אין זילבערנער בלוישיין אין העלער
דער שלאָף איז זיי איצטער געשטערט;

סע הויערט אויף שטרויענע העכער
די בלוישיין געמישט מיט מוזיק,
וואָס גיסט זיך אלץ ווייטער און העכער; —
ווער באָדט זיך עס היינט אין זיין גליק?

דער פריץ, וואָס תמיד פאַריאָכט ער
דעם לייבקנעכט און לעבט פון זיין צער?
ס'מאַכט חתונה גליקלעך זיין טאָכטער
דער יידישער קאַרגער רענדאַר.

זיין הויז, וואָס מיט שינדלען געדעקט איז
און בלענדט מיט געקאַלעכטע ווענט,
די געגנט די גאנצע איצט וועקט עס,
מיט פרייד מיט צעפלאַטערטער ברענט.

צוריק פון דער חופה שוין פירט מען,
מע טאַנצט קעגן פּאָרל צעהיצט,
אז קיום וואָס דעם באָדן באַרירט מען;
סע טריפן הבדלות פאַרשוויצט...

צעעפנט די פּעצטער און טירן,
דאָס הויז אָטעמט פאַרנע און הויך;
סע שימערן, נעפּלען געשירן —
מען עסט שוין די גילדענע יויך...

וואָס שווייגן איצט שטיל די קלעזמאָרים?
וואָס רוען די כלים פאַרשמאַכט?...
דער כלה נעמט טאָטשען א וואָרעם,
דער חתן ווערט שטום און פאַרטראַכט...

ס'וואַקסט איים אויף דער שוועל פאַר די אויגן
א פּלעק, וואָס פאַרווונדערונג וועקט:
סע שטייט האָרט א בעטלער געבויגן,
א האַנט צו דעם עולם געשטרעקט,

געלענט אויף א שטעקן — די צווייטע,
די אויגן פאַרבעלמעט און שטאַר,
מיט שטייבן די באָרד א פאַרווייטע
דאָס פּנים אין קנייטשן פון צער...

— דו ביסט מיר געקומען פאַרשטערן
מיין שמחה? מיין פרייד און מיין גליק? —
שרייט איים דער רעגדאַר. — כ'בין נישט גערן...
צוריק גיי אין הקדש!... צוריק!

— איך ווינטש זיך, — איים ענטפערט דער שלעפּער —
א שיסעלע גילדענע יויך... —
די האַנט שטרעקט אריבער די קעפּ ער —
אויך איך האָב א מאָגן... איך אויך...

— ארויס! — דער מחותן צעבילט זיך,
שפרינגט אויף פונעם אָרט, ווי א הונט —
גאָר גילדענע יויך אים פארווילט זיך...
און עזות!... ער מאַכט אזש א בונט!...

ארויס! — נאָר דער בעטלער שטייט ווייטער,
די האַנט א געשטרעקטע פאר זיך.
— הערש לייב! — צום משרת־יונג שרייט ער —
פאריאָג אים!... וואָס שטייסטו?... גו, גיך!

נאָר ס׳פעלט אים אוים גבורה, הערש לייבן:
א יידן?... פון יידישער שוועל?!...
ער פאָלגט נישט... כאָטש ס׳איז נישט צו גלייבן,
ער ווערט בלויז פון פחד גרין־געל.

— יוזעפיע! — א רוף טוט ער שאַרף אים, —
דער פערדיונג לויפט צו און בלייבט שטיין —
נעם אָן פאַרן קאָפּ אים און וואַרף אים,
אז קלייבן ער זאָל דאָרט די ציין!

טוט יוזעף א שפאַן... נאָר דערשראָקן
נעמט פרעפלען: „אָ, יעזו דו מיין!"
דער שלעפער — א ליכטיקער זקן
מיט העל־בלויע אויגן, פול שיין...

בלייבט שטיין ער פארבלענדט, א צעמישטער,
און בלאַס ווערט זיין פנים — א מת;
מיט שוידער די וויעס זיך ווישט ער:
צ׳ זעט דאָ נישט קיינער דעם נס?!...

באַהערשט שוין נישט מער דער רענדאַר זיך,
און טוט אויפן בעטלער מיט פענד
א לאָז מיטן קאַרק און א שפאַר זיך
מיט רשע־מרושענע הענט.

זיי טוען בייגאַנד זיך א וואַקל
און פאַלן אַריים אויף דער גאַס;
די העלע לבנה — א פאַקל,
ווערט טונקל, און געל, און טויט־בלאַס...

געפלעפטט בלייבן זיצן דאָ אַלע,
פארקויקט אין דער והעם פון דער טיר:
סע חלשט פון אימה די כלה,
דער חתן רוקט אָפּ זיך פון איר:

ס'איז פינצטער און וויסט זיין מערכה!

———————————————

דער בעטלער שטייט אויף פון דער ערד
און טוט מיט זיין שנופּטוך א פאָכע —
פארוואַרפט דעם רענדאַר אין א פערד...

ער טוט זיך א זעץ אויף אים רייטן,
דאָס פערד טוט גאַלאָפּ אים א טראָג.
סע לויפן אַנטקעגן די ווייטן.
די זון נעמט באַקרייגען דעם טאָג.

## א רייטער

ווער רייט עס גאַלאָפּ איבער זונגבּרען? זיין רייטן
דורך שטויביקע שליאַכן — וואָס זאָל עס באַדייטן?

וואָס האַלט ער אין האַנט דאָרט? ער שלאָגט מיט א שטעקן?
ער פאָכט מיט א ביימשל, דעם פערד בלויז צו שרעקן.

דאָס פערד איז א קרעפטיקס און לויפט ווי געפלויגן,
נאָר ס'קוקט אין די ווייטן מיט... מענטשלעכע אויגן.

א שטויב ליגט געדיכט אויף זיין פעל אויף דער רויטער,
כאָטש ריין איז די טראַכט פונעם רייטער און לויטער.

דאָס פערד איז צעפּאַרעט, ס'רינט שווייס פון זיין שטערן,
און ס'גלאַנצן די אויגן מיט... מענטשלעכע טרערן.

נאָר אויך אין די העל־בלויע אויגן פון רייטער
זיך נעפּלט אַן אומעט: „אוי, ליידט ער! אוי, ליידט ער!...“

און ס'לויפן די מיילן אין וואָלקנס פון שטויבן,
דער באָדן שטראָמט אונטן, דער הימל פליסט אויבן,

און פעלדער, און וועלדער, און גראָז — ביי די זייטן,
און ווי קאַרוזעלן זיך דרייען די ווייטן.

דער ציל פון דער רייזע, ווייזט אויס, איז אַלץ ווייטער — — —
נאָר אָט־אָ פאַרהאַלט מיטאַמאָל זיך דער רייטער.

ס'קומט אָן אים אַנטקעגן א ייד לעם א וואָגן;
סיי ער, סיי דאָס פערדל — פאַרמאַטערט, דערשלאָגן,

און מאָגערע ביידע — בלויז הויט און בלויז ביינער, —
דער וואָגן איז פיל מיט געוואַלטיקע שטיינער,

אז ציען וואָלט קוים אים א פערד א געזונטער;
די לאַסט שלעפּט דאָס פערדל, דער ייד שטופּט זי אונטער.

נאָר ס'איז נישט געהאָרכזאַם זיי ביידן דער וואָגן.
נעמט שרייען דער ייד אויפן פערדל און שלאָגן,

ווי ס'וואָלט זיך באמת אין אים בלויז געווענדן,
און ס'רייסט זיך דאָס פערדל, גורט אָן זיינע לענדן,



און שלאָגט זיך ארויס פון די כוחות די לעצטע,
ביז ס'בלוטיקט זיין לייב און די פעל די פארקרעצטע...

— רב ייד! — שרייט דער רייטער — ס'א צער=בעלי=חיים!
וואָס שלאָגט איר א ברודער?... צי זענט איר דען קין?

איך זע נישט דעם צייכן ביי אייך אויפן שטערן...
— איי, פריץ, — ער ענטפערט — איך האָב צו דערנערן

אן אשה מיט קינדער... ס'וועט גאָט מיר פארגעבן...
ווי שטייט דאָרט אין פרק: „ביגוואַלד מוזסטו לעבן"...

(דער ייד נעמט זיך קראַצן פארדמיונגט דאָס בערדל)
סיי איך, סיי — ווי זאָגט איר — מיין ברודער דאָס פערדל...

אז קוים וואָס סע זשיפּעט און מאַכט מיט די זייטן,
אזעלכם „לחפשי"* שוין שיקט מען באַלייטן...

— ס'איז וואָר, — שפּרינגט אראָפּ פונעם רייטפערד דער רייטער,
דער ייד, אליץ פארדמיונגט, א בערדל=שפּיץ קייט ער —

כ'בין גרייט דיר צו העלפן... אָט לאָמיר זיך בייטן
מיט אונדזערע פערד... נישט אויף אייביקע צייטן...

נאָר בלויז אויף א יאָר... ס'איז מיין פערד ווי פון אייזן...
און דארפסט — נישט מיט האָבער, מיט היי בלויז עס שפּייזן...

נאָר גיך וועט זיך מוישן דיין וויסטע מערכה:
אין אליץ, וואָס וועסט טאָן, וועט אריין ס'מזל=ברכה.

— נו, מילא... — דער ייד הייבט אָן חקירהן — מע קאָן עס...
מיין פערדל... ס'איז טאַקע דערויף א רחמנות...

---

* לאַכאָפּשי — אויף דער פריי.

די פּעל פון דעם שינדן איגניכן דאָך וועל איך... —
ער שפּאַנט אוים דאָס פערדל פון וואָגן פּאַמעלעך

און שפּאַנט איין דאָס פערד... איז עס וואָר, צי א חלום?...
סע זאָל נאָר די שטיינער דערפירן בשלום...

דאָס פערדל נעמט אָן פארן ציימל דער רייטער,
און קעגן דער שקיעה ער לאָזט זיך גיין ווייטער.

## די עגונה

א וואָך נאָך א וואָך גייט אריבער,
און ס'קערט זיך נישט אום הער רענדאַר;
סע ווערט זיין עגונה אלץ טריבער —
איר נאַגט ווי א וואָרעם דער צער:

ווי לאַנג וועט זי וואַרטן און זיצן
און זאָרג פאר די קינדער — אליין?
און, ווער וועט זי שפּייזן און שיצן? —
איר גורל איז האַרט ווי א שטיין!

זי נעצט אים און וויקט אים אין טרערן —
ער זאַפּט אירע טרערן נישט איין;
סע האָט זיך פאַרטונקלט איר שטערן
און קאַרגט אויך זיין טונקעלע שיין.

דער איידעם, די עלטערע טאָכטער
זיך שאַפן מיט איר, מע באַפעלט,
און ווי אויף אַ דינסט אַ פאַריאָכטער
מע שרייט, און מע זידלט, מע שעלט.

דאָס הויז איז ווי ענגער געוואָרן,
דער קאַלך פֿון די ווענט איז אַראָפּ,
און ווי מיטן אייבערשטנס צאָרן
די סטעליע דריקט שווער אויפֿן קאָפּ.

סע ווערן — הגם זי באַהאַלט עס —
פֿאַרווייסט און פֿאַרקאַלכט אירע האָר;
אויף צווייען דעם קאָפּ אירן שפּאַלט עס, —
ווי לאַנג ס׳איז אין צרות א יאָר!...

## צווישן האָפֿענונג און שרעק

א טאָג פֿאַרגייט, א טאָג גייט אויף —
דאָס לעבן מישט די בלעטער;
ווער ס׳גייט אַראָפּ, ווער ס׳גייט אַרויף —
א קלעטער נאָך א קלעטער.

און אַז סע גייט אַוועק דאָס יאָר,
דער רייטער קומט צו רייטן, —
דער שטיינערפֿירער שמט שוין גאָר
אַלס עושר צווישן לייטן.

דער רייטער איז אים גוט באַקענט,
נאָר ס׳הייסט פֿערד — „מיין פֿערדל?
דער באָדן אונטער דעם דאָך ברענט?!“ —
ער גלעט זיין גאָלדן בערדל:

— וואָס ווילט איר, רייטער זאָגן, וואָס?
איך וואַרט, איר זאָלט באַפֿעלן,
כ׳וועל אַלץ דערפֿילן, באַלעבאָס —
זיך זעלבסט בדלות שטעלן...

— כ'האָב דאָס דיר דערמאָנט נישט געזאָגט, —
מילד שמייכלט צו דער רייטער —
האָסט יאָרן זיך געגנוג געפּלאָגט —
און עשירות לעב זיך ווייטער.

נאָר גיב מיר אָפּ צוריק מיין פערד,
שפּאַן אויס עס פון דיין וואָגן,
און נאַ דיר דיינס... ס'איז דעם באַשערט
דו זאָלסט עס מער נישט שלאָגן. —

דער שטיינערפירער גייט אין שטאַל
און פירט ארויס... א שאַרבן...
דאָס רייטפּערד טוט א קני, א פאַל, —
צי האָלט עס שוין ביי שטאַרבן?

צו לעבן בלויז פון היי איז שווער,
ווען ס'פּראַצעווען די גלידער.
דער רייטער זאָגט: — שטיי אויף און הער:
וועסט נאָך א מענטש זיין ווידער!...

סע שטעלט זיך אויף און הייבט אָן גיין,
און שטשירעט מיט די ציינער;
סע שלעפּט א משא — זיך אליין —
א מאָגער זעקל ביינער.

ארויס אין פעלד... דאָס גראָז איז זיס...
דער מרחק פיל מיט רייץ איז...
דער רייטער — זעט עס — ווערט א ריז,
ער נעמט עס אויף די פּלייצעס

און שפּרייזט מיט לייכטע טריט אוועק,
ווי נישט געשפּרייזט — געפלויגן;
אין צווישן האָפענונג און שרעק
דאָס פערד שליסט צו די אויגן...

## דערלייזונג

אריבער א יאָר שוין. ס'ווישט אוים די עגונה די שויבן...
מיט זונשיין דאָס דאָרף איז פארפלייצט און מיט זילבערגע טויבן.

די מרערן פארשווינדלען די שיין און פארוואָרפן אין קראָען
די טויבן, וואָס שוועבן און קרייזן אין מרחק דעם בלאָען.

די קינדער זיך שפּילן אינדרויסן. זי עפנט דאָס פענצטער.
— אוי, מאַמע!... הער ייד!... וואָס דער טאַטע!... — צעשרייט זיך דער קלענסטער.

זי איז אויפן הויף שוין... דאָס איז ער, דער בעטלער! וואָס וויל ער?...
זי פאָרשט מיטן בליק אים. — גוט מאָרגן, עגונה! — זאָגט שטיל ער.

— גוט מאָרגן?! — זי מורמלט — אז אָך און אז ווי מיינע יאָרן!
צוזאַמען מיט אייך איז מיין מאַן דאָך פארפאַלן געוואָרן...

און אָט זענט איר דאָ... און מיין מאַן — נישט מען האָרכט, נישט מען זעט'ן...
אוועק... ווי אין וואסער... נעבייי וואָלט געוועזן ער מיר גטן...

— אייך גטן?... צו וואָס?... ער איז דאָ, גלייך ווי איך. צי איר זעט נישט?—
זי קוקט זיך מבולבל ארום און זי שעפּטשעט: — איר שפּעט נישט?

חוץ אייך זע איך שטיין דאָ א פערדל. ס'איז אייערס, מסתמא?
— ניין... אייערס... דורך אויגן קוקט תמיד ארוים די נשמה...

— כ'פארשטיי נישט... וואָס רעדט איר? — צעקלעמט די עגונה נעמט קלערן
און קוקט אין די אויגן דעם פערדל... עס רינט פון זיי טרערן...

— מיין מאַן!... — שרייט זי אוים מיט א בלוטיקן גוואַלדרים פון הארצן—
ווי מאָגער!... ווי קנאָביק!... די ריפן דורך פעל זיינער שטאַרצן... —

זי פאַלט דעם אַרויף אויף דער גריווע, וואָס הענגט ווי אַ קאָלטן,
און העשעט, און בליפּעט — מיר ביידע... מיר זענען פאַרשאָלטן!... —

דאָס גאַנצע בני־בית דאָ שטייט שוין אַרום מיט געוויינען:
פאַר צרות אַראָפּ איז די מאַמע פון זינען, — זיי מיינען.

נאָר באַלד מיט זיין שנופּטוך דער בעטלער טוט פּלוצעם אַ פאָכע:
— זאָל ענדלעך צום גוטן זיך ענדערן אייער מערכה,

סע זאָלן קיין צרות און פּיין שוין אייך מער נישט באַשערט זיין,
און ער, אייער שפּייזער דער קאַרגער, זאָל מער נישט קיין פערד זיין...

און זאָל זיין נשמה דורך תשובה פאַרהיילן די וווּנדן... —
דאָ זעט מען: דאָס פערדל — נישטאָ שוין, דער בעטלער — פאַרשוווּנדן!

און טאַטע און מאַמע אַרומגעהאַלדזט שטייען צעצאַפּלט,
און פרייד־קע טרערן פון זייערע אויגן סע קאַפּלט... — — — ..

דאַן האָבן זיך אַלע, דערשטויגטע, געכאַפּט און פאַרשטאַנען:
סע איז אליהו הנביא אוועק ערשט פון דאַנען.

ווארשע. אויגוסט, 1956.

# די אײדלשטײנער פונעם חושן

**אויפן פרישן קבר פון שלום אש**

.1

רב לײבעלע, אַ ײנגעלע מיט גאָלד־געלאָקטע האָר
און בלויע אײגעלעך, אַן עילויכל פון פינעף יאָר,
פאַרזשמורעט שמאָל די ברעמעלעך און פאַנגט מיט זײ די שטראַלן
פון חלבענעם ליכט, וואָס שמעלצט און שפּריצלט אויפן טיש.
סע מיניעט פאַר זײן בליק זיך אַ קאָלירקער געמיש,
און רעגנבױגנס פון דער נידעריקער סטעליע פאַלן.

וואָס העלט אַזוי זײן פּנימל דאָס בלאַסלעכע? אַ שײן
אַ פרײדיקע אויף זײנע בעקלעך שפּילט, ווי רויטער ווײן,
און אויף די ליפּלעך פלאַטערט, ווי אַ זונענשטרײף, אַ שמײכל;
דער רבי לערנט, ניגונט, אַז סע קאָן דאָס האַרץ צעגײן,
ווי פונעם חושן שטראַלט באַזונדער יעדער אײדלשטײן,
און ער — דעם כוהן־גדול זעט שפּאַצירן אינעם היכל...

דאָס גרױלעך־רויט פון היאַצינט צעשפּילט זיך מיטן גרין
פון דעם טאָפּאַז, און בײדע — מיטן רויט פון דעם רובין.
און אַלע דרײ צעשפּיזלען זיך און בלענדן פאַר די אויגן;
דעם דימענטס ווײס צעשפּילט זיך מיטן שוואַרץ פון דעם אַגאַט
און ווערן אײנס, ווי ס׳וואָלט אײן מאַמע זײ אַזוי געהאַט,
און איבער זײ דער יאַספּיס ציטערט מיט זײן רעגנבויגן...

און דער אָניקס, דער אַמעטיסט, און דער אָפּאַל, סאַפּיר,
קאַרדיעריט, שמאַראַק — איעדער מיט זײן ליכט־קאָליר
זיך וועבט אַרײן אין דעם געוועב פון לעבעדיקע פאַרבן...
רב לײבעלע קוקט נאָך דעם כוהן־גדול בלינד־פאַרבלענדט
און גאַרט, ער זאָל אַ הײב טאָן אויף זײן קעפּעלע די הענט
און בענטשן... ער איז גרײט — אַפילו שוין, די רגע שטאַרבן — — —

## 2

און מיטן עילוי דעם צעניעריקן די וועלט שוין קלינגט,
אַז פון זיין רייגעם מויל זיך שיטן רענדלעך — כאַפּט זיי, שלינגט!
אַ וווּנדער־ליכטיקייט אין פאָלק ישראל צייטיקט אויס זיך!
אין זיינע בלויע אויגן רוען הימלען צוויי צעשפּרייט,
און מיט דער זון זיין הויכער שטערן קיינמאָל זיך נישט שיידט, —
מיט אים די שפּעטערדיקע דורות וועלן האַלטן גרויס זיך!

דער ירושלמי־ייד, וואָס איז געקומען אין דער שטאָט,
האָט שוין געוווּסט, אַז הי, אין גלות, וואַקסט אַ גאָטס־געגנאָד,
און איז אין קלויז אַריין געגאַנגען אים צו זען, הערן; —
אַ הויכער, דאַרער ייד, דער קאָפּ און בערדל — ווי אַ שין,
די אויגן — גליעכיק, און ער ברענט איגגאַנצן, ווי אַ קין; —
זיי שמועסן, ווי איינער וואָלט דעם צווייטנס גייסט פאַרצערן.

רב לייבעלע דערציילט אים, ווי דעם חושנס יעדער שטיין
האָט זיס געלויכטן מיט זיין פאַרב, און שפּילעוודיק און ריין
באַהעפט זיך דורך זיין ליכט מיט די חברים איידלשטיינער,
ווי יעדן האָט פאַרכישופט זייער שיין פון כוהנס האַרץ,
אַפילו דעם אַגאַטס פאַרבלענדנדיקער טיפער שוואַרץ — —
און ווו געפינען זיי זיך היינט? צי ווייסט פון זיי נישט קיינער?

און ס'האָט דער ירושלמי־ייד, ווי אויפגעוואַכט פון טרוים,
טיף אָפּגעזיפצט: — דער חושן איז געווען גערויבט קיין רוים...
פון דאָרט — קיין ענגלאַנד... ער געפינט זיך אין דער עיר־הבירה.
די אומות־עולם שעצן אויך זיין הייליקייט און פראַכט...
ער ווערט אין לאָנדאָנער מוזיי געהיטן טאָג־ווענאַכט
מיט קלוגע שלעסער... און גיבורים שטייען אויף דער שמירה...

## 3

רב לייבעלע דעם עילוי ווערט מיט מזל דרייצן יאָר,
און ס'האָבן טאַטע־מאַמע שוין באַזאָרגט אים מיט אַ פּאָר:
די כלה — אַ יפה־פיה, צו זוכן אין מרחקים!
גייט אויס מ'ט זייד אויף סאַמעט — קייגער גלייכט זיך נ'שט צו איר!
און דער מחותן — אַ בר־אורין און אַ גרויסער גביר:
ער טובלט אָפּ זיין גאָלד אין חתנס תורה — „מים זכים"*...

אַ תפילין־זעקל גייט די כלה אויס מיט האָריץ און זעל
מיט צוועלף קאָלירן, לויטן חתנס האַרציקן באַפעל,
לויט די קאָלירן, פון די צוועלעף שבטימס פענער:
טיף־בלוי, און פיאָלעט, און גרויליעך־רויט, און הימל־בלוי,
און ווייס, און שוואַרץ, און טונקל־בלוי, און רויט, און גרין, און גרוי,
און טונקל־ברוין, און רעגנבויגן, — וואָס קאָן זיין נאָך שענער?!

און אַז סע שרייבט אים דער מחותן אויסגעציקלט פיין:
צי ווינטשט ער זיך אַ זייגער? און צי זאָל פון גאָלד ער זיין?
ער בעט דערויף זיין תשובה, — ענטפערט ער אים פרום באַשיידן:
ווען ס'וואָלטן ווערן צוועלעף גלעזלעך איינגעפאַסט אין אים,
קאָלירטע, ווי אין חושן, וואָלט באַקומען עס אַ זין:
סע וואָלט דערמאָנט אים אין אַמאָליקע ישראלס פריידן...

צי מעסט רב לייבעלע די צייט דעם לויטן זייגער? וואָס?
ס'איז נישט די צייט אויף אים, נאָר ער אויף איר דער באַלעבאָס, —
ער פילט זי אָן מיט דעם מתיקות פון זיין תורה־ניגון;
נאָר ווען סע גאַרט נאָך פרישקייט זיין פאַרמאַטערטער געדאַנק,
ער ציט ארויס פון וועסטל־קעשענע דעם שווערם געשאַנק
און קוקט פאַרכישופט אויף די גלעזלעך, שיינט פון פאַרגעניגן — —

* מים זכים — לויטערע וואַסער.

## 4

רב לייב דעם גאון דעם באַרימטן, רב פון טשעכיש פּראָג,
אין עוסק זיין בצרכי־ציבור גייט אַוועק דער טאָג,
און נאָר די שטילע נאַכט אויף תורה־לערנען בלייבט אים איבער;
פּאַר ווייב און קינדער שפּאָרט ער בלויז מינוטן פון זיין צייט,
און אויבעט דעמלט בלאָנדזשעט אום זיין בליק ווו ערגעץ ווייט,
ווייל ס'זענען קודמער די תורה און די צרכי־ציבור.

סע טרעפט — די רביצן דערפילט: זיין בליק בלייבט שטיין אויף איר
און זעט — נישט זי!... פון אירע אויגן שיינט אים דער סאַפיר
פון חושן, וואָס באַצירט דעם כוהן־גדולס האַרץ אין היכל...
דאָס אייגענע געשעעט אַמאָל מיט דעם און יענעם קינד:
סע קוקט דער טאַטע מילד אַזוי, און ס'דאַכט זיך — ער איז בלינד,
און עמעצן אַ פרעמדן גאָר געהערט זיין ליבער שמייכל...

סע האָט קיין גרענעץ נישט די מידיקייט פון פּראָגער רב,
א המשך פון זיין טועכץ און זיין לערנען איז זיין שלאָף,
ווען ס'מורמלען זיינע ליפּצן, ווי געלערנט מיט אַ ניגון...
נישט איינמאָל שטייט די רביצן ביי זיין צוקאָפּנס, וואַכט,
און זעט בעשיימפּערלעך: זיין היבער שטערן קניימשט זיך, טראַכט; —
זי קוקט אויף אים מיט פורכט, מיט שטאָלץ און זיסן פאַרגעניגן...

און איינמאָל זעט דער רב אין חלום, ווי אַ שוואַרץ געשטאַלט
זיך גנבעט אונטער צו דעם כוהן־גדול, אים באַפאַלט,
די איידלשטיינער, שטיין נאָך שטיין, פון חושן רייסט ארויס ער...
ער כאַפּט זיך אויף צעשראָקן און צעציטערט מיט אַ קרעכץ:
די זעונג איז אַנטפּלעקונג... זאָגט נביאות מיר אויף שלעכטס...
— זי שיקט מיך אין שליחות, — איז ער זיך דעם חלום פּותר — — —

5

אין לאָנדאָן. אין האָטעל. אין צימער זיצט דער פּראַגער רב
און דורך די שויבן בוערט מיטן בליק זיך צום אין־סוף...
עד זעט צעשוווּמען דאָרט דעם כּוהן־גדולס שאָטנס שאָטן,
קאָלירן שווינדלען דורכן נעפּל, ווי באַדעקט מיט שוים —
אַן איבערבלייבעכץ פון אַ לאַנג פאַרבלאַסטן קינדהייט־טרוים...
צי ווער?... צי ווער דאָס הייליקע שליחות אים גראָטן?

אַ קלאַפּ אין טיר. — איך בעט. — סע קומט אריין אַ קאַפּיטאַן:
— איך האָב דעם כּבוד... אין דער בלאַט אַ מעלדונג איז פאַראַן
סע וויל דער רבי קויפן זעלטנקייטן פון ישראל...
איך האָב... נאָר... זייער פּרייז באַצאָלן זענט איר דען אימשטאַנד?
די איידלשטיינער פונעם חושן... זענען אין מיין האַנט...
וואָס זיצט איר, רבי, קאַלט אַזוי? ווי גאָרנישט נישט נתפּעל!

— איך מיין... מע קאָן פאַר איידלשטייגער דאָך פאַרהאַנדלען גלאָז.
דעם חושן היט דאָך אין מוזיי אַ קייסערלעכער שלאָס... —
ער נעמט ארויס זיין זייגער און באַטראַכט די גלעזלער־שטיינער...
— און דאָך.. נישט תּמיד, רבי, איז אַ שלאָס אַ שמירה... ווער
ס'ועט פּרוּוון אויסגעבן מיין סוד — איר זעט דעם רעוואָלווער?... —
דער קאַפּיטאַן צעלאַכט זיך מיט צעבלענדטע ציינער. —

איך אַרבעט אין מוזיי. אין אַלע סאַליעס כ'קום אריין.
(סע ווער די טאַכטער דעם דירעקטאָרס מיין באַשערטע זיין...)
און כ'האָב אַ פּרייען צוטריט אויך צום אַלמער מיטן חושן...
אַ מייסטער־שלייפער — האָב איך גלעזלעד אויסגעשלייפט געגוי
ווי זיינע איידלשטיינער, שטראַלנדיקע זיס, אַזוי,
אַז כ'האָב אָן מורא זיי געמעגט מיט יענע שוין פאַרטוישן...

— אַזוי? איר האָט פאַרטוישט? — אָן צוטרוי פרעגט דער רב — און וואָס,
אַז שטאָט אין חושן וועט איר מיר אַריינגנאַרן דאָס גלאָז?...
—איך וועל זיי אייך באַווייזן, און סע איז ביי אייך די ברירה... —
ער ציט ארויס פון כאַליעווע א לעגגלעכן פוטליאר
און עפנט אים... סע טוט פון אים אַ זוניקייט א שפּאַר,
און ס׳גלאַנצן אויף די אויגן פונעם פּראָגער רב מיט טרערן...

ס׳העלט אויף דאָס פּנים זיינס דאָס בלאַסלעכע, די באָרד. אַ שיין
אַ פריידיקע אויף זיינע באַקן שפּילט, ווי רויטער וויין,
און אויף די וואָנצעם פּלאַטערט, ווי אַ זונענשטרייף, אַ שמייכל;
ער הערט דעם רבין לערנען, אז סע קאָן דאָס האַרץ צעגיין,
ווי פונעם חושן שטראַלט באַזונדער יעדער איידלשטיין, —
ער זעט דעם כוהן־גדול איצט שפּאַצירן אינעם היכל...

דאָס גרוילעד־רויט פון היאצינט צעשפּילט זיך מיטן גרין
פון דעם טאָפּאַז, און ביידע — מיטן רויט פון דעם רובין,
און אַלע דריי צעשפּיזלען זיך און בלענדן בלינד די אויגן;
דעם דימענטס ווייס צעשפּילט זיך מיטן שוואַרץ פון דעם אַגאַט
און ווערן איינס, ווי ס׳וואָלט איין מאַמע זיי אַזוי געהאַט,
און איבער זיי דער יאַספּיס ציטערט מיט זיין רעגנבויגן...

און דער אָניקס, דער אַמעטיסט און דער אָפּאַל, סאַפּיר,
קאַרדיערייט, שמאָראַק — איעדער מיט זיין ליכט־קאָליר
זיך וועבט אריין אין דעם געוועב פון לעבעדיקע פאַרבן...
דער פּראָגער רב קוקט נאָך דעם כוהן־גדול בלינד־פאַרבלענדט
און גאַרט, ער זאָל אַ הייב טאָן אויף זיין יאַרמלקע די הענט
און בענטשן... ער איז גרייט — אַפילו שוין, די רגע שטאַרבן — — — —

## 7

— און וויפל, זאָגט, — קומט אויף דער רב — וואָלט איר פאַר זיי
געוואָלט?

— נישט פיל... נישט ווייניקער קיין פונט פון פינף מיליאָן אין גאָלד, —
טוט פעסט אַ זאָג דער קאַפּיטאַן, באַהאַלטנדיק די שטייגער.
— צופיל... נאָר כ׳וועל באמיען זיך מיט אַלע כוחות... המם...
זייט מוחל, קומט צו מיר אריבער אין אַ וואָך ארום,
און זאָל מיר העלפן אונדזער גאָט, וואָס אויסער אים איז קיינער... —

און ווי אַ דימענט שניידט דעם קאַפּיטאַן זיין בלויער בליק,
און דרינגט אריין צו אים אין האַרץ, און ציט זיך נישט צוריק,
און פאָרשט דאָרט אַלע ווינקעלעך: וואָס ליגט אין זיי פאַרהוילן?...
צי האָט זיך אויסגעלאָשן שוין דערין דער לעצטער פונק
פון ערלעכקייט? פון פאָרכט פאַר גאָט? צי ווייל סע איז נאָך יונג,
איז מעגלעך נאָך דאָס אַש אַוועקצובלאָזן פון די קוילן?...

נאָר ס׳טוט דער קאַפּיטאַן אַ שאָקל מיטן קאָפּ און אים פאַרלאָזט —
ער האָט שוין מער נישט וואָס מיט אים צו רעדן פשוט־פּראָסט,
און פון דער שוועל: — איז קום איך אין אַ וואָך אַרום דאָ ווידער.
— אָט דער וועט נישט חרטה האָבן אָן קיין בייזער שטראָף, —
טוט שטיל אַ מורמל צו דער שטילקייט און די ווענט דער רב
און פילט — אַ פיבערדיקער שוידער לויפט אים דורך די גלידער...

ער שטעלט זיך ווי צום דאַווענען אַנידער ביי דער וואַנט,
פאַרשליסט די אויגן און פאַרבאָרגט זיי אין דער פלאַך פון האַנט
און בעט: — אויב ס׳לייטערט זיך נישט אויס דער הימל אין זיין האַרצן,
באַשטראָף אים, גאָט, ווי פרעהן, פאַר זיין לעסטערונג, פאַראַט:
זאָל ווי אַ קללה דורכשטראַלן זיין שטערן דער אַגאַט
און פאַר זיין כלה־מיידל אים דאָס פנים שטאָק־פאַרשוואַרצן...

8

מיט תפֿילהדיקע אויגן קוקט אין פֿענצטער דער מהר״ל.
די זון — גאָטס קרוין, גייט אויף, און אויף זיין שטערן פֿאַלט אַ שטראַל,
אַ צייכן — זיינע תּפֿילות האָט מיט חסד אויסגעהאָרכט דער בורא...
אַ קלאַפּ אין טיר. — איך בעט. — סע קומט אריין דער קאַפּיטאַן:
— ס׳איז דאָ די סחורה, רבי, איז דאָס געלט פֿאַר איר פֿאַראַן?
— ווער זענט איר? — חידושט זיך דער רב — און איך ווי קום צו סחורה?

—אַ וואָך ערשט, — ווערט דער קאַפּיטאַן צערודערט און נישט־דרייסט —
און שוין דערקענט מיך נישט דער רבי!? מיך, דעם קאַפּיטאַן? וואָס הייסט?
— דער קאַפּיטאַן? ס׳איז נישט צו גלייבן! ס׳פּנים אייערס שרעקט מיך!...
— אוי־וויי! איר רעדט דאָך ווי מיין מיידל: „ס׳איז דיין שטערן שוואַרץ!“—
זי שרייט מיט שרעק און כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ און פֿאַרן האַרץ,
און טרייבט מיך פֿון איר פֿאָטערס הויז... מיט חרפּה זי באַדעקט מיך...

זי איז משוגע!... — ניין! זי איז נישט אויסן זינען, ניין!
זי איז אַ זעערין און זעט די שטראַלן פֿון אַ שטיין
דורך אייער הויט... ס׳איז אייער קין־צייכן אויפֿן שטערן!
ס׳וועט נישט פֿאַרבליאַקעווען דער שוואַרצער שטראַלן־פֿלעק, כּל־זמן
איר וועט נישט אומקערן דעם חושנס שטיינער, קאַפּיטאַן,
אויף זייער אָרט, נישט טאָן אַליין עס אומגעצוווּנגען, גערן...

— אָ, רבי! — ווערט ער בלאַס — ס׳איז דאָך פֿאַרמאַכט פֿאַר מיר די טיר!
ווי קאָן איך?... — גיי מיט גאָט און זיי מתוודה זיך פֿאַר איר...
— איך זאָל פֿאַרלירן ביידע — זי און אויך די איידלשטיינער?!
— זי וועט דיר מוחל זיין דעם חטא; פֿאָלג אייליק אוים מיין ראָט,
און ס׳וועט די כּלה דיך באַהאַרציקן מיט גרוים גענאָד,
ווייל צום בעל־תּשובֿה קאָן זיך נישט פֿאַרגלייכן קיינער...

— איך וויל אָן עדות רעדן מיטן רבין, אויך — אָן דיר, —
זאָגט שטיל צום קאַפּיטאַן דאָס מיידל זיינס — קלאַפּ אָן אין מיר. —
זי גייט אַריין, און ס'דאַכט זיך איר, דאָס צימער איז אַ היכל...
זי שלייכט און האָרכט ווי ס'קלאַפּט איר האַרץ, בלייבט שטיין, און קוקט,
און וואַרט...
דער רבי טראָגט אַנטקעגן איר אַ ליבן בליק — בלוי־צאַרט:
— וואָס הערט זיך, טאָכטערקע? — ער פרעגט איר מיט אַ פאָטער־שמייכל.

— די בייזע עוולה איז פאַריכט שוין, רבי: אויפן אָרט
ער האָט אַריינגעפּאַסט די איידלשטיינער... המם... און פּאָרט
בין איך צעטומלט, און מיין האַרץ מיט זיך אַליין סע קריגט זיך,
מיין מוח רוט נישט אין די טעג, דאָס האַרץ נישט — אין די נעכט:
ער איז אַ גנב דאָך! ער האָט דאָס הייליקייט פאַרשוועכט!
און כאָטש לסוף געקעמפט מיט זיך אַליין און אויך באַזיגט זיך...

— כ'פאַרשטיי דיך, טאָכטער, וואָס דו וועבסט אין די געדאַנקען... יאָ,
אַז נישט חרטה אויף זיין טאַט האָט אים באַוויגן, נאָר...
זיין חשק צו דיין ליב... ס'איז יאָ אַזוי און נישט אַזוי איינגאַנצן...
מע טאָר נישט קוקן אויפן ליב און זיינע פאָרמען מיט קיין שפּאָט:
צי איז דיין שיינקייט נישט קיין בלאַסער ווידערשיין פון גאָט?!...
און דורך די אויגן דיינע — בליקן פון מלאכים גלאַנצן...

— נאָר ער... ער גליט פון חשק, רבי, צו מיין זינדיק לייב,
און נישט קיין מלאך בין איך אים, ער גאַרט מיך פאַר אַ ווייב,
און כ'הער: סע ברוזט זיין שיכור בלוט און שרייט מיט ווילדע קולות...
— זיין תאווה איז געמישט מיט תשוקה צו דיין שיינער זעל...
דערזע אין אים דעם מענטשן דורך זיין חיהש דיקער פעל,
פאַרהיימיש אים מיט יידישקייט און לייטער פון זיין פסולת...

## 10

— האָסט נישט געטאָרט אים לאָזן שטיין אין קאָרידאָר אַליין!
מיט דיר צוזאַמען, כּלה, איז ער פֿרייד, אָן דיר — געוויין...
— מיר וואַרטן דאָ אויף דיר, באַוויז זיך, חתן־לעב, מיר בעטן... —
און אויף דער שוועל בלייבט שטיין דער חתן, און זיין פּנים — ליכט,
ער טוט אַ שפּרייז, און שטעלט זיך לעם דער כּלה אומגעריכט,
און זאָגט: — סע האָט צו מיר דערגרייכט אַ טייל פֿון דעם גערעדטן...

כ׳לייג, הייליקער, פֿאַר אייך אין שטויב מיין זינדיק האַרץ אַלס דאַנק,
און בענטשט אונדז... — כ׳בענטש אייך צו דער חתונה... און מיין געשאַנק —
מיין זייגער... כ׳בעט פֿאַר אים די פֿאַלשע גלעזלעך דיינע... —
ס׳דערלאַנגט זיי אים דער חתן: — נעמט זיי צו פֿון מיר — מיין שאַנד... —
זיי ליגן אַלע אויף דער פֿלאַך פֿון רבינס בלאַסער האַנט,
און איבער זיי סע שמייכלען מילד די בלויע אויגן זיינע...

דאָס גרוילעך־רויט פֿון היאַצינט צעשפּילט זיך מיטן גרין
פֿון דעם טאָפּאַז, און ביידע — מיטן רויט פֿון דעם רובין,
און אַלע דריי צעשפּיזלען זיך און בלענדן בלינד די אויגן;
דעם דימענטס ווייס צעשפּילט זיך מיטן שוואַרץ פֿון דעם אַגאַט
און ווערן איינס, ווי ס׳וואָלט איין מאַמע זיי אַזוי געהאַט,
און איבער זיי דער יאַספּיס ציטערט מיט זיין רעגנבויגן...

און דער אָניקס, דער אַמעטיסט און דער אָפּאַל, סאַפּיר,
קאַרדיעריט, שמאָראַק — איעדער מיט זיין ליכט־קאָליר
זיך וועבט אריין אין דעם געוועב פֿון לעבעדיקע פֿאַרבן...
דער פּראָגער רב דערזעט: דער כּוהן־גדול לייגט די הענט
דעם יונגן פּאָרל אויף די קעפּ... זיי שטייען בלינד־פֿאַרבלענדט
און זעען גרייט פֿאַר זיינע אויגן שוין די רגע שטאַרבן — —

1957

# די ליבנדיקע און געטרייע

1

א זוניקער געוועזן איז דער עילוי שמשון ווינער,
ווי ס'פלעגט דער ראש־ישיבה זאָגן „ס'איז „כשמו כן הוא“ *;
זיין מילדער בליק איז ווי א שטראַל א ווארעמער און דינער
און טריפלט ארום זיך מיט ליבשאַפט און פארקלערטער רו.
אויך אין געראַנגל דונערט נישט זיין שטים... געדאַנקען בליצן,
און זיינע קעגנער — שטילע און פארבלענדטע בלייבן זיצן
און געבן איבער זיך, באַזיגטע שוין, אויף זיין באַראָט.
סע זידן אויף די הערצער פון די בתולות אין דער שטאָט,
ווען ס'לאָזט אַמאָל דער עילוי זיך ארויס שפּאַצירן;
סע וואַנדערט נאָך פארצויבערט זייער בליק נאָך זיינע טריט.
נאָר אים פארטשעפען מיט א וואָרט, א שמייכל — גאָט באַהיט!
מע פילט פאַרהיים: מע וועט אין זיינע אויגן בלויז פארלירן...
און זעט, ווי שטאַלמנע זיין געשטאַלט, און זיין געזיכט ווי פיין,
און דורך זיין צאַרטער הויט לייכט דורך דאָס בלוט מיט ראָזער שיין!

2

און איינמאָל, ווי דער איינפיר איז געווען פאר יענע צייטן,
צום ראָש־ישיבה אָנגעקומען איז א בדיוו פון ווין
מיט א בקשה פון א גביר, וואָס שטמט אויף מיילן־ווייטן,
צו שיקן אים א חתן־בחור פון דעם בעסטן מין.

---

* קישמוי קיין הו — ער איז ווי זיין נאָמען: שמש איז אויף העברעיש —
זון.

זיין בתולה איז א „תמימה“ *, זאָל דער חתן זיין א כוהן...
ער זאָל דעם „שה לעולה“ **, ווי דער מנהג איז, באַשויען,
און אז אין זיינע אויגן וועט געפינען חן די שאָף,
איז וועט מען פראווען תנאים גלייך „על צד היותר טוב“ ***.
לעת־עתה לייגט ער ביי פאר דער ישיבה „אלף זהובים“ ****,
און ס'בלייבט זיין האנט נאָך אויסגעשטרעקט... — א רגע נישט געקלערט,
איז קלאָר דעם ראָש־ישיבה: שמשון! ס'איז פון גאָט באַשערט.
אויב ס'איז די בתולה דאָרט א כרוב, באַהעפט זיי גאָט, די כרובים... —
און שמשון האָט זיך שוין נישט אומגעקערט פון ווין צוריק:
ער ווערט א חתן, און זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק!

3

ווען סע שפּאַצירט דער חתן אינעם סאָד פּארטאָן אין תורה,
צעוועקט אים אָפּט פון שכנותדיקן באַרג א קראָען־קרא;
ער עקבערט אוים ביי אים אין האַרץ א סודותדיקע מורא...
„והרחיקנו, — שעפּטשעט שמשון שטיל — משכן רע“ *****
סע טרעפט: ער זאָגט אַ שיעור ******; די חברים האָרכן אים און גלעטן
די שטערנס; פּלוצעם — הינט צעבילן זיך ביי די שטאַכעטן,
און פונעם שיעור פארגעדענקט מען שוין בלויז עפּעס, קוים;
א רויטע רויז ווערט בלאַס, סע פאַלט א פּרי פון א בוים...
די כלבים, ווי די קראָען, צו דעם בישאָף זיי געהערן,
וואָס וווינט פון יענער זייט שטאַכעטן אויפן הויכן באַרג;
ער האָט נישט ליב דאָס פאָלק מיט דעם פארעקשנט־פעסטן קאַרק,
און זייער שכנותשאַפט זיין רו די קריסטלעכע צעשטערן.
ס'האָט שמשון איינמאָל אים דערבליקט: זיין האָרגעוויקס איז רויט,
ווי פלאַם, און שטיל א שעלט געטאָן:„ אין פלאם געפין דיין טויט!“.

---

* טמימע — גייסטיק ריין, אָן א מום.
** סע לעאוילע — א שאָף פאר א קרבן.
*** אַל צאַד האַיוסער טאָוו — אויפן בעסטן אופן.
**** עלעף זהווים — טויזנט גילדן.
***** וועהאַרכיקייני מישאָכן ראַ — און דערווייטער אונדז פון א שלעכטן שכן.
****** שיעור — תלמודישע אָפּהאַנדלונג.

## 4

מע גייט צו מזל חתן=כלהס חתונה=מלבושים.
דער כלהס האַרץ איז, ווי א טויבנשלאַק באַגין, צעוועקט,
זי בענקט צום חתן: אך, ווען זי זאָל מעגן טאָן א קוש אים!
און ער האָט אַלץ זיין חתן=האַרץ פאר איר נאָך נישט אַנטפּלעקט.
ער ליבט... די תורה. מעג מען מיט דער שכינה קאָנקורירן?!
ער בעט זי קיינמאָל נישט: „קום, איידל, קום און סאָד שפּאַצירן“.
אומזיסט די הברטעס איר זאָגן: „דו ביסט שיין, ווי... ער“ —
די שיינקייט פון דער תורה איז זיין איינציקער באַגער.
ווען זי זאָל וויסן!... שמשון רעדט מיט איר אויף די שפּאַצירן
צו זיך אַליין: „ווי איידל=שיין דו ביסט! „כשמך כן את“ * —
א רויז פון שיר=השירים, נאָך פארשלאָסן אין איר בלאַט;
זאָל אָפּדאַרן די האַנט, וואָס וועט דיין מאָרגנטוי באַריִרן!“
אין זעלטן נאָר, בגנבה, טוט זיין ברעם א גלעט זי צאַרט,
זי זאָל זיין „כלות=הנפש“ ** נישט באַמערקן, און... ער וואַרט.

## 5

באַלויכטן איז דער גאָרטן פון רב טודרוס אָפּענהיימער
מיט ליכט אין זילבערנע מנורות; הילכיק שפּילט מוזיק;
מיט כל=דאָס=טוב געדעקטע שטייען טישן צווישן ביימער,
און הינטער זיי אַן עולם לאָזט זיך וויגיין... טוט א בליק:
ביי איינעם זיצט פונאויבנאָן די פּאָר, די גאָט=באַשערטע,
פון תענית הייגטיקן פארבלאַסטע, און אין זיך פארקלערטע:
...שוין נאָך דער חופה... זייערע נשמות — מאַן און ווייב...
ס'האָט גאָט באַפוילן זיך באַהעפטן, ווערן צו איין לייב...
און אויב סע איז דער רצון פונעם בורא, ווער קאָן שטערן?
נאָר פּלוצעם הערט דער חתן... ס'ציטערט אויף זיין שוואַכע קני,

* קושמייך קיין אַט — דו ביסט ווי דיין נאָמען.
** קלוים=האָנעפּעש — טיפסטע בענקשאַפט.



פילט תיכף אָפּ די כלה, און סע ציטערט שוין אויך זי:
פון בישאָפּס באַרג א בילעריי פון כלבים לאָזט זיך הערן...
צי שפּילן זיך די כלבים? אליהו איז אין שטאָט?
צי וויינען זיי, און ס'איז, חלילה...* גאָט אין הימל, גאָט!

6

מוזיק און ליכט אין גאָרטן — שוין פאַרלאָשן, און אין הימל
דער לעצטער שטערן פון דער חופּה־נאַכט פאַרבלאַסט. באַגין.
סע טוט א טרייסל אויף רב שמשונען פון ערשטן דרימל:
א גלעקעריי. א שׂרפה אין די שויבן! ברענט גאַנץ ווין?!
ער טוט א שפּרונג פון בעט צום ווייבס געלעגער אים אַנטקעגן:
ער מוז זי ראַטעווען! האָט גאָט פאַרצוימט שוין אלע וועגן?
איר בעט איז ליידיק! — איידל! — שרייט ער צו די הייסע ווענט
און לויפט צום פענצטער, שלאָגט ארויס די שויבן מיט די הענט,
און שפּרינגט אריין ווי אין א כוואַליעדיקן ים פון פייער,
און לויפט מטורף צווישן ביימער... מציל זיין דאָס ווייב...
נאָר ניצול ווערט בלויז ער אליין, זיין אייגן נאַקעט לייב,
נישט איידל, וועלכע איז אים, ווי זיין זעלע, נאָענט, טייער.
צי האָט ער לויפנדיק געזען, צי האָט זיך עס אים בלויז געדאַכט? —
דער בישאָף שטייט דאָרט אויפן באַרג, זיין פּנים בייז צעלאַכט...

7

די שבעה־טעג זיך רייכערן אין אונדזער נשׂרפֿס רעיון.
ווי האָלעוועשקעס, זיין געמיט באַדעקן מיט א ריס.
„...פאַרוואָס איז איר געקומען שׂרפה, דיין־אמת?! דיין...
סע זאָל דער ווינט איר אַש פאַרטראָגן צו דעם בישאָפּס פיס?"
ער לערנט „איוב", און די טרערן קאַפּען אויף די בלעטער.
„...דער בישאָף איז דאָך פון א חזיר פלײשיקער און פעטער,
פאַרוואָס האָט מולך נישט געגאַרט דעם בישאָפּס בלוט און פלייש?..."

---

* לויטן תלמוד: „שפּילן זיך הינט, קומט אליהו אין שטאָט אריין, וויינען הינט, קומט דער מלאך־המוות אין שטאָט אריין".

ער זעט דורך טרערן איידלען איצעם פּלאַם — אַן „עמוד־אש"...*
דאָך נאָך דער שבעה רינט אַוועק דער טרויער מיט די טרערן,
דער רייסנדיקער וויי, דער צער פון יאוש ווערט געשטילט;
ער זאָגט צו זיך: „מיין טרויער־חוב צו איידלען איז דערפילט,
צוריק גיי אין ישיבה לערנען פאַר איר זכר... לערן!" — —
נאָר איינס זעט אויס יאָר־אויס, יאָר־איין צו זיין א נס:
זי לאָזט זיך נישט פאַרגעסן, ווי דער שטייגער פון א מת.

8

רב שמשון „גייט אַראָפּ פונדעסטוועגן פון וועג דעם גלייכן",
הגם די תורה, ווי די זון, באַלייכט דורכויס זיין גאַנג:
דער ראש־ישיבה זעט אויף שטעגלעך זייטיקע אים שלייכן
און אונטערטוקן אין די חקירה־קוואַלן זיין געדאַנק;
ער לערנט צווישן טאָג און נאַכט מיט חשק פרעמדע שפּראַכן,
און פון די ביכער זיך דערוויסט ער וווּנדערלעכע זאַכן;
זיין רעיון פלאַנטערט זיך אַריין אין נעץ פון פּאָליטיק,
זיך צו דערשלאָגן צו דעם סוד פון שלום און פון קריג...
„...צי קאָן איך דען, צי מעג איך עם רב שמשונען פאַרווערן?",
טראַכט אָפט דער ראש־ישיבה וועגן דעם מיט גרויסער פאָרכט
און, ביי זיין האַרצן אָנגעפרעגט, א תשובה באַלד ער האָרכט:
„רב שמשון איז אַ זון, און דו וואָס? בלויז דאָך א לאַמטערן,
וואָס זיינע שייבלעך זענען שוואַרץ־פאַררויכערט נאָך דערצו!...
און אומרואיק אליין, ער לאָזט רב שמשונען צו רו.

9

סע גייט אוועק א יאָר און נאָך א יאָר, שוין פינף פאַרשוווּנדן,
פון זינט רב שמשון האָט פאַרלאָזן ווי אַן אָבל ווין.
נאָר צו זיין איידלען פילט ער זיך נאָך אַלץ פאַרבונדן
מיט פעדעם פעסטע, כאָטש א פרייער איז ער על־פּי־דין.
סע שווינדלט פאַר זיין בליק עקשנותדיק איר איידל פּנים.
נישט איין מאָל איז ער מדחה מיט הקפּדה די שדכנים,
וואָס קריכן צו זיין האַרצן דורכן ראָש־ישיבהס טיר:

---

** אָמוד־אייש — פייער־זייל.

„...ווי וועט ער הויזן מיט א ווייב, און טראַכטן וועגן א י ר?!“
נאָר ווען צום ראָש־ישיבה האָט א בריוו פון ווין געשריבן
דעם קייסערס גרויס־באַנקיר, א ייד: „...היות... און... כך...“,
האָט ער א רעד געטאָן מיט אים שוין מיט א האַרבער שפּראַך:
„...וואָס הייסט?... און היתכן?!...“ — האָט רב שמשון נאָכגעגיבן:
ער פאָרט... מסתם איז די נסיעה אים באַשערט פון גאָט.
און אין זיין האַרץ איז איידל נאָכגעפאָרן, ווי א סוד.

10

רב שמשון שמועסט וועלטלעך מיט דער שיינער „מדוברת“ *
און פאַנגט איר זעלנע מיט זיין אומעטיק־פארקלערטן בליק;
ער טראַכט: „דער יונגער בוים וועט זיכער ברענגען שיינע פירות,
נאָר וועט דער סעדער אָפּגעפינען אין זיין שאָטן ס'גליק?...“
— כ'בין מסכים. מיט א תנאי בלויז, — זאָגט ער צום מחותן שפּעטער —
פארבעטן זאָלן ווערן דורך „קול־קוראס“, דורך די בלעטער
א חודש פאר דער חתונה די בעטלערס פונעם לאַנד,
און איר זאָלט יעדערן באַשענקען מיט דער ברייטסטער האַנט.
— געפועלט. שוין. מיר שרייבן אין די תנאים גלייך אריין עס. —
...פון אלע זייטן ציען מחנות בעטלערס. — זאָגט, וווהין?
— אויף דער באַריימטער חתונה ביי דעם באַנקיר... קיין ווין! —
די בעטלערס ווערן פיין באַשענקט, ס'האָט קיינער נישט קיין טענות.
מע שפּייזט זיי, נישט מיט פּאָסנע ברויט — מיט פלייש און פיש.
און יעדער שרייבט זיך אונטער אין א פנקס אויפן טיש.

11

דער פנקס ווערט אריינדערלאַנגט רב שמשונען אין צימער,
ער לייענט אויפן בעט אים נאָך דער „קריאת־שמע“ יעדע נאַכט.
פון זיינע אָנגעגליטע אויגן בלענדט א טרערן־שימער,
און נאָכן לייענען זיי לעשן אויס זיך; קיל, פארשמאַכט.
וואָס זוכט רב שמשון אין דעם פנקס ווילד־צעשיטע שורות
מיט אויגן, וועלכע קוקן דורשטיק אויס פון ווייטן בשורות?

* מעדובערעס — דאָס כלה־מיידל.

ער זוכט מיט דער נשמה, מיט א ציטער אינעם לייב
דעם אונטערשריפט פון איר... פון איידלען, זיין פארברענטן ווייב.
אומזיסט! אומזיסט! און מאָרגן שטעלט מען שוין די חופה... מאָרגן!
איר אונטערשריפט איז נישט פאראן... פון איר פארברענטער האַנט
ער זעט א בלויען שאָטן בלויז אקעגן אויף דער וואַנט,
ווי ז י אליין אין ווייסן קאַלך אירן זאָל זיין פארבאָרגן...
נאָר מאָרגן נאָך דער חופה, אויסבאַהאַלטנדיק דעם צער:
— ברענג גאָכאַמאָל דעם פנקס... — זאָגט ער שטיל צום סעקרעטאַר.

12

סע ווארט די פרוי ביי זיך אין שלאָפצימער: אָט קומט ער... קומט ער,
איר אויסדערוויילטער?... אויסטערליש! זי קאָן אים נישט פארשטיין:
נאַכט־איין, נאַכט־אויס ביים פנקס, ווי א טויב, פארליבט דאָרט ברומט ער,
און... קומט אויך איצט נישט... — ענדלעך וויגט איר איין איר שטיל געוויין.
און ער? זיין שארפער בליק נעמט צאַפּלען אויף א שריפט א דינער
און ס'רייסט זיך אָפּ פון ברוסט זיין האַרץ: אוי, זע נאָר — איידל ווינער!
איז איידל פון דער שרפה... פונעם קאַלכאויוון ארויס,
ווי איך?!... אָ, גאָט אין הימל, דיינע פּלאָנען זענען גרויס!
צי רופסטו מיך נישט איצטער זיך צו שטעלן צום נסיון?...
האָט ז י, אן אשת־איש, אים אויסגעהאַלטן, און איז ריין —
א פרוי אין נויט, אין וואָגל, צווישן פרעמדע איין־אַליין?
צי וועלן מיר א נעסט א כשרע נאָך קאָנען בויען?...
און אפשר איז עס א פארבלענדעניש, אוי־ווי מיר, ווי!
סע קאָנען אויף דער וועלט דאָך זיין אויך איידל ווינערס צוויי!

13

אויף מאָרגן הייסט רב שמשון אויסגעפינען איידל ווינער,
זי אויסבאָדן, באַקליידן, געבן עסן צו דער זעט
און איפן הויף אין פליגל, וווּ סע נעכטיקן די דינער,
איר אָפּגעבן א צימער מיט א זויבער בעט.
„ויהי בחצות הלילה“ * עפנט זיך די טיר פון צימער,

* וויהו באַזוּצויס האַליילע — און ס'איז געווען אין מיטן נאַכט.

און ס'קומט אריין א מאַנצבל אין לבנהדיקן שימער,
די פרוי הייבט אויף דעם קאָפּ און צאַפּלט אויף אין שטומער שרעק:
— ווער זענט איר? און וואָס ווילט איר?... כ'בין אן אשת־איש — אוועק!
— אן אשת־איש? און ווער און וואָס איז אייער מאַן? וווּ איז ער?
— ער איז פארשוווּנדן... שמשון... איידער כ'האָב אים רעכט דערקענט...
אין אונדזער חופּה־נאַכט, ווען אונדזער היז האָט ווער פארברענט...
ער האָט געשמט... און תורה־לערנען איז געווען א ריז ער...
...איר זענט דער חתן?!... גאָלד?... איך דאַרף נישט... שיין איז אייער ווייב,
און איך — וואָס פעל איך אייך? — פארוועלקט איז שוין מיין לייב.

14

— און מיר געפעלט איר... האָט איר מיר נישט אָפּגעטאָן קיין כישוף?
און ווי זענט איר ארויס פון אייער שטוב, וואָס האָט געברענט?
— איך ווייס נישט... כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט אין פּאַלאַץ פונעם בישאָף.
ער האָט געוואָלט... איך האָב זיך קוים באַפרייט פון זיינע הענט...
אז נישט מיין גוף, האָט ער געוואָלט מיין זעלע כאָטש פארפירן:
איך זאָל זיך שמדן... מ'האָט געשלעפּט מיך איבער מאָנאַסטירן,
מ'האָט געצן פינצטערע געשפּריזט פאר מיינע פיס, פאר יעדן שפּאַן,
נאָר ווי אן „עמוד־אש“ געשטאַנען איז פאר מיר מיין מאַן,
סע האָט אים נישט געקאָנט פארשטעלן קיינער נישט און גאָרנישט.
...ווי שעמט איר זיך נישט אָנרעדן אן אשת־איש צו זינד?!
סע שטייט מיין „עמוד־אש“ פאר מיינע אויגן אויך אצינד
און וואָרנט מיך, און וואָרנט אייך: „ס'האָט גאָט פארווערט, מע טאָר נישט!“ —

און דאָ א רירנדיק געוויין נעמט רייסן פון איר ברוסט,
און אירע ווערטער ווערן איינגעשלונגען פון א הוסט...

15

סע פאַלן שווערע טרערן־טראָפּנס פון רב שמשונס ברעמען:
— זיי מוחל, איידל, וואָס איך האָב א רגע שלעכט געטראַכט...
ווען כ'בין האָס ערשטע מאָל געקומען צו דיין בעט דיך געמען...
געדענקסטו? האָב איך אויך געווייננט אין טונקל פון דער נאַכט.

אויך דו האָסט שטיל געוויינט, געמישט מיט מיינע דיינע טרערן,
געמורמלט, ווי דורך זומער־רעגן: „כ׳וויל א מאַמע ווערן...“.
און איצטער... — איידל קאָרטשעט איין זיך אין א ווינקל בעט
און העשעט: — „האָבן מיר זיך אָפּגעפונען, נאָר... צו שפּעט.
כ׳בין אָרעם, ווי די נאַכט, און קראַנק, און ז י, די צווייטע דיינע —
איר מזל שיינט, ווי זי אליין... מסתם איז זי דאָס ווערט,
וואָס מיר, דער זינדיקער, דער אייבערשטער האָט נישט באַשערט...
כ׳האָב ג י ט ש ט צו גאָט, און נישט צו דיר, און נישט צו איר קיין טענה...“
רב שמשון די מזוזה קושט און זאָגט: — ס׳איז נאָך נישט שפּעט...
ביסט מיינע, איידל מיינע, און די צווייטע... קריגט א גט.

16

צי איז אימשטאַנד דעם קייסערס גרויס־באַנקיר זיך קעגנשטעלן
רב שמשונען, ווען ס׳גייט זיין האַנדלונג אָפּ געדעכט דער דין?
אז אים אליין (ער איז אין האַרץ זיך מודה) טוט זי וווילגעפעלן!
און ווען גט רב שמשונס קאָכט זיך, גייט אויף רעדלעך ווין.
ביז וואַנען אַזש צום קייסערלעכן פּאַלאַץ סע דערטראָגט זיך.
און צו רב שמשונען א קוריער פון דעם קייסער יאָגט זיך:
— סע וויל זיין מאַיעסטעט דיך זען, יושרדיקער מענטש. —
רב שמשון זאָגט צו איידלען: — לייג אויף מיר די הענט און בענטש,
כ׳זאָל מזלדיק אין דעם געזאַלבטנס אויגן נושא־חן זיין. —
און קערט זיך אום, באַשענקט פון קייסער מיט א גרויס גענאָד:
— ער האָט מיך פּאַר א יועץ אויסדערוויילט. נאָר ס׳בלייבט א סוד.
...פאַרוואָס אַ סוד? ווייל ס׳דאַרף דער העכסטער ראַט פון יידן ריין זיין.—
דער ערשטער איז דער בישאָף, וואָס זיין נאָז דעם סוד דערשנאַפּט;
ווען ער וואָלט קענען... אוי, וואָלט ער דעם יידנס בלוט געצאַפּט!

17

אין קייסערס פּאַלאַץ פּילט אויף זיך רב שמשון צוויי פּאָר אויגן:
דעם בישאָפס, וועלכע שטעכן דורך זיין הויט, ווי דערנער האָס,
דעם קייסערס טאָכטערס, מילדע, פרידלעכע, ווי רעגנבויגן, —
פון ביידע, ווען זיין האַרץ דערשפּירט זיי, ווערט זיין פּנים בלאַס:
דעם בישאָפס שנאה, די אהבה פון דער טאָכטער — ביידע

אים קאָנען פירן, ווי א קרבן־שעפּס, צו דער עקדה...
און ווי א הייליקע קמיע אין זיין האַרץ ער טראָגט
זיין איידלס „דיוקן"*, וועלכער אַלדאָס ביין פון אים פאַריאָגט.
נאָר איידל, קראַנק נאָך פון די וואָגל־יאָרן, ווערט אַלץ בלאַסער;
אויס בענקשאַפט נאָך א קינד פאַר זיינע אויגן גייט זי איין,
פאַרבאָרגנדיק פאַר אים אין טיפעניש פון האַרץ איר פּיין;
אויך ער — ער וויינט ביינאַכט און מאַכט די קושן נאַס און נאַסער;
גאָר איינער פאַרן אנדערן דערשטיקט אין זיך דעם סוד
פון ליבשאַפט און פון טויט, וואָס קומט אַלץ נעענטער... אַט־אַט...

18

...ערשט פאַר דער גסיסה שאַרכען איידלס ליפּן ליימיק־טרוקן:
— איך גיי שוין... שמשון... ווידער אויפן וואָגל... איינאַליין...
— איך וועל צו דיר אין הימל־תכלת, איידל, תמיד קוקן,
ביז וואַנען כ'וועל באַפוילן ווערן: „דאַרפסט צו איר שוין גיין..."
— האַלט וואַך אויף מיין נשמה... שמשון... גוטער, רייננער מלאך...
ווייל נעמסטו... שמשון... צו די אויגן... פאַל אין כף־הקל איך...
— און אויף מיין קאָפּ זאָל העלן, איידל, דיין נשמה־שיין —
צעשיידטע, זאָלן מיר, ווי ביז אצינד, צוזאַמענזיין... —
און ווען רב שמשון גייט פאַראָבלט פונעם בית־החיים,
דער עכאָ פון זיין ערשטן קדיש קרייזט נאָך אין דער לופט,
דערהערט ער איידלען וואָרקען, ווי א טויב, זי רופט,
אז ביז לעולם־ועד וועט פאַרבלייבן זי געטריי אים.
ער פילט א לינדערונג, און מורמלט שטיל צו זיך: „איך הער..."
און ווישט אַוועק פון אויג א לעצטע ציטעריקע טרער.

19

דעם קייסערס טאָכטער קומט פאַרטראַכט רב שמשונען אַנטקעגן,
בלייבט שטיין פאַר אים און דריקט איר טיפן מיטגעפיל אים אויס:
זי וואָלט... זי ווייסט אליין גישט וואָס... געטאָן פונזייגעטוועגן...

---

* דיוויקן — אָפּבילד, אָנבליק.

זי האָט געהערט, און... זי פאַרשטייט עס, ווי זיין צער איז גרויס...
— איך דאַנק אייך אונטערטעניקסט. — זאָגט רב שמשון שטיל־באַשיידן —
פאַר אייער גוטסקייט גיב אייך גאָט א לעבן — א גן־עדן...
מיין צער?... איז גאָרנישט אזוי גרויס: מיין ווייב א וועזן גאָר א צאַרטס,
האָט נישט פאַרלאָזן מיך...—„זי לעבט?“—זי לעבט... ביי מיר אין האַרץ.—
דער בישאָף שטייט נישט ווייט פון זיי מיט א מרגל־אייער
און דרינגט אריין אין די רמזים־רייד, אין זייער זין...
„...ווערסט, ייד, באַצאָלן פאַר דיין הוצפּה — ווי א קריסט איך בין! —
און איך אליין וועל עפענען פאַר דיר דעם גיהנום־טויער...“ —
דעם קייסערס טאָכטער לאָזט רב שמשונען דאָ שטיין אליין
און לויפט אוועק — דערשטיקן אין איר צימער איר געוויין.

20

דעם קייסערס טאָכטער ליגט צו בעט, איר גייען אוים די כוחות.
די רופאים שטעלן פעסט: סע איז געזונט איר יעדעס גליד;
ס'באַשטעטיקן די בישוף־טאַכטערס און די זגאַכערס אויך עס:
— נאָר איר נשמה, — זאָגן זיי — פון עפּעס־וואָס איז מיד,
זי בענקט נאָך עפּעס, וואָס זי גאַרט, צי שוין עס אָנגעוווירן. —
דער קייסער־טאַטע האָט פאַר צרות שוין דעם קאָפּ פאַרלוירן,
און ווענדט זיך עגדלעך צו דעם בישאָף: — זאָג, אנטבלויז דעם סוד
דורך תפילה צו די הייליקע, און גיב מיר זייער ראָט.
— זיי האָבן שוין אַנטפּלעקט מיר: — צלמט זיך דער בישאָף איבער —
דיין טאָכטערס האַרץ, ווי דלילהס, זיך צום יידן שמשון ציט,
און ער אויף אונדזער גלויבן און דיין טאָכטער... שפּייט... דער ייד!
— און ס'איז שוין פאַר מיין קינד קיין רעטונג נישט פאַראַן, מיין ליבער?!—
שרייט אויס דער טאַטע, ווי א לייב געטראָפן פון א קויל.
— באַפעל אים אומברענגען, דעם ייד, וועט ווערן גוט און וויל.

21

און לויטן בישאָפס עצה אייגנהענטיק שרייבט דער קייסער
דעם זעלבן אָוונט צו דעם יידן: „מאָרגן גלייך באַגין
(מע שמועסט, אז דער טאָג וועט מאָרגן זיין א זייער הייסער)

וואַרט אָפּ מיר אויפן „פּלאַץ פון קאַלכאַוויון“, איך קום אהין...“
דער בריוו ווערט אָפּגעשיקט, און ס'פליט א צווייטער דורך א רייטער
צום שומר פונעם קאַלכאַוויון: „פאַרגרעסערן דעם שייטער,
און ווער סע קומט באַגין דער ערשטער — ווער עס זאָל נישט זיין! —
אָן טענות און אָן מענות אים אין אייוון פּאַק אריין“.
דער בישאָף, אָנגעזאַפּט מיט יידן־האַס און מיט נצחון,
פאַרלאָזט דעם קייסערלעכן פּאַלאַץ ערשט אום האַלבער נאַכט
און גייט אהיים, זיך שטיקנדיק פון פרייד... בעת סע וואַכט
רב שמשון אין זיין שטוב און פּראַוועט חצות, פון צער צעבראָכן.
דער קייסער, בלייבנדיק מיט זיך אליין, טוט אויס די קרוין
און קראַצט אין קאָפּ זיך: „...דאָס זאָל זיין מיין טרייען שמשונס לוין?“

22

רב שמשון פאָרט, ווויהין באַפוילן ס'האָט דער בריוו פון קייסער.
דער וועג איז שטיל, אַ נעפּל שפּרייט זיך אויף זיין ווייסן שטויב.
— וואָס מיינט עס, — מורמלט ער — „דער טאָג וועט זיין א זייער
הייסער“?...

אן אויסטערלישע אוידיענץ... ווו וואָרקעט עס א טויב?
ווי דעמלט, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון א י ר לוויה...
צי שוועבט נישט אויבן איבער מיר מיין איידל, מיין געטרייע?...
— בלייב שטיין. —ער זאָגט צום שמייסער—איך וועל צוגיין שוין צופוס.—
און דעם דערפילט א שטראַל ער: פון דער זון דער ערשטער גרוס.
א הייב די אויגן צו דעם מזרח־הימל — ווערט פאַרבלענדט ער:
א טייך פון ראָזן ליכט, און איבער אים — די זון, צעשטראַלט,
פון הינטער איר טוכט אויף אן אויסגעבאָדענע געשטאַלט
מיט פליגל, צאַפּלדיק־צעפלאַטערט... אך! זיין רייב דערקענט ער.
ער גייט אַנטקעגן איר מיט אויסגעשפּרייטע הענט... ער וועט
גוטמאָרגן ביטן איר... דעם קייסערס בריוו?... ס'איז נאָכנישט שפּעט...

23

ווער יאָגט עס אויפן וועג, פיר פערד געשפּאַנט אין דער קאַרעטע?
דער בישאָף גאַרט צו זען, ווי זיין שונא ווערט פאַרלענדט;

ער שנאַפּט די פרישע לופט מיט זיינע נאָזלעכער די פעטע...
וויוואַט! דאָ שטייט דעם יידנס קאַטש, דער ייד אליין שוין ברענט!...
פארפלייצט פון פרייד, ער טוט זיך א צעוואַלגער מיט געלעכטער
און כוואַשטשעט מיט דער בייטש די פערד: — אָר! זון געדעכטער,
באַוויליק היינט מיין קרבן פאַר דיין גלאָריע און דיין פראַכט:
דער קייסער זאָל באַשענקען מיך, דיין דינער, מיטן יידנס מאַכט... —
די פערד, געשוינדן פון דער בייטש, זיך טראָגן, ווי די שדים,
און מיטאַמאָל — א ווילדן רים די לייצעס: — שדים, סטאָפּ! —
צעשוימטע בלייבן שטיין די פערד, ער טוט א שפּרונג אראָפּ.
דאָ טוט א פּאַק אים עמעץ, טאַסקעט, ווי א שווין, אָן רייד אים,
א חיה טוט אן עפן אויף פאַר אים א פלאַמיק מויל,
ער טוט דערין א פלי אריין, און... ס'איז אים גוט און וווּיל.

## 24

ס'באַווייזט רב שמשון פינקטלעך, אָן פארשפעטיקונג צו קומען,
נאָר אויפן קייסער וואַרט ער לאַנג און אויך אומזיסט. ס'ווערט שפּעט.
סע שרפעט שוין די זון אין הימל, ס'טריקנט דורשט זיין גומען...
דער קייסער וויסט שוין פון זיין טויט און צו דער טאָכטער רעדט:
—...דער בישאָף האָט געראָטן מיר, אים ברענגען פאַר א קרבן
פאַר דער אמונה אונדזערע... פאַר דיר איז ער געשטאָרבן...
פארגעס אים!... טויטע פונעם קבר קומען נישט צוריק...
וואָס שווייגסטו, קינד מיינס? שווייגסט... און „מערדער!“ שרייט דיין בליק...
וואָס טו איך איצט?... סע וועט מיך מיין געוויסן אייביק פּלאָגן...
— שיק גלייך א זוך טאָן... — ברעכט די טאָכטער אויס מיט א געוויין —
און אש דאָרט כאָטש א ביינדל פון זיין ליבטיקן געביין,
איך זאָל עס איינפּאַסן אין גאָלד און אויפן האַרצן טראָגן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'דערגענטערט זיך רב שמשון צו דעם בלייכן קייסערס טראָן,
און אויף זיין האַנט — דעם בישאָפס א פאַרשוואַרצטער פוילער צאָן.

וואַרשע. אויגוסט־סעפּטעמבער, 1955.

# דער ארכיטעקטאָר הערש
# און אלעקסיי דער ארכירײ

## אין שטילן וואַלד

די שטילקייט איז דער אויער פון די וועלדער־שטחים
און האָרכט דעם שוועב פון פייגל, פלאַטערלעך, מלאָכים
הורך דעם געצווייג; דעם טראָט פון חיות, מענטשן, שטראַלן
אויף טעפּיכער פון גראָז, און מאָך, און בלעטערפאַלן...

ווער שלײכט עס דאָ אַהין און צוריק מיט פּסיעות־קטנות *,
און ווי א פליגל פון געדאַנק זיין יעדער שפּאַן איז?
זיין בליק: א פעדער — ווי זי וואָלט געמאַכט געשריפטסן,
אויף ביימער־שטאַמען און פארזיגלט זיי מיט זיפצן;
ווער איז ער דאָס, דער ייד — א בלאַסער און פארבענקטער,
מיט פיבער אינעם בליק? איף וואָסער מחלה קרענקט ער?

ס'איז הערש, דער ווייט באַרימטער אומן־אַרכיטעקטאָר,
וואָס שעפערישן גייסט אין האָלץ־געבוי אַנטפּלעקט ער,
וואָס לערנט פשט אין האָלץ, זיך פלפּולט לאַנגע שעהען
און איז מחדש מיט התלהבות פון א גאון,
וואָס האָט נישט איין שול אויפגעבויט שוין אויף חידושים,
און שניצט ער א „שיוויתי" — כאַפּ ארום און קוש אים!

וואָס דרייט זיך הערש ארום דאָ שעפּטשענדיק? וואָס רעדט ער?
וואָס מישט ער טיפע זיפצן מיטן שאָרך פון בלעטער?
ס'האָט הערש נאָר־וואָס געפאָרשט דאָס האָלץ פון אָט די ביימער
און ווייסט: סע שטעקט דערין א כוח א געהיימער
צו וועקן שעפערישן איינפאל ביי דעם מייסטער,
און וואָס נאָר ס'פאַלט אים איין — צו מאַכן עס באַווייזט ער;

---

* פּסיעס־קטאַנעס — קליינע טריט.

ס'איז ווי אן איידל קינד, וואָס לאָזט זיך לייכט דערציען,
און פעסט ווי אויסגעפּורעמט אייזן גאָכן גליען;
ווי אויסגעחלומט איז דאָס האַלץ פאַר שול־בנינים!
פון יעדער וואַלט ארויסגעקוקט דער שכינהס פּנים...
גאָר ווער וועט אים דערלויבן דען די ביימער שניידן?
ווי האָט ער גאָר דערוויף די מיטלען? סיידן... סיידן
זיי וועלן על־פּי־נס זיך אָפּרייסן פון דאנען
און לאָזן זיך צו אים אהיים, ווי ריזן, שפּאַנען...

צי וועט ער אויסזיפּצן דעם נס, דער ארכיטעקטאָר?
דער אייער פונעם וואַלד האָרכט איין זיך, א צעוועקטער

## באַגעגעניש מיטן מלך

א פערדיש הירזשען טוט זיך א צעכוואַליע פרייַלעך,
און הערש דערזעט: סע גאַלאָפּירט צו אים דער מלך!
ער ציטערט אויף. סע לויפט א קעלט אים דורך די ריפּן,
און מיט א „שהחינו" צוקן זיינע ליפּן.
ער טוט א כאַפּ אראָפּ דאָס היטל מיט א צאַפּל:
צי מעג ער איבערלאָזן אויפן קאָפּ דאָס קאַפּל?

— וואָס טוסטו, ייד, אין וואַלד? — דעם מלכס לעפצן פרעגן. —
האָט יעקב אָנגעהויבן גיין שוין אויף געיעגן?
די תורה אין געצעלט פאַר עשיון געלאָזן?
און זאָג, אויף וועלכע חיות יאָגסטו זיך — אויף האָזן?...

און ס'טאַנצן שדימלעך פון שפּאָט אין מלכס אויגן.
דערפון קומט הערש צו זיך, ווערט שטייף און, קוים געבויגן,
געלאַסן ענטפערט: — מעגסט, אדוני מלך, לאַכן.
מיך שרעקט דאָס בלוט אפילו פון א האָז א שוואַכן.

ס'האָט יעקב נישט באַפרייט זיך פון זיין אַלטער טבע:
ער ציטערט אויף פון אַ פאַרוווּנדעטנס אַ רעווע...
אויך איך בין נישט קיין מייסטער, מלך, צו צעשטערן.
פון טויטן האָלץ אָן גייסט באַשעפעניש ווערן
פון אונטער מיינע פינגער לעבעדיק באַשאַפן...

— איז וואָס זשע ביסטו דאָ אהערגעקומען? גאַפן?

— אדוני מלך... יאָ, צו גאַפן אויף דעם וווּנדער
פון אַלץ, וואָס לעבט, געדייעט אויף דער ערד דער רונדער.
כ'האָב אויסגעפאָרשט דעם שטאַם, די וואָרצלען פון די ביימער,
און כ'ווייס שוין: ס'ווירקט אין זיי אַ כּוח אַ געהיימער!
זיי זענען פעסט און שמיידיק אין די צווייג־געלענקען
און ציען זיך צום הימל מיט אַ האַרציק בענקען...
ס'וועט זייער האָלץ געהאָרכזאַם זיין דעם מייסטערס ווילן
און לאָזן זיין פאַנטאַזיע זיך אין אים צעשפּילן...
ווען עמעץ וואָלט מיר שענקען פון די ביימער קלעצער
און אויך פאַר שולן צוגעפּאַסטע שטילע פלעצער, —
כ'וואָלט אויסגעטראַכטט פון זיי אַזעלכע בוי־געזאַנגען,
אַז זייער שם וואָלט באַלד זיך אויף דער וועלט צעגאַנגען!

— צי קאָנסטו אויך פּאַלאַצן בויען פאַר דיין מלך?
זיי זאָלן אויף מיין לאַנד כּסדר קוקן פרייליך
און פרייד פאַרשאַפן אַלע פריינד פון מיין מדינה,
און צינדן אין די הערצער פון די שונאים קנאה?
באַווייזסטו דאָס, — פאַר צען פּאַלאַצן בלענדיק־שיינע
וועל איך דערלויבן דיר אַ שול צו בויען — איינע...
פון זעלבן האָלץ און הורד די זעלבע מיינע שקלאַפן,
און האָט אויך איר, איר יידעלעך, אויף וואָס צו גאַפן...

— איך וועל זיך מיען מיטן האַרץ און די געהירן...
— קוים קומט עס נישט ארוים — ווערסט, ייד, דעם קאָפּ פאַרלירן! —
און ס'פערד צעהירזשעט זיך, ווי ס'וואָלט... דער מלך לאַכן.

— נו, גוט, אדוני, — זאָגט דער ייד — וואָס קאָן מען מאַכן...
(און שטיל צו זיך: — צו קדושה איז דער לייטער — טומאה;
די טומאה וועט פאַרגיין, די קדושה — האָבן תקומה).

די שקיעה שמייכלט ראָזיק אויף די קרויבען־צווייגן,
און ס'הילט זיך איין דער וואַלד אין דעמער, נאַכט און שווייגן.

## אויגן פאַר פּאַלאַצן

סע וואַקסן די פּאַלאַצן מיט דער פּראַכט צוזאַמען,
באַצויבערן די הערצער פון די הויכע דאַמען:
דער מייסטער האָט צונויפגעפּאָרלט האַרץ מיט שכל,
און ערנסט פּנים מיט א קינדערישן שמייכל!
ס'איז נאָר פּאַרדריסלעך, יאָ, און פיל באַדויער ווערט איז,
וואָס נישט קיין קריסט דעם ארכיטעקטאָר זיין באַשערט איז;
ס'איז קעגן קריסטנטום פון גורל א פאַרשווערונג,
א ייד געניסן זאָל פון מאַיעסטעטס פאַרערונג, —
א ייד אַן איינגעשפּאַרטער און זיין בלינדן גלויבן,
וואָס קוקט אויף אנדערע אראָפּ מיט שטאָלץ פון אויבן.
סע האָלט געפאַנגען זיין נשמה דער נישט־גוטער
און לאָזט נישט צו צו איר דעם חסד פון דער מוטער,
דער הייליקסטער, דער ליכטיקסטער און ריינסטער בתולה,
וואָס וויל באַגנאָדן זי מיט אייביקער גאולה...

ווו נעמט מען שויבן פאַר אזעלכע־אָ פּאַלאַצן? —
פון גלאָז, וואָס האָט נישט מורא פאַר קיין ראַצן,
וואָס טיף איז, ווי דער פרילינג־הימל דער צעבלויטער,
וואָס איז ווי קוועליק וואַסער, הורכזיכטיק און לויטער?
און ס'ווייצלט זיך דער ארכיטעקטאָר פאַרן מלך,
די אויגן אומעטיק, הגם דאָס פּנים — פריילעך:

— מע האָט אוּגרז, יידן, צו דעם זאַמד ביים ים פאַרגליכן...
ווען כ׳וואָלט נאָר קאָנען מאַכן גלאַז פון זיך, — אינגיכן
פאַרענטפערט וואָלט געווען די האַרבע קשיה „שויבן?“...
געלייטערט זאַמד מיר זענען... המם... מע טאָר זיך זעלבסט נישט לויבן...
נאָר ס׳האָט זיך מיר געחלומט: וויַיט... אין דיין מדינה...
סע בלענדט א זאַמדיק אינדזל צווישן אינדזלען גרינע;
זיין זאַמד דאָס פּיינע פון דער זון ביז וויַיס צעגליט איז;
און דאָרט געפינט זיך אויך א מייסטער, וואָס געניט איז
פון אים דאָס שטאַרקסטע, שטראַלנדיקע גלאָז צו מאַכן...
באַוויליק, מלך, פון מיין חלום נישט צו לאַכן:
חלומות לערנען טיילמאָל קלוגערער פון מענטשן,
און ווער סע לאָזט זיך לערנען — ווערט זיי שפּעטער בענטשן.
שיק אויספאָרשן די אינדזלען זאַמדיקע און גרינע,
וואָס ליגן ביי די גרענעצן פון דיין מדינה.

— איך וועל דיין עצה, כאָטש אַן אויסטערלישע, הערן,
און גיט זי פּרובט — ווערט אויפשיינען א נייער שטערן...
און אפשר ווערט עס גאָר באַדויערן דער אַלטער,
ווייל דעמלט ווערט מען א י ם באַווונדערן שוין קאַלטער?...

— קיין שטערן, מלך, שרעקט נישט אָפּ אַזא מין שינוי,
ווייל צווישן וואָרע שטערן איז נישטאָ קיין קנאה...
אָ, זאָלן נאָר באַקומען אויגן די פּאַלאַצן —
און מיין פּאַרדינסט מעג יעדער ווי ער וויל זיך שאַצן.

## אַ פּאַרבערעכערס תפילה

פון הימל אויפן וויַיסן באָדן פייער שיט זיך,
די שטילקייט פּינעט אינדזל אויף די זאַמדן גליט זיך;
א פויגל וואָלט זיך אָפּגעבראָטן אין דער לופטן,
קיין פלאַנץ ווערט נישט געדייען דאָ, קיין קוויט נישט דופטן.
נאָר... טריט נאָך נישט פאַרווישטע אויפן זאַמד דעם דינעם,
וואָס זאָגן: זוכט איר מענטשן, ווערט איר זיי געפינען.

א קלויסטער. פיל באַראַקן. לאַגער פאַר פאַרברעכער.
פאַררוסן קוקט אַראָפּ דער קלויסטער־צלם אויף די דעכער.
ס'איז זונטיק, און פאַר די וואָס גלויבן קלינגט דער קלויסטער,
מיט ברומענדיקן גאָכשאַל אין די הייכן ברויזט ער.
אָט גייען לייט, מיט זון פאַרביסן אין דער פּלייצע,
מיט האַרבן קלאַנג פון שווערע קייטן. סע באַגלייט זיי
באַוואָפנט, שווייגנדיק און שטרענג א בייזער היטער.

צי האָט די תפילה זיי פאַרלייכטערט די געמיטער?
געמאַכט כאָטש אויף א רגע איין נשמה בלויער? —
סע ענטפערט נישט דעם קלויסטערס ברייט צעפּראַלטער טויער.

סע שמעקט די קלויסטער־לופט מיט ווייערד, וואַקס און שווייסן.
פאַרלאָשן שטייען געלע ליכט פון אַלע גרייסן.
אין קלויסטער־רוים איז שאָטנדיק און שטום, גאָטס מוטער
קוקט מילד אַראָפּ. סע קניט פאַר איר א זון. וואָס טוט ער?
ער קושט דעם זוים פון קלייד פון אירן בלוי געמאָלן.
די אויגן אירע לייכטן לויטער ווי קריסטאָלן,
און ס'דאַכט זיך: שטערן אויף איר הימל־פּנים פינקלען,
דורך זייער שטראַלונג שמייכלען אירע ליפּן־ווינקלען.

דער קניענדיקער בעט: — מאַך ליכטיק אין דעם ווינקל
דעם פינצטערסטן פון מיין נשמה מיטן פינקל
פון דיינע שטערן... א י ך האָב זיי פון זאַמד באַשאַפן,
אז מיר, פאַרברעכער, זאָלן אויף דיין שיינקייט גאַפן
און דורך דיין שיינקייט צו דיין לויטערקייט דערגרייכן —
פון נידעריקסטער טיף דערלאַנגען צו די הייכן,
וואָס שפּרייטן זיך פאַר דיינע פיס, ווי בלויע סטעשקעס,
און זייערע נשמות — שוואַרצע האָלעוועשקעס,
מיט פלעמלעך בענקענדיקע, צאַפּלענדיקע זאָלן
זיך רייסן צו די לויטער־ריינסטע אָרעאָלן
פון אלע הייליקע, וואָס לייכסט אין זייער זינען...
פאַר דיינע אויגן זאָל איך חן אין זיי געפינען,

דיין שיין זאָל א באפרייטן מיך אהיים באַגלייטן,
ווי מ'האָט אראָפּגעשמידט פון מיר די קייטן
פאר מיין באַשאפן דיר די אויגן — העלע שטערן,
ריין־לויטערע, ווי קינדיש־בתולהשע באַגערן,
און זאָלן אָפּטאָן זיך פון מיר די ווינד־און־ווייען, —
פון מיר דיין טרייען שקלאַף, דעם מייסטער אלעקסייען.

## קנאה און מסירה

דער מייסטער אלעקסיי — געוועזענער פארברעכער,
ארויף נאָר אויפן לייטער, שטייגט אלץ העכער, העכער:
האָט ע ר צ׳ די פאַלאַצן דאָך געמאַכט די שויבן!
צי איז נישט ע ר קיין זייל פון פראַוואָסלאַוונעם גלויבן?
פון אינדזל ווילדזאמד האָט מען דאָך געבראַכט צו פירן
גאָטס מוטער מיט די שטערן־אויגן, צו באַצירן
די הויפּטשטאָט, און זיין וואָרע קונסט סע זעען אלע
אין דעם געשטאַלט דער בתולהס, גאָט דעם פאָטערס כלה...

נאָר אין דעם האַרץ דעם ארכיריים נעמט אויבעט שטייגן
די קנאה צו דעם ארכיטעקטאָר... קאָן ער שווייגן?!
סע ברענט אין אים א פייער, און די בלוטן קאָכן, זידן:
זאָל ע ר זיך טיילן מיטן כבוד מיט דעם יידן,
וואָס גייט ארום זיך שטאָלץ אזוי אין די פאַלאַצן,
ווי ס'וואָלט דער מלך אלץ נאָך רעכט אים נישט דערשאַצן!?
דער בלאַס־פארבענקטער ייד זיין ווין, זיין בלוט פארוואַסערט...
און ס'נעמט דער ארכיריי און פארן מלך מסרט:
— דער ייד האָט דיר באַגנבעט, כאָטש האָסט אים געטרויעט:
פון דיין געהילץ א שול א יידישע געבויעט...

— האָסט, ארכיריי, צו אים מיין צוטרוי נישט געבראָכן —
דער מלך שמייכלט — כ'האָב אליין עס אים פארשפּראָכן.

דעם מלכּם שמייכל שניידט אין האַרץ אים, ווי אַ מעסער,
און ס׳וואַקסט זיין טרייפע שנאה צו דעם יידן גרעסער.
פאַרביסן, בלויז אַ קורצע צייט פאַרטייעט שטומט ער —
מיט אַ מסירה אויפן יידן ווידער קומט ער:
— דער ייד איז חוצפּהדיק, ער שענדעט אונדזער גלויבן:
ער האָט אין שול פון אונדזער גלאָז געמאַכט די שויבן...

— מיט מיין הסכּמה, — זאָגט דער מלך מיט אַ שמייכל —
דער ייד פאַרלויפט די געצן מיט זיין פלינקן שׂכל...

אַקעגן מלכּם שמייכל טוט זיין האַרץ אַ ציטער,
נאָר אויך אַ טראַכט... פון אַ מסירה שוין אַ דריטער:
דער מלך שמייכלט אין... דער ייד וועט ענדלעך קלאָגן
און ווי אַ הונט אַ דאַרן ביין זיין שׂכל גנאָגן!

## אַ יידישע שול

— לחיים! — הייבט דער אַרכירייִ דעם פולן בעכער, —
לחיים, מלך! און למות — דעם פאַרברעכער!
ווי זאָל מיין האַרץ דאָס קריסטלעכע פון פיין ניש פּלאַצן?! —
די שול די יידישע שטייגט איבער די פּאַלאַצן
דעם מלכּם און די קלויסטערס פון די רייכסטע קריסטן;
כאָטש נידעריק, פאַרהוילן צווישן הייזער, מיסטן,
איז גאָר איר פּראַכט און הערלעכקייטן ניט צו שאַצן —
אַ שיר־השירים איבער זינגיקע פּאַלאַצן!
כאָטש אָן אַ שפּיץ — זי שטעכט די אויגן, ווי אַ דאָרן...

און מלכּם האַרצן נעמען גליען ווי און צאָרן:
— אויב האָסט עס, אַרכירייִ, פון פינגער אויסגעזויגן,
וועט דיר גישט ביישטיין אויך דער מוטערס שטערנאויגן,

און ווערסט א צווייט מאָל אויפן אינדזל ווילדזאמד פאָרן,
כדי אין תשובה אָפּצולעבן ס׳רעשטל יאָרן.
נאָר אייב סע וועט דער אמת שענקען דיר זיין זיגל,
כ׳וועל הייסן אָפּהאַקן דעם יידן זיינע פליגל...

— די פערד!... מיר רייטן צו דעם שיר־השירים... שווייגן!
איך וועל מיט אויגן אייגענע זיך איבערצייגן.

פון דרויסן איז די שול א פשוטע, א שטילע —
א שטול געמיטלעך אויסגעלייטערט צאַרטע תפילה,
וואָס, ווי א שטיקל הימל צווישן כמאַרעס, בלויט זיך;
זי האָט מיט איינגעהאַלטן פרומען גלי געבויט זיך;
ווי, אויף די קני געשטאַנען, וואָלט איר מייסטער בעטן:
„געגליכן צו דעם ליים, פון מעפערם האַנט געקנעטן,
אַזוי איז, האַר, דיין פאָלק... ווער ס׳וויל, דער קנעט עס, טרעט עס
און מישט עס אויס מיט שטויב, באַשפּייט עס און באַשפּעט עס...
ביז וואַנען, אוי, וועט זיין דיין פאָלק אזוי געפאַלן?
באַגילד ישראלס זילבער־האַר מיט חסד־שטראַלן...“

דער מלך אויפן פערד שטייפט אָן זיך א באַרוישטער.
צי איז ער אָן אַנטציקטער, אָדער אַן אַנטוישטער?
און אָט־אָ נעמט ער אין פאַרלוירנקייט זיך קראַצן:
די שול איז געמלעך! זעגען געמלעך די פאַלאַצן?
נו, זיכער: ס׳לאָזט זיך גאָרנישט מאַכן קיין פאַרגלייכן:
צי קאָן א בעטלער זיך פאַרמעסטן מיט א רייכן?
צי קאָן מען שטאָלצע אָדלערס קעגנשטעלן טויבן?
סע מאַכט זיי ענלעך — בלויז די שטראַלנדיקע שויבן...

גיי משפט, ווער פון זיי סע איז דאָ דער גערעכטער! —
דער גוטער הערש, צי אַלעקסיי דער קריסט דער שלעכטער?

דער מלך טוט א שפּרונג אַראָפּ פון פערד און לאָזט זיך
ריי שול באַטראַכטן איגעווייניק, כעסט און בלאָזט זיך,
נאָר אין דער ראָם פון טיר בלייבט שטיין ער א געפּלעפטער
פון וווּנדערשיינקייט, מיט באַשיידנקייט באַהעפטער:

קיין גאלד=און=זילבער און קיין שרייאיקע קאלירן,
בלויז שניציגנגען אין האלץ איר שטילן רוים באצירן;
קיין איידלשטיינער בליאסקען נישט און נישט פארבלענדן,
נאר וואהין די אויגן זאלן זיך נישט ווענדן,
דארט ווערן זיי באצויבערט, ווי געכאפט אין צוואנגען,
נישט אפצורייסן מער זיך פונעם ארט — געפאנגען...

דער ארון — סיידן געטער העלפן מענטשן שניצן!
אויף זיינע שוואכע אקסלען ווילדע לייבן זיצן
עניוותדיק און שטיל, ווי לעמעלעך; די בליקן —
פון בעלי=תשובות, וועלכע וואַרטן אויף א תיקון...
און אויף זיין קאפ — אן אדלער, מעכטיק=ברייט צעפליגלט,
נאר אין זיין בליק א טויבן=תפילה איז פארזיגלט;
סע צאפלט זיך א ווייסע טויב אין זיינע קראלן...
זיי לאזן נאך... אט וועט זי א באפרייטע פאלן...
פון ביידע זייטן — שלאנקע הירשן צווישן זיילן;
די קעפ — אין הערנער=קרוינען; טראגן זיך ווי פיילן
אויף דינע, לייכטע פיס, — ס'איז פליגקייט זייער גבורה;
און פון די אויגן קוועלט ארויס א זון פון בשורה...

דער מלך לאזט אראפ די ברעמען, בלאס, פארכישופט,
מיט זיך אליין געהיים אין הארצן זיך באיישובט:
וואס טוט מען מיטן קינסטלער? א?... זיין בלוט פארגיסן?
נישט מיין באפעל! דער גורל זאל די זאך באשליסן...

## לחיים או למות

צי שדים אויפן ים=שטראנד פאכען עס מיט טיכער,
באשאפענע פון שוים און זאמד, פון ברויז און וויכער?
זיי דרייען אין דער לופט זיך ווילד, ווי קארוסעלן,
געהארכזאם זייער מלך אשמדאים באפעלן,

און פייפן, סווישטשען, גרילצן, מיט די ציינער קריצן
און אויפן איגדזל מיט צעדולטע אויגן בליצן,
מיט שטייגער דונערן אויף די באַראַקן־דעכער
און מאַכן שוידערן די הויט אויף די פאַרברעכער...
און מאַכן צאַפּלען זיס דאָם האַרץ דעם תּלינס: „זיכער —
דעם אָנקום פון אַ קרבן זאָגט מיר אָן דער וויכער...“

פון שיפל שטייגט אַרויס אַ ייד אַ קאַנוואַאירטער.
זיין אומבאַשטימטן אורטייל אין זיין בוזעם פירט ער —
זיין מאַיעסטעטס אַ בלוטיק־גרוויליקער קאַמאַוועס:
„איך שיק אים, תּלין, דיר — ל ח יים או ל מ ו ת,
קאָנסט טאָן מיט אים, ווי דיר אַליין וועט וויל געפעלן —
אים לאָזן לעבן, אָדער צו דער תּליה שטעלן...“

אַ שטייפער פאַרן תּלין שטייט דער אַרכימעקטאַר
און מיט אַ פעסטער האַנט דעם אורטייל צו אים שטרעקט ער.
דער תּלין נעמט אים גייציק, זייגע שורות קושט ער.
נאָר דורכגעלייענט, אויפן יידן קוקט צעחושט ער:
— גאָר א י ד, — דער תּלין, זאָל דיין גורל הייגט באַשלים!?
צי דו ביסט שולדיק אָדער נישט, ווי קאָן איך וויסן?
קאָן זיין, אז אומצוקומען איז אומזיסט באַשערט דיר, —
פאַרוואָס זשע גראָד דורך מיר? צי בין איך דען אַ מערדער?...
נאָר וואָס דער מלך וויל, דער תּלין מוז דערפילן, —
איז ווער זשע וועט אַנטפּלעקן מיר דעם מלכס ווילן?

— פאַר מיר דעם מלכס ווילן איז שוין אַן אַנטפּלעקטער, —
אין תּלינס שטאַרע אויגן קוקט דער אַרכימעקטאַר
מיט פעסטקייט אינעם בליק און ווייכקייט אין די ווערטער —
אויב איך זאָל הענגען אויפן תּליה־שטריק באַגערט ער,
דאָ וואָלט ער דאָך געשריבן קורץ און שאַרף: „ל מ ו ת!“
דער מלך האָט באַוויליקט טרייבן אַ קאַמאַוועס...
קוים הענגסטו מיך, און ס'איז דער מלך נישט צופרידן —
דו וועסט נישט מאַכן לעבעדיק צוריק דעם יידן,

און מוזן פאַר זיין קאָפּ באַצאָלן מיט דיין שקורע...
נאָר לאָזסטו לעבן מיך — איז דעמלט אַלץ כשורה:
ווי נאָר ס'ע ווערט דערפון דער מלך אומצופרידן —
דאַן האָסטו תיכף פאַר דער תליה גרייט דעם יידן!...
די האָסט זיך געמלעד אויפצוהענגען אים געקליבן, —
דער מלך האָט דאָך קיין טערמין דיר נישט געשריבן...

אין תלינס אויגן פינקלט גינציק אויף אַ שמייכל:
— פאַרדינסט זיך אויף צו לעבן, ייד, צוליב דיין שכל...

דער שטורעם שטילט זיך איין, ס'צעגייען זיך די כמאַרעס,
און ס'רינט אַרויס די זון מיט שטראַלן דורך די שפּאַרעס.

## געמזעלן אויפן זאַמד

די זונטיקדיקע זון שפּאַצירט אַלץ העכער, העכער
און שימערט־אויף דעם פעד אויף די באַראַקן־דעכער.
ס'ע רופט דער גלאָקנקלאַנג דעם עולם צו דער תפילה.
אין קייטנבריאַזג זיך שטיקט אַ גאַנג פון טריט פון שטילע.
די קאַטאָרזשניקעס גייען רייענווייז ,געבויגן,
און אויפן ווייסן זאַמד פאַרהאַלטן זיי די אויגן:
ווי ס'וואָלט אַ וואונדערלעכער ווינט באַגין געבלאָזן
און אויפן ווייסן לייוונט פונעם זאַמד געלאָזן
א דעסן אַראַבעסקן, איידל, בלאַס געשטריכטע,
פון פלאַנצן, בלעטער, גערטנער, וועלדער ווילד־געדיכטע,
און דאָ, און דאָרט — געביידעס, גאַסן, חיות, עופות, —
אָ, וועלכער צויבערער באַוויזן האָט דעם מופת?! —
אין יעדנס האַרץ פאַרשאַרפט די בענקשאַפט די געפילן,
און שמייכלען פון אַנטציקונג אויף געזיכטער שפּילן...

ווי דאַנקבאַר זענען זיי דעם יידן — הערש דעם מייסטער,
וואָס אין דער מדבר ווילדזאַמד זיי די היים באַווייזט ער!
אַ לעבעדיקע שטייט די היים איצט פאַר די בליקן,
און טרערן, גרויס ווי פויסטן, אין גרגרת שטיקן...
מע וואָלט צערעדט זיך, זיך באַגייסטערט און צעשריגן,
ווען ניט די שרעק — מע קאָן אַ קויל אין אַקן קריגן:
באַוואָפנט, שטרענג פון היגטן גייט זיי נאָך דער וועכטער —
און וואָס ער טוט ניט, בלייבט ער תמיד דער גערעכטער.

**פרייהייט**

ווער זיצט עס איינזאם ביי דעם שטראַנד פון ים געבויגן,
אין וואַסער איינגעגראָבן מיט די הענט און אויגן?
שפּרינגט אויף, שטרעקט אויס די נאַסע הענט ווי מיט אַ טענה,
און ס'טריפן טרערן פון די בלאַסע פינגער זיינע?
ער קנעט דאָס פייכטע זאַמד, שטעלט אויף דערפון געבייען,
ניט הערנדיק ווי מעוועס פלאַטערן און שרייען
דורך רויש פון פאַליעס און דעם ברייטן, טיפן אָטעם
פון ים, וואָס רייסט צו אים זיך אַלע וויל און דראָט אים;
אָט צינדט זיין פנים זיך מיט פרייד, אָט לעשט זיך ווידער,
געגליכן צו אַ ליכט, וואָס גוססט אין דעם ריערלם נידער, —
ווער איז ער?

הערש, דער אַרכיטעקטאָר דער פאַרשיקטער:
זיין זעל, וואָס גאַרט נאָך שעפערישער מי, דערקוויקט ער,
זיך לאָזנדיק פון דער פאַנטאַזיע־שפּיל פאַרפירן
און שולן פוגעם זאַמד דעם פייכטן מאָדעלירן...

אָט שטייט אַ שול!... נאָר איידער נאָך זיין פרייד צעבליט זיך,
די זון גליט דורך דאָס זאַמד — די שול פאַלט איין, צעשיט זיך...

און מײנע שולן, פֿון געהילץ געבױטע, — קלערט ער —
צי שטײען זײ נאָך אומבאַרירטע אױף די ערטער?
צי האָט אַ טמא גישט־פֿאַרגינער גישט געשענדט זײ?
צי האָט אַ פֿײנט אַן אונטערצינדער גישט פֿאַרברענט זײ?...

אַ שול! אַ שול!... אַ כוואַליע מיט אַ שטױס, צעשלאָגט זי,
און הערש מיט ציטער שטילערהײט אין האַרץ באַקלאָגט זי:
אַזױ־אַ בױען מיר, און כוואַליעס אַלץ צעשטערן...

נאָר אײדער אין די אױגן זאַמלען אָן זיך טרערן,
ער נעמט זיך װידער מיט געשטאַרקטן װײ און װילן
צום בױען אין פֿון המיון לאָזן זיך פֿאַרשפּילן...

און װאָס איז דאָס? צי אױך אַ שפּיל פֿון זײן פֿאַנטאַזיע?
צי נאָר אַ װירקלעכקײט — אַ געטלעכע אָקאַזיע?
אַ פֿאַליע יאָגט זיך נאָך אַ פֿאַליע, יאָגט זי איבער
און מיט אַ צאַפּלדיקן פֿיש אַ װאָרף אַריבער
אַהערצו אױפֿן זאַמד... ער שנױפּט... ער חלשט װאַסער,
און ס׳װערן זײנע זילבער־שופּן בלאָס און בלאַסער...
ער כאַפּט דעם פֿיש און װיל אין ים צוריק אים װאַרפֿן,
נאָר ס׳מוט דער פֿיש אַ קלוגן קוק אױף אים אַ שאַרפֿן,
װי שטומערהײט גערעדט מיט פֿינטלענדיקע בליקן:
„רב הערש, מיר װעלן בײדע האָבן איצט אַ תיקון...“

הערש פֿאָרשט אים, װי אַ רעטעניש, און קוקט אין מויל אים:
„װאָס װילסטו, פֿיש, מיר זאָגן?“ ס׳גענעמט אַדורך אַ גרויל אים:
דער פֿיש גענעמט דרײען זיך און אױסבײגן דעם רוקן,
זײן מויל באַװעגט זיך שמײכלדיק, די ליפּן צוקן,
װי שװער געמאַטערט זיך פֿון זיך אַרױסצוקװילן
אַ סוד אַ פֿרײדיקן, װאָס איז אין אים פֿאַרהױלן.

און מיטאַמאָל — אַ רינגל האָט ער אױסגעשפּיגן!
צעשימערט אױפֿן זאַמד דעם פֿײכטן בלײבט עס ליגן.
מיט הערש אַ װאָרף דעם אױסגעשטײפּטן פֿיש אין װאַסער:
„דאָס רינגל איז אַװדאי מיר אַ גרױסע פֿרײד מבשר!“

סע פינקלט אויף זיין בליק, די אויגן לייכטן פרייליק:
„דאָס גאָלדן רינגל מיט דער סיגנע פונעם מלך!...
דער תלין וועט מיך איצטער ג י ש ט נאָר לאָזן לעבן,
נאָר לויט דעם מלכס סיגנע אויך די פרייהייט געבן!“

## ווער — לחיים, און ווער — למות

סע פלייצט די זון מיט ליכט און גייט די וועלט פארפלייצן;
און מלכס פּאַרק די שאָטנס מיטן ליכט זיך רייצן.
בשתיקה שלייכט אַ מאַן פאַרביי די שטאַמען, דרייט זיך,
קומט צו געהיים צום טייך און איילנדיק אַנטקליידט זיך,
טוט אויס אַ בגד נאָך אַ בגד מיט אַ צאַפּל,
לאָזט איבער איינציק אויפן קאָפּ דאָס פרומע קאַפּל,
בלייבט שטיין אַ נאַקעטער, ווי אין גן־עדן אָדם,
פאַרוויקלט שנעל אַרום אַ שווערן שטיין די בגדים
און וואַרפט זיי אין דער טיף... און טוט אַ שווים באַוועגלעך
צום אָרט, וווּ ס'באָדט דער מלך זיך אַצינד טאָג־טעגלעך.

דער מלך, דאַכטנדיק — ער האָרכט פון ווייט אַ קלאַפּטער,
שטעלט אָן די אויגן אויפן וואַסער אַ פאַרגאַפטער...
סע בלענדט די זון, די דלאָניע הייבט ער צו דעם שטערן,
אים קנייטשנדיק, ווי אויף אַ רעטעניש אַ שווערן:
„זאָל ווער דערוועגן זיך פאַרשווענכן מיר דאָס וואַסער?!“
„אַ מענטש! סאַראַ געמיינע חוצפּה!“ — ברענט פון כעס ער.
נאָר אָט בלאָסט־אויף שוין אַ געזיכט: דער אַרכיטעקטאָר!!!
ווי אַ געשפּענסט פון יענער וועלט דעם מלך שרעקט ער.

— פון וואַנען, הערש געטרייער, האָסטו זיך דערנומען?!
איך האָב געדענקט: דו ביסט פון לאַנג שוין אומגעקומען!
צי אפשר ביסטו אַ געשפּענסט בלויז מיך צו שרעקן,
און ווילסט חרטה אויף מיין טאַט אין האַרץ דערוועקן?

לאָזט הערש אַראָפּ זיך אינעם וואַסער אויף די קניען:
— אדוני מלך, זאָל דיין מאַכט און הערשאַפט בליען
פון היינט אויף אייביק... ווי דו זעסט מיך, מלך, לעב איך.
און דיר צו דינען מיטן גאַנצן האַרצן שטרעב איך.
סע זענען וווּנדער מיט דיין דינער זיך פאַרלאָפן —
ס'האָט נישט באַוויליקט גאָט אויף ד ע ר וועלט מיך באַשטראָפן:
ווען ס'האָט דער תלין מיך אין ים אַריין געוואָרפן,
אין כ'האָט דיין קנעכט דערטרונקען ווערן שוין געדאַרפן,
פון תהום אַ גרויסער פיש צו מיר איז צוגעשפרונגען,
דעם פיסק צעעפנט ברייט און גלייך מיך איינגעשלונגען.
ער איז מיט מיר צו דעם לויתן צוגעשוווּמען
און מיך פון זיך אַרויס צוריק אַרויסבאַקומען.
און דער לויתן האָט באַפוילן מיך צו בויען
פּאַלאַצן, גלייך ווי דיינע, אין זיין ים דעם בלויען.
איך האָב געבויט. זיי שטייען פאַרטיק שוין, דערהויבן.
סע פעלט זיי בלויז — אַריינשטעלן אין זיי די שויבן...
אסותא *, מלך!... אויף מיין וואָר האָסטו געגאָסן...

— „דאָס קאָן דער ארכירייז, — כ'פאַרזיכער דעם לויתן —
אין מאַכן גלאָז די וווּנדערלעכסטע קונץ באַווייזט ער,
נישטאָ קיין גלייכן אויף דער וועלט צו אָט דעם מייסטער!"

— „איך שיק דיך, — גיט ער אַ באַפעל — צום מלך דיינעם,
ער זאָל מיר אויסבאָרגן דעם גרויסן מייסטער זייגעם;
אַ מלך וועט אַ צווייטן מלך נישט אָנטזאָגן.
דער זעלבער פיש וועט שנעל דיך צו דיין היימלאַנד טראָגן.
און אַלס באַווייז דיין מלך, אַז דו זאָגסט אים אמת —
אָט איז זיין גאָלדן רינגל, פאַר אַן עדות גיב עס;
ער האָט אַמאָל פאַרלוירן עס בעתן באָדן,
איז קער איך איצט אים אום דורך דיר זיין שאָדן..."

---

* אסוסע — צום געזונט, צום לעבן.

— איז אָט־אָ בין איך דאָ, און ס׳וואַרט דער פיש אין וואַסער
אויף אונדזער אַרביריי...
— מיין טרייער ייד מיין בלאַסער, —
דער מלך טוט אַ זאָג — ס׳איז אויך דיין מלכס וויל:
די ביטע פון לויתן זאָל מען היינט דערפילן...

*   *
*

פאַרנאַכט. אויף מערב צינדן וואָלקנס זיך אין פלאַמען.
דער הימל מיטן טייך אין בלוט זיך גיסט צוזאַמען.
דער טייך פאַרבליניעט מיט אַ מענטשלעכן געשריי זיך...
אין פאַרק פאַראָבלט, באַנג צעגיסט אַ סאָלאָוויי זיך.

וואַרשע, אָקטאָבער־נאָוועמבער, 1956



# מידה כנגד מידה

.1

רב אשר קאָצין — ס'קאָן אַ וועלט אים פֿאַר אַ עושר,
און אויך אַלס למדן=מופלג איז ער ווייט באַוווּסט;
מיט תּורה טיילט ער זיך ביי יעדן שעת=הכּושר,
אויף געבן אַ נדבה פֿעלט אים האַרץ אין ברוסט.

ער איז באַוואָרנט, פֿילט ער זיך, מיט ביידע וועלטן
און זעט אין שפּיגל פֿון זיין גאווה — זיך  אַ ל יי ן;
איז וואָס, אַז בעטלער=לייט צעבייזערטע אים שעלטן?
און סע דערגייט נישט ביז זיין האַרץ קיין פֿרעמד געוויין.

זיין געלט, זיין טיש, זיין ווייב און קינדער, אַלץ איבייגעם,
פֿאַרשאַפֿן אים דאָס עולם=הזהדיקע גליק;
ער האָט זיך אַ בית=מדרש אויפֿגעבויט אַ שיינעם —
„פֿאַר עולם=הבא, — קליגלט ער זיך — אַ פֿאַבריק“.

דאָ דאַוונט ער און לערנט, איז זיך מתוּוכח
אין סוגיות האַרבע מיט די לומדים פֿון דער שטאָט;
רב אשר איז „די שלעפּערס“ תּמיד מנצח,
און זייגע אויגן שפּריצן פֿונקען פֿרייד און שפּאָט.

וואָס אמת, אויף דער עולם=הבא מוז מען וואַרטן,
נאָר נחת=רוח קריגט מען דאָך פֿראָצענט דערווייל...
ס'איז כאַרעוועס צו גיין פֿאַמעלעך צום גענאַרטן;
אויב נאָר מ'איז זיכער, וואָס איז, כ'בעט אייך, דאָס געאייל?

ער לערנט אין בית־מדרש, און אין שטוב ער לערנט
די דינערשאַפט... צו טרייבן שלעפּערס פון דער שוועל;
פאַר שענקען עמעצן אַ פּענעץ ברויט ער צערנט
און איז קאַפּאַבל צו פאַרטרייבן פון דער שטעל.

און כאָטש חב אשרס הויז קיין בייזע הינט נישט היטן,
די בעטלערס דאַכט זיך אויס: סע בילן דאָ די ווענט,
און שעלטן: — זאָל זיך עם אויף זאַמד און שטויב צעשיטן
פאַר בלאַסע אויסגעשטרעקטע און פאַרשעמטע הענט!

און עטל די משוגענע אום שבת־שירה
זיך יאָגט אַרום דאָ פאַר דער טיר דעם גאַנצן טאָג:
— אַ חוש!... געניסט נישט, פייגעלעך, פון עושרס דירה...
קומט, קראָען!... קראַ!... סע איז רב אשרס שבת־קלאָג...

2.

ווען אָפּגעגאַנגען איז דער טאָג מיט בלוט פון שקיעה,
און אומגעקערט זיך האָט די טשערעדע אין שטייב,
האָט איר זיך נאָכגעשלעפּט מיט וואַקלענדיקער קניע
א יונגערער, און זיינע אויגן — פול מיט לויב:

„... דער הונגער האָט געקלעמט דאָס האַרץ, אַז אָט דערגיי איך!
האָסטו מיר לאַבונג דורך דער טשערעדע געשיקט...
אַ לויב דיר, אייבערשטער, פאַר גאַר דעם זיסן ריח
פון מילך אין הייטערס... ער דערפרישט מיך און דערקוויקט".

אַזוי איז ער פאַרנאַכט אין שטאָט אַריין געקומען,
אין גבירס בית־מדרש אָפּגעדאַוונט מיט געפיל,
און כאָטש סע האָט אים ווידער הונגערן גענומען,
ער עפנט אַ גמרא, הייבט אָן ניגונען און לערנען שטיל.

אַזוי איז שוין זיין גדר גאָר פון לאַנגע יאָרן:
אַליין נישט בעטלען און נישט אָפּדעקן די שאַנד,
געדולדיק איבערטראָגן אויף זיך דעם הימלס צאָרן,
ביז אויסשטרעקן וועט עמעץ פרייגעביק אַ האַנט.

נאָר ס'האָט אויף וויעטשערע אים קיינער נישט פאַרבעטן:
„... זיי זעען דען מיין האַרץ... איך בין דאָך נישט פון גלאָז..."
ביז ס'האָט דער שמש מיט אַ שטויס אים גראָב באַטרעטן:
— גו, גיי שוין! גיי!... רב אשר קומט באַלד פראַווען חצות.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַרויס צעוואַקלט;
די נאַכט האָט אים באַגעגנט מיט אַ זומגער שיין;
דערמיט האָט זיך זיין לאַנגער תענית פאַרסך-הכלט;
ביז ענדלעך האָט דער שלאָף אים אויסגעלייזט פון פיין:

... ער שפּאַנט אויף וועגן אַ פאַרשמאַכטער; אין זיין וואָגל
באַגלייטן הונגעריקע וועלף אים מיט געהויל;
ס'הענגט די לבנה איבער אים — מיט מילך א לאָגל...
ער נידערט... טוט אַ פאַל אַנידער צו זיין מויל...

ער כאַפּט אים מיט די הענט, און מיט די ציין צעבייסט ער
זיין הייטל און... די מאַמע זייגט אים פון איר הייסער ברוסט...
געלויבט דער אייבערשטער, וואָס מענטש און וואָרעם שפּייזט ער,
נאָר ס'איז דער וועג צו אים צו קומען אומבאַוווסט...

.3

דאָס מרוקען פון דער משערעדע האָט אויפגעריסן
דעם וואַנדערער פון זיסן, זעמנדיקן טרוים;
דער לאָגל מילך — זיין מאָגער בערדל איז צעביסן;
און קוים ער שטעלט זיך אויף די פיס אַנידער, קוים.



ער שטאַרקט זיך אָבער, „ווי אַ לייב“, און ווידער גייט ער
צו דער גמרא אין בית־מדרש... מיטאַמאָל
דערזעט ער זיך: ער שטייגט און שטייגט אויף יעקבֿס לייטער,
און בלויז זיין שטימע יאָמערט דאָרט אין יאָמער־טאָל...

סע זענען באַלעבאַטים דאַוונען געקומען.
דעם אורחס קול איז זיי אַריין אין דעם געביין;
האָט דער און יענער אים „אַרומטאַפּן“ גענומען —
צי איז דער ייד אַ למדן? האָבן זיי געוואָלט דערגיין.

— אָוואַ! אָוואַ! ס׳איז צו באַוווּנדערן זיין חריפות!
— ער שטייגט רב אשרן אַריבער! — אייפגעווייס!
— רב אשר, טרעפט דאָך אָפּט, איז גובר בלויז מיט תקיפות...
— ער מעג אים אָפּווישן דעם שטויב פון זיינע פיס!

אין אורחס אויגן גליט אַ הייליקער נצחון,
נאָר לעגנער, בלאַסער נאָכאַנאַנד סע ווערט זיין נאָז,
און אויך זיין שטימע — הייזעריקער, איינגעבראָכן:
„... ער הונגערט, — שטויסט זיך עגדלעך אָן אַ באַלעבאָס —

איך וועל אים בעטן נאָכן דאַוונען אויף פרישטיק“.
מיט פּאָמפּע טוט דער שמש אַ צעפּראָל די טיר,
און אַלע, חוץ דעם אורח, זיך דערפילן נישטיק —
מיט גאַוויהדיקע בליקן קוקט אויף זיי דער גביר.

סע זעט אים נישט דער וואַנדערער, ווייל ער פאַרענדיקט
אַ באַרג צעגויפּצופירן מיט אַ באַרג אין טאָל...
און איבער זיי אַ בליץ זיך מיט אַ בליץ פאַרשטענדיקט,
און ס׳הערט זיך דורך געדונער דעם באַשעפערס קול...

„... ער רעדט מיט חוצפה, — טראַכט רב אשר אומצופרידן —
דער ייד איז ווערט, מע זאָל אים ברעכן רוק־און־לענד!“
— מיר שטעלן זיך צו שחרית, — טוט א זאָג ער — יידן!
געענג זיין פייערווערק, וואָס ברענט נישט, נאָר פאַרבלענדט...

## .4

— קום מיט! — האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן דער גביר צום אורח. —
ביים פרישטיק וועלן מיר אַ שמועס טאָן.. איך מיין... —
געוווּנדערט האָבן זיך די באַלעבאַטים: „קורח!...
געשיקט זיך עס? און ער „פאַרבעט אים" נאָך אַליין?!"

דעם עושרס טיש איז פול באַשטעלט מיט שפּייזן,
רב אשר עסט מיט אַפּעטיט, פאַרטרינקט מיט וויין;
דער אורח מוז אוודאי שטאַרקער זיין פון אייזן:
צום עסן, נישט פאַרבעטן — קוקט ער בלויז מיט פּיין.

זיי פּילפּלען זיך אין ענין „צדקה לעניים";
רב אשר עסט און טרינקט און רעדט געלאַסן, הויך;
דער אורח — שטיל: פון הונגער ציטערן די קני אים,
ער הערט זיך איין צום גרימעניש אין פּוסטן בויך.

ער האָרעוועט און גליט, און ס'גייט אים אויס דאָס חיות,
ער שטרענגט זיך אָן און מאַכט די אויגן צו:
„... באַטש איין שלוק וואַרעמס! באַטש אַן איינציקן כזית!...
אָ, ניין! נישט בעטלען!... יצר-הרע, לאָז צו-רו!"

ביז ס'ווערט לסוף אים טרוקן שוין די צונג-און-גומען,
ער האָרכט דעם באַלעבאָס און שפּאַרט זיך שוין נישט מער;
דער גביר איז מלא-שטאָלץ: ער איז אים בייגעקומען!
ער בענטשט און שטעלט זיך אויף, און גייט פון טיש אַפּער.

— זאָלסט אויך צום מיטיק קומען. — זאָגט אים, אַ צעפּלאַטצטער
פון דער אכילה, שמייכלענדיק, דער זאַטער גביר —
באַווירצט מיט פּילפּול *, ווערט אַ מאכל פיל באַטעמטער;
כ'וועל הייסן, סע זאָל אָפן זיין פאַר דיר די טיר.

* פילפל הייסט אויף העברעיש — פעפער

דער אורח איז געקומען אייך צום מיטיק. מונטער:
„... ער וועט פאַרבעטן עסן.. איז שוין דען עק וועלט?!...“
ער לאָזט צום גרונט פון „ים־התּלמוד“ זיך אַרונטער
און קומט פון דאָרט צוריק מיט „פּערל“ מאַט־צעהעלט.

גאָר ווײ! דער גביר פאַרבעט אים נישט צו עסן ווידער,
ער פּרעסט אַליין בלויז און די „פּערל“ אים צעבּרעכט...
דער אורח שפּירט: סע שטאַרבן אָפּ אין אים די גלידער —
„... דער גביר... נאָר גאָט און אויך זיין משפּט איז גערעכט...“

.5

אין אָוונט איז געווען רב אשר מלא־חימה:
סע איז די סעודה אָן דעם אורח אים פאַרשטערט...
האָט אויסגעלאָזט דעם צאָרן צו דעם ווייב: — בהמה!
און צום משרת: — שגץ! מיטן קאָפּ אין דרערד!

האָט אָפּגעלייענט קריאת־שמע און געלייגט זיך שלאָפן,
נאָר ס'האָט אין אים נישט איינגעדרעמלט דער פאַרדראָס...
די האַלב־נאַכט אויפגערעגט־דערוואַכט האָט אים געטראָפן;
ער גייט אין זיין בית־מדרש אָפּצוריכטן חצות.

אין פאָליש בלייבט ער שטיין: צי שלייכט דאָרט ווער? אין זאָקן?...
און צו דעם שמש: — סטייטש?! באַלד קריגסטו אינעם פּרעס!
— ס'אַ דאַכטעניש. — דער שמש ענטפערט אים דערשראָקן, —
קיין לעבעדיקער נפש. סיידן... כ'וויים?... א מת...

ער גייט אַריין, און הינטער זיך די טיר פאַרמאַכט ער,
און די תּכריכים טוט ער אָן זיך פון דער שאַנק;
ווי פּלוצעם: הינטער אים שטייט עמעץ אַ פאַרטראַכטער —
אַ גייסט, נישט אָנצוטאַפּן אים, ווי אַ געדאַנק...

ער דרייט זיך אום: אַ מת!... — רב אורח... — כ'בין געשטאָרבן
פון הונגער, כאָטש געזעסן ביי דיין זאַטן טיש...
באַלד שטאַרבסטו, רשע! — בייזערט זיך דער מת, זיין קרבן. —
און ס'וועט אַריין דיין זעלע אין אַ טריפהן פיש!

— אוי־ווי איז מיר! אוי־ווי! — צעיאָמערט זיך רב אשר. —
אַזוי אין סאַמע בלי צו גיין שוין פון דער וועלט!
או מיין נשמה... אין אַ פיש, וואָס איז נישט כשר
וו יעדער וועג אויף צריק איז שוין פאַר איר פאַרשטעלט...*

— קאָנסט תשובה טאָן... — די ווערטער פּגעם מת איּם גלעטן —
קלייד אָן מיר די תכריכים, ס'וואַרט אויף מיר מיין גרוב,
און מיינע בגדים דו טו אָן... וועסט מיך פאַרטרעטן...
נאָר בעטלען עסן מעגסטו בלויז ביי זיך אין שטוב...

און וועסטו אויסהאַלטן אַ יאָר אין דעם נסיון
אין אָפּקומען אויף דער וועלט שוין דעם כף־הקל,
וועט ווערן אָפּגעטאָן פון דיר דיין זינד־בזיון...
— כ'בין מסכים! — טוט רב אשר צו זיין שטויב אַ פאַל.

6

די שטאָט האָט אויפגעקאַכט באַגינען: — הערט אַ מעשה!
רב אָשר קאָצין איז פאַרשוווּנדן און נישטאָ!
— זיין שמש האָט געזען אים אין תכריכים ווייסע
זיך שלייכן צום בית־עלמין... — אין אַ גוטער שעה!...

* לויטן גלויבן, אַז אַ גילגול קאָן באַקומען אַ תיקון דורך דעם, וואָס מע מאַכט אַ ברכה איבער דעם באַשעפעניש, אין וועלכן ס'איז מגולגל געוואָרן די זונדיקע נשמה. אָבער אַז דאָס באַשעפעניש איז אַ טריפס, איז שוין קיין שום תיקון נישט מעגלעך.

רב אָשרס הויז האָט מיט געיאָמער אָנגעפילט זיך,
ס'איז אויסגערונען דורך די דיקע, קאַלטע ווענט;
געשאָלטן האָבן בעטלער, מיט זיין טויט געקילט זיך:
— די ווערעם זאָלן טאָטשען זיינע שטייפע הענט!

רב אָשרס ווייב איז פול געווען מיט שווארצער אימה:
זי בלייבט דאָך אַן עגונה! אפשר לעבט ער פאָרט?...
— ערשט געכטן האָט ער דאָך גערופן מיך: „בהמה!“,
געוואָרפן מיר אין פנים דעם פאַרברוינטן טאָרט...

וועט עמעץ דען רב אָשרן דערקענען איצטער?!
נישט נאָר זיין קליידונג איז פאַרענדערט — ער אַליין:
ער דאַווענט, לערנט, און זיין נאָז ווערט אַלץ פאַרשפּיצטער
פון הונגער... מע פאַרבעט אים עסן — ניין! און ניין!

מפלפּל זיין זיך מיט די באַלעבאַטים — גערן,
נאָר אונטערלענען ס'האַרץ ביי עמעצן — דאָס נישט;
ווי טאָן וואָלט ער אַ נדר — ביז צום טויט זיך צערן,
ווי ס'וואָלט דער הונגער די געדאַנקען אים צעמישט...

„...אַהיים, צום ווייב זיך לאָזן? בעטן עפּעס עסן
אַלס בעטלער?... אָ, ווי דער נסיון איז עס גרויס!
זיי האָבן דען פון נעכטן ערשט פאַרגעסן
מיין לערע?“ און די כוחות זיינע גייען אויס.

ער האָט נישט אויסגעהאַלטן אויפן טאָג דעם דריטן:
געגאַן אַהיים און אויסגעשטרעקט אַ בעטלער־האַנט.
מע האָט זי אויפגענומען לויט די אַלטע זיטן,
און שטאָט אַ פּעניץ ברויט דערלאַנגט אַ בעכער שאַנד.

איז ע ר דאָך צוגעשטאַנען, האָט אים דער משרת
דערלאַנגט אַ זעץ אין אויער, כאָטש צו מאַכן טויב:
— דו שטאַרבסט פאַר הונגער? לייג זיך אויפן בית־הקברות! –
האָט ע ר געכאַפּט אַ שטיין און אויסגעזעצט אַ שויב.

## 7

די שויב האָט אויפגעקלונגען מיט אַ בייז געלעכטער...
אַ צווייטן שטיין צו נעמען איז דער בעטלער גרייט.
צי קאָן מען שטעלן דען ביי יעדער שויב אַ וועכטער?
צי אָפּשמידן די הענט דעם בעטלער מיט אַ קייט?...

ווייזט אויס: ער איז גישט ביי דעם קלאָרן זינען. שרעקלעך!
דער שטיין ביי אים אין האַנט — סכנהדיק געצייג!
איז טראָגט מען אים ארויס די גאַסע שטיקלעך, ברעקלעך,
מיט וועלעכע מע שפּייזט די עופות אין הויער שטייג.

און מער פאַרלאַנגט ער נישט. ער קייט און זשעדנע שלינגט ער.
דערנאָכדעם גייט ער אין בית־מדרש שטיל צוריק;
ער לערנט ווידער. מיט אַ ניגון. פריילעך זינגט ער,
ווי ס'וואָלט אים אומגעריכט געטראָפן ס'גרויסע גליק.

די לומדים שמועסן: — אַ גרויסער תלמיד־חכם!
נאָר ווי באַנעמט מען דאָס זיין אויסטערלישן גאַנג?
— משוגענער! — אין גאַס די קינדער לויפן נאָך אים
און רינגלען אים ארום מיט טאַנץ און מיט געזאַנג.

דער טרויער אין רב אשרס שטוב ווערט שוואַכער, מאַטער,
אַלץ ווייניקער פון דעם פאַרפאַלענעם מע טראַכט;
סע ווערט פאַר זיי דער בעטלער, „דער משוגענער" — טעאַטער,
מע שוואַרצט מיט רים אים אָפּ דאָס פּנים און מע לאַכט...

סע ווייגט רב אָשרס האַרץ פון ווייטיק און בזיון:
„...אַראָפּוואַרפן די מאַסקע, און — ס'איז אויס די פּיין!?..."
ער קוועטשט צונויף די פויסטן: „ניין! אין הייליקן נסיון,
מיין האַרץ, נאָך שטאַרקער פון אַ לייב זאָלסטו מיר זיין!"

ווי שווערע רעדער זענען אויפֿן נסתרס רוקן
אַריבער די חדשים פֿון געפּרוווטער וואָר,
ער קאָן אויפֿצריק מיט שטאָלץ אויף זיי שוין קוקן:
אָט באַלד פֿאַרקייַלעכיקן זיי זיך אין אַ יאָר.

צום יאָר, צו חצות, האָט אים דערלאַנגט די רייכע בגדים
אַ טויטער אָרעם אין תכריכימדיקן בלענד:
— נעם טו זיך איבער... ס'איז פֿון זינד דיין רויטער פֿאָדעם
שוין ווייס... און די פֿאַרדינטע לייד'ן שוין צו ענד.

8

— רב אַ...שר! גייט צו זיך אין רו אַריין! — צעקרייט זיך
די גבירנטע, דערזעענדיק דעם מאַן אין שטוב,
און פֿאַלט חלשות... נאָר רב אשרן, פֿאַרשטייט זיך,
דאָס בעט איצט לאָקט, און נישט דער קאַלטער גרוב.

— אַ שאָד, וואָס דער משוגענער איז היינט נישטאָ דאָ, —
רופֿט אָן אַ זון זיך ביי דער סעודה — סאַראַ שאָד!
— ווער איז עס דען? — רב אָשר מאַכט זיך כלא־ידע.
— אַ תלמיד־חכם... דער משוגענער פֿון שטאָט...

— אַזוי?... אַ תלמיד־חכם?... כ'היים אים תיכף רופֿן! —
מע לויפֿט, מע זוכט, מע קומט צוריק: — ער איז נישטאָ!
— ער מוז זיין! — בייזערט זיך רב אָשר בגילופֿין. —
איך גיב אייך צייט צו זוכן אים אַ האַלבע שעה.

ער גייט אריין צו זיך, טוט איבער די מלבושים
און כאַפּט זיך, אַ פֿאַרענגדערטער, אַרויס אין גאַס;
דערזעט אים זיין משרת: — ט'איז ער דאָך, דער חושים!
קום שנעל! ס'פֿאַרלאַנגט דער עושר טרייבן מיט דיר שפּאַס...

ער ברענגט אים. ס'ווערט אַ טומלדיקע פרייד: — אַן אורח!...
— אַן אָנגעלייגטער גאַסט!... — הייבט אָן די שפּיל!... —
מע רופט דעם טאַטן. נאָר דער טאַטע... איז.... ווי קורח?...
ווי ס'וואָלט די ערד אים איינגעשלונגען דורכן דיל.

די מאַמע חלשט, און מע מינטערט זי כסדר;
אויף אים, דעם אורח, קוקט זיך קיינער שוין נישט אום;
ער שלייכט אַריין אין צימער און פאַרטוישט די קליידער,
און קומט ארויס: — דער אורח?... וואָס זשע זענט איר? שטום?...

— דער אורח?... ערשט נאָר וואָס געווען, דער ווילדער חושים!
— שוין לויפט אים זוכן! ברענגט אַהער אים! ס'מוז געשען! —
מע לויפט, מע זוכט אים, און מע קומט צוריק: — חידושים!
— נישטאָ! קיין שפּור! — ווי ס'וואָלט אַזעלכער נישט געווען!

— אָט איז ער!... — האָט רב אָשר זיך אין ברוסט געשטאָכן. —
עס איז נישט מעגלעך דאָך, כ'זאָל זיין אי דאָ, אי דאָרט;
איך האָב מיין האַרץ דאָס שטיינערנע צעבראָכן:
איך ווער אַ מכניס־אורח... אויף מיין ערלעך וואָרט!

ווארשע. יולי, 1955

# עלילת־דם

## 1

צי קאָן נישט ווער אין לענטשנע רב בצלאל פיינער?
זיין שווארצע, פיין־צעקעמטע באָרד קאָן קינד און קייט.
מע נעמט אים אויף מיט כבוד, ווו ער קומט אריין נאָר,
און ווייבלעך קוקן נאָך אין גאַס אים, ווען ער גייט,

ווייל ווי זיין באָרד — אויך זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן,
און זיי איז נישט קיין שימער בלויז, נאָר גלאַנץ און גלי;
זיין גאַנג איז נישט קיין פרומעוואַטער: נישט געבויגן
זיין פלייצע, און נישט גרייט צו בייגן זיך זיין קני.

זיין קליידונג — וועלטלעך, אָבער יידיש, כאָטש נישט חסידיש —
נישט לאַנג, נישט קורץ; די שטיוועלעך געפוצט אויף גלאַנץ;
א מעקלער ביי דעם דוכס — איז עס נישט קיין חידוש,
נאָר אלע ווייסן, אז מיט גאָט זיין הארץ איז גאַנץ.

קיין למדן איז ער נישט. איז וואָס? א בלאַט גמרא
אום שבת אין בית־מדרש לערנט ער גאַנץ וווּיל,
און מ'מין דוכס גוטפּאַרוואַלטער, אויך א שררה,
ער רעדט אויף פויליש־לשון ממש ווי א פויל!

ס'איז פרום און אשת־חילדיק זיין ווייב, זיין ביילע,
דעם מאַגס א וואָרט — פאר איר פון הימל א באַפעל,
און זייער הודל — ס'ועט זיין פון אים א כלי:
א ייִנגל נאָך, און רעדט מיט שכל און מיט שטעל.

ס'איז רב בצלאלס שטוב א נעסט פון שלום־בית,
און יעדן שבת טראָגט פון דאָרטן זיך געזאַנג...
נישט רייך, פארפרומט — ער האַלט זיך נישט פאר שמן־זית,
און גייט אין לעבן מיט א פּראָסטן, פעסטן גאַנג — —

2

דער דוכס קניאזשנין איז א שונא פון די יידן,
בלויז אָנקוקן א יידן איז ער נישט בכוח;
דערזען א „זשידעק", נעמט אין אים דאָס בלוט אזש זידן,
און ס'הייבט אָן בורטשען ביי זיין הונט אין בויך.

נאָר איסצוקימען אָן „אזעלכן" איז דאָך שווערלעך —
באַגיי זיך, כ'בעט אייך, אין דער ווירטשאַפט אָן א זשיד!
סע זאָגט דער גוטספּאַרוואַלטער, אז זיי האַנדלען ערלעך...
פּחדנים — זענען זיי איים מורא שטאַרק געהיט.

פאַרשלאָסן זענען פאר א יידן די פּאַלייען,
אייך צאַלקע פייגער טרעט נישט איבער זייער שוועל;
צו דעם „וויעלמאָזשני" גוטספּאַרוואַלטער יידן גייען
מיט שמעגלעך זייטיקע, מיט שטילע טריט, און שנעל.

דעם דוכס סוף געווען איז אן אומגעריכטער:
אויף א געיעג האָט אים דערשטאָכן א קאַבאַן;
דאָס שטעטל האָט געשושקעט זיך: „געווען נישט ניכטער...
און ס'איז דער אל־נקמות אויך אין וואַלד פאַראַן..."

נאָר שפּעטער אומגעריכט־אומגלייבלעכערס געשען איז,
ס'צעשמיצט דעם דוכס אין דער טרומנע טויטערהייט:
זיין ווייב, די דוכסה, וועלכע מ'האָט גערופן ו ע נ ו ס,
האָט פאר א יידן גראָד איר ווייבער־נעץ פאַרשפּרייט.

די דוכסה טראָגט נאָך אַלץ די פּראַכט פון טרויער־קליידער,
ווי וואַלירט וואָלט זיין דער גאַנצער פּאַרק מיט שוואַרץ;
„מיין וואַצלאַוו ליגט אין טרומנע, טראַכט זיך איר כסדר,
די טרומנע שיפּט זיך אויפן בלוטשטראָם פון מיין האַרץ...“

נאָר איינמאָל, בלאָנדזשענדיק ביים ראַנד פון די אַלייען,
דערזעט זי צום פאַרוואַלטער גיין א שטאַלטנעם מאַן,
און ווי די פייגל וואָלטן זיך מיט אים דערפרייען,
זיי שפּרייטן א געזאַנג — א טעפּער פאַר זיין שפּאַן...

זי שיקט א דינער פרעגן ביי דעם גוטספאַרוואַלטער:
דער מאַנצפּאַרשוין ווער איז, וואָס איז צו אים אַריין?
— „א ייד. א טעקלער, וואָס דאָס וואָרט זיינס ערלער האַלט ער,
און פויליש רעדט ער, ווי א פּאָליאַק, פּליסיק, פיין;

זיין נאָמען איז בצלאל, זיין פאַמיליע — פיינער...“
— איז זאָג אים, אז כ'פאַרבעט אים העפלער גלייך צו מיר. —
ס'האָט רב בצלאל אָפּגעזיפצט: — „אָ, גאָט דו מיינער!“
און מיט געהיימען ציטער זיך געלאָזט צו איר...

זיי האָבן קעגנזייטיק זיך פאַרבלענדעט,
כאָטש זיין געזיכט האָט אויסגעזען צו זיין באַטריבט;
די דוכסה האָט מיט שמייכל זיך צו אים געווענדעט:
— מיר דאַכט זיך, שיינער יוסף: כ'בין אין אייך פאַרליבט... —

זי האָט אים גישט קיין כאַפּ געטאָן, ווי פּוטיפרע
האָט יוספן, נאָר ער האָט זיך דערשראָקן שטאַרק:
די דוכסה שטעלט אין קאָן זיין מאַנצבילשקייט, זיין ערע, —
ער איז אַנטלאָפן אויף צו ברעכן האַלדז־און־קאַרק...

נאָר ס'האָט די דוכסה נישט פארמסרט אים פאר קיינעם,
ווי פּוטיפרע, אים אין תפיסה נישט פארשפּאַרט:
שטאָט וואַצלאַוון, אין לעבן האָט זי בלויז אים איינעם;
זי רופט אים נאָכאַמאָל אין בענקעניש און וואַרט.

ער איז געקומען מיט א האַרץ צעטיילט אויף צווייען:
ביי ביילען מיטן קינד א האַלב, ביי איר א האַלב;
ער האָט געהיימערהייט געקאָרטשעט זיך אין ווייען
פון ליבע, וואָס פארוואונדעט און זי איז א זאַלב...

4

די דוכסה שענקט בצלאלן איר גוט און נדן,
און וואַצלאַוון אין טרומנע האָט זי אין געדאַנק:
— אָ, צאַלום *... טויש דיין גלויבן... און בעתן שמדן
באַקומסט דעם נאָמען פון מיין מאַן, זיין העכסטן ראַנג.

ווי דוכס וואַצלאַוו קניאזשנין וועסט קיין ווארשע פאָרן
און זיצן חשיבותדיק לעם קעניגס רעכטער האַנט;
ס'וועט יעזוס דיר פארגיטיקן פאר אלע יאָרן
פון יידישער געפּאַלנקייט, פון זינד און שאַנד...

די שווענטע מאריע שיינען וועט מיר פון דיין שטערן,
פון דיינע אויגן וועט מיר לייכטן וואַצלאַווס בליק;
כ'וועל אויסגליען לעם דיר אין הייליקע באַגערן,
און יעדע נאַכט כ'וועל אויפגליען פאר דיר צוריק...

דיין ווייב און קינד?... זיי וועלן דיר ארויס פון זינען —
זיי וועלן דיינע לייבלעכע נישט זיין דאָך מער...
געדענקט א ביים דען אין זיין פרילינגדיקן גרינען
די אלטע פיילע בלעטער?... וואַצלאַוו... נעם מיך און... פארצער!... —

---

* פאַרצייגן פון בצלאל; אויף פויליש — אַ קוש.

און כאָטש די טויפֿונג האָט ביז ברעכן אים געהאַרעט,
ער האָט פֿאַרוואָרפֿן אויף איר טורעם־האַלדז די הענט:
די ליבע און די תאוות האָבן אים פֿאַרטשאַדעט,
און ביישטיין דעם נסיון האָט ער נישט געקענט.

...מוזיק. פּראָצעסיעס. גלעקער־קלאַנגען פֿון קאַשטשאָלן.
וואסער־שפּריי — א פֿעבער ליכט אין זיין געמיט...
האָט קריסטליעך בלוט ביי אים אין האַרצן אויפֿגעקוואָלן?!...
אים דאַכט זיך: ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין ייד — —

5

אז ווער האָט אויף אזעלעכס גאָר געקאָנט זיך ריכטן!
אפּערצובערענגען עס דערוועגט זיך נישט קיין מויל...
אז רב בצלאל זאָל זיין שטילע נעסט פֿאַרניכטן,
זיין צלם־אלוקים פֿאַרשווארצן, ווי מיט קויל!

ס'איז ביילע אויף א נידריק בענקעלע געזעסן,
און דודל לעם איר, געלענט אויף אירע קני:
— ווי האָט ער דאָס געקאָנט אין מיר, אין דיר פֿאַרגעסן?
ווי האָט אים נישט דאָס יידיש האַרץ געטאָן קיין ברי? —

האָט שטיל געשעפּטשעט זי, אים קרייזלענדיק די קרויזן —
נישט אַנדערש ס'האָט זיין האַרץ פֿאַרביטן א שוואַרציאָר!
ווי קאָן ער פֿאַר דעם פֿרעמדן גאָט זיין קאָפּ אַנטבלויזן,
און ס'זאָלן זיך פֿאַר שאַנד נישט סמאַליען זיינע האָר?!

— און איך זאָג, מאַמעניו... דער טאַטע איז געשטאָרבן...
גזלנים האָבן אים געהרגעט צוליב געלט...
ווי פֿאַרן מבול זענען מענטשן גאָר פֿאַרדאָרבן...
און עמעץ האָט אין קאַשטשאָל זיך פֿאַר אים פֿאַרשטעלט...“

— באמת, זונעלע, ביסט קלוגער פון דיין מאַמען...
דער טאַטע איז געווים געווען אין גויט, מיין קינד...
אין וואלד... גזלנים... צווישן שטומע ביימער־שטאַמען...
איין גאָט נאָר ווייסט: פארוואָס, פאר וועלכע זינד

דער טאַטע האָט געמוזט מיט אונדז... מיט גאָט זיך שיידן?
ער האָט דאָך ליב געהאַט אונדז... גאָט, און דיך, און מיך...
— „מיט גאָט?... ער זיצט געווים לעם אים איצט אין גן־עדן,
און דאָרט פארגרייט ער אויך פאר אונדז אן אָרט לעם זיך...“

— אז מיר זאָל זיין, מיין דודל, פאר דיינע ביינער!
ווען ס'וואָלט פארשטיין דיין מאַמע אַלץ, ווי דו פארשטייסט!
איך ווייס נאָר איינס: א גאָט פאַראַנען איז נאָר איינער,
און דו אליין בלויז ביסט פארבליבן מיר א טרייסט...

כ'דערמאָן זיך: ס'גייט דער סדר פייערלעך און פריילעך...
און דו — א קינד, וואָס ווייסט נאָך נישט קיין תמונת־אות...
דער טאַטע אויף דער העסע־בעט — א וואָרער מלך...
אָט גיסט ער ווין אין אליהום שטאָלצן כוס

און רעדט צו דיר: „צעעפן, דאָדיעניו, די אויגן —
דער נביא אליהו קומט דאָ באַלד אריין,
ער קומט און בלייבט נישט, ווי ער וואָלט אוועקגעפלויגן,
פארזוכנדיק אין איילעניש דעם רויטן ווין...“

איך גיי און עפן אויף די טיר... דער פסח־דרויסן
אין שטוב אריין מיט קילער שטילקייט מיט א הויך...
דו קוקסט פארגאַפט — א קינד מיט אויגן פון א גרויסן,
דער טאַטע הויך און פייערלעך צעשרייט זיך: „שפוך!...“

דו טוסט א ציטער... דו צעווייינסט זיך מיט א טענה:
„דער טאַטע א י ם דערשרעקט... דער טאַטע שרייט אין כעס...
א ווייסע לאַנגע באָרד... די בלויע אויגן זיינע...
געקוקט אויף מיר... מיט דער לבנה פון דער גאַס...“

דער טאַטע האָט מיט פרייד דיך אויף די הענט גענומען,
געדריקט, געהאַלדזט, געקושט דיין שטערנדל, די האָר:
„נו, וויין נישט, קינדעניו, ער וועט דאָך ווידער קומען...
ווי לאַנג איז דאָס אויף אים צו וואַרטן?... קוים א יאָר...“

ביז וואַנען דו ביסט איינגעשלאָפן, ווי אין וויגל,
ביים טאַטן אויף די ווייגנדיקע הענט, מיין קינד,
און ס'האָט דער מלאָך פונעם שלאָף פאַרשפּרייט זיין פליגל
איף דיין געבענטשטן קעפּעלע, ווי אָט אַצינד... — — —

6

דער דוכס קניאַזשנין האָט געשמט אין ווייטע קאַנטן —
דעם קעניג אויגוסט פּאָניאַטאָווסקיס רעכטע האַנט;
און דעם משומד האָבן זיך אַנטפּלעקט טאַלאַנטן,
ווי רייפן אייזערנע פאַר דעם צעלעכצטן לאַנד...

ביי יידן האָט מען שפּייענדיק דערמאָנט זיין נאָמען:
„דער באַרדיקער משומד“... און זיך שטיל געטרייסט:
„איז ע ר, דער אָפּגעפאַלענער, דער ערשטער המן?!...
המם... „כל המצר לישראל“...* ווערט געגרייסט...

נאָר סוף־כל־סוף צו זיין מפּלה מוז דערגיין ער
און פירן מרדכין אויפן מלכס שטאָלצן פערד...
אזוי וועט אויך דער דוכס מיט דער באָרד דער שיינער
גאָך לעקן מיט דער משומדסקער צונג די ערד!“ — —

סע האָט זיך נישט דערפילט דאָס דאָזיקע נביאות,
ווייל ס'טרעפט — פון רשעות ווערט א האַרץ געהיילט:
ביים דוכס האָבן זיך פאַרמאַכט אַמאָל די וויעס
און אים אַנטפּלעקט א בילד... ווי ווייטער ווערט דערציילט.

* „קאָל האַמייצער לעיסראָל“ — ווער עס פאַרפאָלגט יידן...

## 7

דער קעניג פּאָניאַטאָווסקי איז אין סיים געזעסן,
אַרום — די וואָיעוואָדעס * און די גרעסטע לייט;
מע האָט באַהאַנדלט קריג־ און שלום־אינטערעסן
און אַלץ, וואָס איז געשען אין לאַנד די לעצטע צייט.

און דאָ האָט אויפגעשטעלט זיך איינער פון די דוכסים
און באַלד א וואָרט באַקומען אויפן קעניגס ווונק:
— „די יידן זענען בלוטיקע און כיטרע פּוקסן,
און ס'ליידן מיר, די קאַטאָליקן, אלט און יונג.

פאר פּסח איז אין איינעם פון די שטעטלעך מיינע
א קריסטלעך מיידעלע אַרויס אויף א שפּאַציר
צוזאמען מיט א יידישקע... צוויי קינדער פיינע...
נאָר אומגעקערט זיך האָט די יידישקע אָן איר!...

און ווי און וואסער! ס'איז אומזיסט דאָס זוכן, שרייען.
שוין דורכגעשטערט ווו אַ ווינקל און מיין גוט —
נישטאָ, און שוין! איז וואָס איז דאָ א סך צו ברייען:
די יידן דאַרפן צו די מצות קריסטלעך בלוט... —

א מאָל האָט זיך אויפגעהויבן באַלד פון אלע זייטן:
— א פּאַקט! — א וויסטער וואָרעם טאָטשעט אונדזער לאַנד!
— ס'איז אויסגעפּאָרשט און אויך באַשטעטיקט פון פארצייטן!
— פארשווייגן די רציחה איבער קריסטן?! — שאַנד!...

ס'האָט אויפגעברויזט דער סיים אינגאַנצן, ווי א בינשטאָק
אקעגן בינערס שווארצער האָלאָוועשקע רויך...
סע האָט פארשמעקט... מיט וואַקס און האָניק? ניין, מיט רינשטאָק,
און איינער, ווי א חזיר, האָט געריטשעט הויך.

---

* קריגספירער, קריגס־נאַטשאַלניק.

און שמאָל שוין האַלט עס מיט די יידן, שמעלער, שמעלער:
אויף זיי א בלוטיקער פסק־דין וועט פאַלן באַלד;
סע וועט אויף זיי דער פעבל פראַווען שחיטות־בעלער,
און שרייען וועט אומזיסט א פאָלק א גאנצס: גוואַלד! — — — —

8

איינאיינציקער געזעסן איז, פארמאַכט די וויעס —
דער דוכס דער משומד — מיט אין זיך פארטראַכט;
פון אויפרעגונג געציטערט האָבן זיינע קניעס;
ער האָט דערזען א סדר פּסח אויף דער נאַכט:

...ער רעדט צום קינד: „צעעפן, דאַדיעניו, די אויגן —
דער נביא אליהו קומט דאָ באַלד אריין,
ער קומט און בלייבט נישט, ווי ער וואָלט אוועקגעפלויגן,
פארזוכנדיק אין איילעניש דעם רויטן וויין...“

סע עפנט ביילע אויף די טיר... דער פּסח־דרויסן
אין שטוב אריין מיט קילער שטילקייט טוט א הויך...
סע קוקט דאָס קינד פארגאַפט מיט אויגן פון א גרויסן,
און ער, דער טאַטע, פייערלעך צעשרייט זיך: „שפּוד!...“

ס'טוט דודל א ציטער... אליהו נעמט אים
מיט גוטסקייט אויף די הענט און וויגט אים, וויגט אים איין...
דאָס קינד, זיין באָרד די גרייזע מיט די הענטלעך קעמט עס
און קעגן זיינע בלויע אויגן דרימלט איין...

נאָר זע! — נישט דודלען, נאָר אים אַליין פארוויגט ער...
נאָר אים?!... דעם דוכס דעם משומד?!... קאָן עס זיין?!...
דעם כוח פון דער טומאה אין זיין הארץ באַזיגט ער
און טרינקט מיט אים „לחיים“ אויף זיין רויטן וויין — — — —

## 9

— וואָס טראַכט דער דוכס וואַצלאַוו קוואַזשנין? לאָמיר הערן! —
דער קעניג טוט אים פון פארזינקעניש א צי.
ער עפנט אויף די וויעס, טוט א קנייטש דעם שטערן,
און זיינע שוואַרצע אויגן פינקלען אויף מיט גלי:

— דעם קעניג איז באוווסט, ס'איז אויך באוווסט אייך, האַרן,
ווי שטאַרק איך האַס דאָס פאָלק, פון וועלעכן איך שטאַם;
כ'האָב אלע זיינע געגנג, מנהגים גוט דערפאַרן,
און כ'בין נישט שלעכט „געשוווּמען" אויף זיין גרויסן „ים" *...

דעריבער זאָל דערלויבט מיר זיין דעם אמת זאָגן,
פאר אים צו קעמפן ערלעך נעם איך זיך דעם מוט:
מע זאָל א פרומען יידן ביזן טויט דערשלאָגן,
ער וועט נישט איינשמירן זיין צונג אין קריסטלעך בלוט!

א ייד באַטראַכט אן איי מיט פאָרשנדיקע אויגן,
צי האָט עס נישט אין זיך קיין בלוטיק־רויטן פלעק...
דאָס איז א בילבול! נישט געשטויגן, נישט געפלויגן!
און מאַך שוין, קעניג גנעדיקער, דערצו אן עק".

דעם קעניגס בליק האָט אלעמען אדורכגענומען:
— ס'איז וואָר! דערין איז אומשולדיק א יעדער ייד... —
אין גרויסן זאַל איז שטיל. די שרייערס שווייגן. שטומען.
מע האָרכט דעם אמת גיין מיט באָרוועס־שטילע טריט...

## 10

פון דעמאלט אָן האָט שוין דער דוכס נישט געפונען
קיין אָרט זיך, נישט אין קאָשטשאָל, נישט לעם שיינעם ווייב;
די תאוות זענען פון זיין בלוט אים אויסגערונען,
און זיין נשמה האָט געקריגט זיך מיטן לייב..

---

* יאַם — געמיינט דעם „ים התלמוד".

זיין ביילע פלעגט אים יעדע נאַכט צו חלום קומען
אין שוואַרצן, אין די זאָקן, און איר פּנים — ליים;
זי קוקט אויף אים מיט טיפן צער, מיט צער מיט שמומען,
וואָס שרייט: „בצלאל, קער זיך אום צו אונדז אהיים!...

ס'איז אונדזער דודל און עלוי א פארשמטער...
פארשמט מיט זיין עלווישקייט... פארשעמט דורך דיר...
און איבער דער גמרא זינגט ער א צעקלעמטער...
און ווי איז געבעך אים, און ווי איז געבעך מיר...

שוין אַכצן יאָר... א חתן ווערן איז שוין צייט אים,
גאָר אויף זיין לומדות פאַלט דער שאָטן פון דיין שמד;
ווי אויף אַ קרעציקן די קינדער אויף אים טייטן...
ווער קאָן אים אויסהיילן? בלויז דו ביסט עם ביד...

כ'גיי יעדן טאָג אין שול אריין און בין מתפלל
פאר דיר צו אונדזער אייניציקן און גרויסן גאָט:
»...דערבאַרעם דיך און קער אים אום צו זיך...« בצלאל,
קער אום זיך און טו אָפּ פון אונדזער זון דעם שפּאָט!...“

און ס'טרעפט נישט זעלטן, אז אויך דודל באַווייזט זיך:
...ער זיצט א בלאַסער ביי א שטענדער מיט א ליכט...
ער לערנט און... אין עפּעס צו פארגעסן פליסט זיך...
דער חלב טריפט, און ס'פאַלט א טרער אויף זיין געזיכט... — — —

איז דעמלט רייכט זיך אויף דער דוכס פון געלעגער
און, אומגעגעסן, אומגעטרונקען — אויפן פערד!
דערשראָקן טוט א קוק די דוכסה אויפן זייגער,
און אַ צערודערטע בלייבט זיצן בלאַס, פארקלערט.

דער וואַלד קוקט אַן פארוואונדערט־ווילד דעם רייטער,
וואָס גאַלאָפּירט און פאָרט פאַמעלעך אָן א ציל,
וואָס רעדט צו זיך אליין, און פלוצעם זיך צעשרייט ער
און לאָזט אראָפּזינקען דעם קאָפּ פארגליווערט־שטיל.

11

דער דוכס קגיאַזשנין לאָזט נישט צו צו זיך קיין דאָקטער —
ער וועט נישט אָפּדעקן פאַר קיינעמען זיין לייב...
די דינערשאַפט פון זיך מיט א געבייזער יאָגט ער
און גייגט אוועק דעם אויער ברוגז פונעם ווייב:

— איז וואָס, אז אין מיין באָרד עס זילבערט שוין א האָר זיך?
די ערשטע יוגנט מיינע איז שוין לאַנג פאַרביי,
און האָסטו צוגעקליבן שלעכט מיר פאַר א פּאָר זיך —
דו קאָנסט זיך אויך א הריטן ווילן אויפדאָסגיי!...“

ווערט קלאָר דער דוכסה: „וואַצלאַוו ליידט אויף דער נשמה...
און אומגליק!... אויך דעם קסיאָנדז ער לאָזט צו זיך נישט צו!...
צי נעמט דער ערשטער וואַצלאַוו נישט פון איר נקמה,
ווייל... זיין פאַרטרעטער לאָזט די יידן שוין צו רו?...

צי האָט אין אים דאָס הייליק וואַסער נישט אינגאַנצן
דאָס יידישקייט פאַרלאָשן, ביזן לעצטן פונק?...
און רוחות אומריינע ארום זיין זעלע טאַנצן,
און ס'ערשטע ווייב זיינס ציט צו זיך אים איפּן וונק?...“

זי איז זיך מיטן קסיאָנדז מיישב... לויט זיין עצה
זי פועלט ענדלעך אויס ביי אים מיט צרות קיים:
„...נו, גוט שוין, גוט... ער פאָרט... ער פּאָלגט זי... ער פאַרשטייט זי...
סע וועט אים זיכער אויסהיילן דער פויפּסט אין רוים...“

12

קיין לענטשנע איז א טאַראַנטאַס אריינגעפאָרן
און שטייגגעבליבן האַסטיק פאַר די פויגערס הויז;
נאָר אין דעם הויז איז קיינער נישט צעמישט געוואָרן,
פאַרוווּנדערט קוקן גלאָצנדיק די שויבן בלויז.

איז פון דער קאַזלע דער סטאַנגרעט אראָפּגעקראָכן
און צו דער טיר געגאַן... סע הענגט אויף איר אַ שלאָס...
און אויף זיין פראגע האָט אים אויפגעקלערט א שכן,
אז אין קולבישעוו איז אצינד דער באַלעבאָס;

ער ווערט דאָרט היינט דעם וואסערטרעגערס איידעם... דוד...
דער שדכן איז געווען דער גוטערייד פון אַפּט...
א וואסערטרעגער — נו, פאר אים איז עס א כבוד! —
ער האָט דעם... עלוי, ווי אן אבן־טוב, געכאַפּט...

ס'האָט אויסגעהאָרכט דער הוכם קגיאזשנין, און באפוילן:
— פּאַרקערעווען! און מיטן גאַנצן אימפּעט שנעל! —
דער וועג האָט אויפגעוויקלט זיך אין שטויבן־קנוילן,
פון דער לבנה אָפּגעזילבערט בלוילעך־העל.

דער טאראנטאס איז אָנגעקומען קיין קולבישעוו;
דער הוכם קניאזשנין שטייגט פון אים ארויס פארטראכט,
בלייבט שטיין, ווי עמעץ וואָלט אים אָפּגעטאָן א כישוף,
און פאַנגט געוויש אין דער שטילקייט פון דער נאַכט...

ער לאָזט זיך גיין פּאַוואָליע, נאָר וואָס ווייטער — גיכער,
און אויף זיין לייכטן ווונק פאָרט נאָך דער טאראנטאס,
אָט נעמט ער לויפן, ווי ס'וואָלט יאָגן אים א וויכער,
און איבער אים לויפט נאָך אים די לבנה בלאַס.

אָט איז ער אין א געסל... ווי דאָס געסל שמאָל איז!
סע שטיקט זיך צווישן הייזלעך דאָ אן אלטע קלויז...
פאר איר — א חופּה... ס'פלעמלען ציגגלעך פון הבדלות...
דער חתן!... דוד!... ווי א בר־מנן זעט אויס...

ער שטופּט זיך דורך דער ענגשאַפט פון דעם חופּה־עולם,
און צווישן חתן־כלה, ווי א דעמב, בלייבט שטיין;
דער חתן קוקט אויף דערשראָקן, ווי א גולם,
זיין בײלע!... נעמט זיך וואַרגן מיט פארשעמט געוויין...

ער מורמלט שטיל אין חתנס בלאס־געלייכטן אויער:
— דיין טאטע... מיטן הארצן... קערט זיך אים צו גאט...
סע נעמט א סוף, בן־יחיד, צו דיין מאמעס טרויער...
און פון דיין שטערן אפגעווישט וועט זיין דער שפאט...

— אוי, טאטע! — פאלט דער חתן אויף זיין פעסטער פלייצע,
זיי האלדזן זיך צעצאפלט, שטארק און הייס ארום...
און ביילע... ווי פארגליווערט לעם דער כלה שטייט זי...
די מחותנים און דער עולם שטארן שטום...

*　*
*

ס׳אנטלויפט (שוין נישט דער דוכס קניאזשנין) רב בצלאל
מיט זיין משפחה פאר סכנות און פאר שאנד;
פאראייניקט אין די הערצער זענען זיי מתפלל,
וואס שנעלער קומען צו דער גרענעץ פונעם לאנד.

ווי ס׳וואלט דעם דוכס שמד־וואסער — א ווארער מבול —
די רעדער נאכגעפלייצט, פארגיסנדיק די ערד...
דער טאראנטאס איז צו צעברעכן זיך קאפאבל!
נאר שרפים טראגן אים — די שוימענדיקע פערד...

און זייער שותפותדיקע תפילה איז געווארן
א לויטערער, צום הימל שטייגנדיקער פלאם;
און אן שום מכשול איז דאס הייזגעזינד דערפארן
אין זכות פון אפגעהאלטענעם עלילת־דם.

ווארשע. נאוועמבער, 1955.



# דעם קאָזשעניצער מגידס גנב

1

דער קאָזשעניצער מגיד נעמט אַרויס די הימל־אויגן
פֿון צימערדיקן קוויטל און זיין קנאָכיק־בלאַסער האַנט
און הענגט זיי אויפֿן חסיד, וועלכער שטייט פֿאַר אים געבויגן
מיט תּפֿילהדיקע וויעס, פֿינטלענדיקע נאָכאַנאַנד.
אַ ייִד אַ גבֿר, דער גוף צעוואָקסן, עשׂוס פֿעסטע פּלייצעס,
און שטייט: אַ מענטש אָן מוט, וואָס האָט פֿאַרלוירן אַלע עצות.
ער בעט אין קוויטל אויף פּרנסה, ס'מיינט: בלויז ברויט און זאַלץ,
אַ גלאָז ציקאָריע, נו — זאָל זיין אָן צוקער צו פֿאַרזיסן;
ער איז אַ שמיד און פּראַצעוועט און גרייט צו פּראַצעווען ביי אַלץ
און ווערן — גאָט אין הימל! — אָן תּרעומות אויסגעריסן;
נאָר ס'הענגען איבעריק אַראָפּ, ווי געבעכס, זיינע הענט, —
דער הונגער גריזשעט ביי זיין הייזלס הויקערדיקע ווענט.

2

דעם מגידס רחמים־בליק, ווי פֿון דער זון אַ שטראַל אַ בלויער,
הייבט אויף די פֿלאַטערדיקע ברעמען פֿון דעם שמיד;
אין זיינע אויגן פֿלאַטערט תּשעה־באָבעדיקער טרויער,
ווי אויף אַ חורבן־שלישי וואָלט געטרויערט זיין געמיט:
ס'איז יעדעס ייִדיש הויז אַ מקדש, און דער באַלעבאָס — אַ כּהן...
און הונגער אין אַ ייִדיש הויז איז — חורבן און נסיון.
זיפֿצט אָפּ דער מגיד, איין מאָל, צוויי מאָל, און ער שעפּטשעט: — ייִד,
איך ווייס דורך וועלכער אומנות קאָנסט פּרנסה זיך פֿאַרדינען...
נאָר ווייסט נישט וועלן האָרכן גאָר... — צי בין איך נישט קיין ייִד?!
כ'בין גרייט אויף אַלץ!... — זאָגסט: „גרייט!“, ווייל ס'קומט דיר גאָרנישט אויפֿן זינען...
דורך גנבֿה וואָלט דאָס מזל דיר געשיינט... ס'איז דיר באַשערט
נישט בלויז פּרנסה... — ס'פֿאַלט דער ייִד, אַ לייטענער, אויף דרערד.

## 3

וואָס שווינדלט אין דער אַלילדיקער נאַכט דער פינצטער־פייכטער?
ס׳פּאַרוישט דער שאָרך פון רעגן ציטריק־בלאָנדזשענדיקע טריט;
א שאָטן שמעלט זיך אָפּ, באַלד ווייטער א פאַרטראַכטער שלייכט ער...
צי אין דער קלויז צו סליחות וואָגלט דאָס א פרומער ייד?
צי זאָל אַן אומגעגיטער גנב צו די קראָמען קריכן
מיט פחד אין דער זעלע און מיט שוידער אין די דיכן?
ער גייט נישט אין דער קלויז, ער שלייכט צום שטומען מאַרק
אין צווישן קראָמען־רייען, ווי א גנב, דרייט אַרײַן זיך;
זיין פּלייצע — טיף געבויגן, ווי באַלאָדן מיט א באַרג,
ער טוט א שפּאַן אַנטשלאָסן: זאָל שוין זיין, וואָס ס׳וועט שוין זיין זיך!
און צו אַ קראָם־טיר קלעפּט זיך צו און העשעט פיינלעך־שטום...
א טרערן־שליסל עפנט אויף איר שלאָס... ס׳איז שטיל אַרום...

## 4

פאַרלוירן, מיט א וויטריך שטייט אין קראָם דער שמיד דער פרומער,
די שטומע פינצטערניש אין שאַרבן קנוילט זיך אים געדיכט;
ער שטייט דאָ אויפן שליאַך, וואָס פירט אין גיהנום!... וויאַזוי־מער
זאָל ער זיך קערעווען צוריק צו ערלעכקייט און ליכט?!...
א מייזל פּיפּסעט, סקראָבעט אין א שעכטל — זיינע ג׳הירן:
דער יצר־הרע וועט דיך אין דער שאול־תחתיה פירן! —
ער שלאָגט אויס פייער פון א קרעמען, און די הופקע גליט...
און פּלוצעם — ער דערזעט דעם מגידס בלויען בליק דעם מילדן!...
ער עפנט אויף אַ שופלאָד — ס׳ליגט אַן עשירות דאָ צעשיט,
נאָר גנבענ... לייען וועט ער בלויז אויף ברויט און זאַלץ א גילדן...
אַ פרייד לייכט אויף אין זיין נשמה, אין געביין־און־פלייש — —
ער גייט אין חשבות צו די סליחות, ווי אַן עמוד־איש...

5

אין שטעטל בלאָנדזשעט אום א רעטעניש פאר אלע יידן:
וואָס איז עס פאר א גנב? עפּנט אויף די קראָמען, נאָר —
א נעבעכדיקער גילדן שטעלט אים יעדעס מאָל צופרידן!
— ס'איז נישט צו גלייבן! — אָבער קרעמער זאָגן פאָרט: ס'איז וואָר!
— אזעלכער איז א גנב? וואָס? — א לאמעדוואָוניק גיכער!
— און אויב מען וועט אים פאקן? — זעצט מען אים אין תפיסה זיכער. —
א קלויזניק גלוסט זיך דרינגען: — אדרבה, פונקט פארקערט:
„דין פרוטה כדין מאה" * — ס'איז א גנב גראָד א וואָרער!
איי וואָס? צו גנבענען מיט פולע זשמעניעס ווער אים שטערט?
מסתמא איז ביי אים דער שכל נישט איי־איי קיין קלאָרער... — —
אזוי־אָ שמועסט מען, ווו נאָר מע זאמלט זיך צונויף;
ביז וואנען סע דערגרייכט דאָס רעטעניש אין פריצס הויף.

6

דער פריץ פּיאסט־פּיאסטקאָווסקי, וואָס צו אים געהערט דאָס שטעטל
און איז אלס גרויסער יעגער אין דער געגנט ווייט פארשמט,
באשליסט ארייננשרייבן אין טאָג־בוך א טשעקאַווע בלעטל —
דעם גנב, וואָס אָנשטאָט אַן עשרות בלויז אַ גילדן נעמט:
...כ'וועל לויערן און פאנגען אים, דאָס רעטעניש באשיידן,
און וועגן מיר מיט שטוינונג וועט די וועלט פון יעגערס ריידן! —
און יעדן אָוונט פונעם הויף אליין ער רייט אוועק,
לאָזט שטיין דאָס פערד אין וואלד און גייט אין שטעטל א פארשטעלטער
אלס פראָסטער פויער, מעסט די גאסן דורך פון עק ביז עק,
קיין שטוב, קיין קראָם קיין איינע נאָכצושפּירן נישט פארפעלט ער,
ביז איינמאָל — אָט־אָ האָט ער שוין דאָס רעטעניש אין האנט! —
ס'דערוואַרט אים א טריומף, ווי גרויס ס'וועט זיין דעם גנבס שאנד!

---

* דין פרוטה קעדין מייע — פאַרן געזעץ איז אַ גראָשן און אַ הונדערטער אַלצ יינס.

## 7

— נו, קום! — דער פּויער כאַפּט דעם גנב פאַר אַן אַקסל, ציט אים
און פירט אין וואַלד, און לעבן זיך באַזעצט אים אויפן פערד;
דעם שמיד איז קאַלט, סע שוידערט אים פון שרעק, דאָס זאָטל בריט אים
און ס'קומט אים אויס: סע פּיבערט אונטער אים די גאַנצע ערד;
די שטאַמען שווינדלען, גלייך ווי רוחות, מיט אַ פינצטער שווייגן,
און ערגעץ יאָגט זיך דער לבנה־סערפּ און שניידט די צווייגן...
זיי פליען אָן צום פּריצס הויף און נידערן פון פערד;
מיט היים געשעפּטש דער שמיד ביים פּויער רחמים בעטן נעמט זיך:
— כ'בין נישט קיין גנב... כ'האָב אַ גילדן... לייען בלויז באַגערט...
דער לעצטער גנב וואָלט אַ גילדן שטילן דאָך געשעמט זיך,
ווען ס'ליגט פאַר אים אַן עשירות...איך בין נישט קיין גנב...גיין! —
נאָר דער פאַרשטעלטער פּריץ טראָגט אין זיך אַ האַרץ פון שטיין.

## 8

— דו מוזסט באַגנבענען דעם פּאַלאַץ... ציטערסט? האָז דו איינער!
דו הערסט נישט? אַלץ איז דאָ פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף...
נאָר נישט קיין גילדן ברענג... ברענג גאָלד און גינגאָלד, איידלשטיינער...
אויב נישט(ער ווייזט אים אַ פּיסטויל) — באַקומסטו גלייך דיין שטראָף! —
דערפילט דער שמיד דעם מגידס בלויען בליק: „נישט זיי געבראָכן!“
און לאָזט זיך גיין צום פּאַלאַץ לייכט, באַפליגלט פון בטחון... — —
ווי לאַנג סע ציען זיך מינוטן, ווען מע וואַרט נישט סתם!
נאָר ענדלעך קומט דער גנב מיט אַ שמייכל און מיט טרערן:
צוויי דינער האָבן דאָרט געזעדט: — „מע דאַרף אים געבן סם...
דעם פּריץ... מאָרגן... און זיין אוצר וועט צו אונדז געהערן“.
צו ראַטעווען דעם פּריץ איז פון הימל אונדז באַשערט...
און ער וועט אונדז באַלוינען, ווי מיר האָבן עס די ווערט.

## 9

—קאָנסט גיין! — דער פויער טוט א ריס אים פונעם קאָפּ דאָס היטל
און שלייכט זיך צו דעם פּאַלאַץ מיט פאַרטראַכטע, שווערע טריט.
צי האָט ער זיך דאָס אויסגעטראכט, דער ייד?... ס'א כיטרע מיטל!...
צי זאָל עס אמת זיין?... פון בייז, אָ יעזוס, מיך באהיט! —
דער שמיד פאַרוואַרפט די דלאָניעס איבער היילן קאָפּ דעם פרימען,
און צו דעם אייבערשטן אַ שבח צעגליט זיך אויף זיין נומען:
געלויבט זיי, האר פון וועלטן, פאר דיין הימלשן גענאָד!...
כ'וועל האָבן אומבאַלוינט געראַטעוועט פון טויט אַ מענטשן!
אָ, ווי אַ הימלשטערן לייכט אַצינד דעם מגידס ראָט,
איך זאָל אַ גנב ווערן... גלייך ער וואָלט דערויף מיך בענטשן...
און די באַלוינונג מעג דעם פויער וויל באַקומען, האַר;
ער האָט מיין היטל צוגערויבט, נאָר שטראָף אים נישט דערפאר.

## 10

גאַנצפרי. דער פריץ גאַפיעט אויף די וויזער פונעם זייגער.
סע פינצטערט אין זיין בליק די ווי̇סטע בשורה פון דער נאַכט...
א רגע דאכט זיך אים: סע שמעקט פון אים מיט ערב פגר...
א רגע — אז דער זשידעק האָט צום חוזק אים געמאכט...
ס'פלאַמט אויף אין האַרץ דאָס בלוט און גליט דאָס פנים מלא־חימה,
און ס'יאָגט פון אונטער זיינע וויעס ווילדע אימה.
באהערשט זיך. קלינגט, א דינער קומט און וואַרט.
— דעם פרישטיק!... לאָז אריין דעם הונט! — באַפעלט ער קאַלט און טרוקן.
ער גיט דעם הונט פאַרזוכן פונעם עסן, גלעט אים צאַרט
און שפירט: די האָר פארוואנדלען זיך אין נאָדלען אויף זיין רוקן...
ער וואַרפט זיך אין קאָנוואולסיעס... גוססט... ווי א תפילה בליקט
פון זיינע אויגן, וועלכע גלעזן זיך, פון טויט באזיגט.

## 11

ווער פויקט אין מארק? און דער טרומייט, וואָס רופט ער? וואָס באדייט עס?
סע לויפן יידן, קריסטן; קינד און קייט דעם פּלאַץ באשיט.
דער פּריץ אויפן פערד! צעפּינעט, און דאָס ציימל קייט עס.
אַ הויפלינג האַלט אַ היטל אויף דער דלאָניע און — ער קניט!?...
— צו וועמען קער דאָס היטל?! — שרייט יער. ס׳טוט דאָס פערד א צאפּל.
— ס׳איז מיינס... — זיך רוקט ארויס דער שמיד און האלט זיך פארן קאפּל.
— ביסט דו דער פרומער גנב? — בוימלט זיך דעם פּריצם קול,
ער שפּרינגט אראָפּ פון זאָטל, קושט דעם זשידעק אויפן שטערן
און טוט אים אָן דאָס היטל אויפן קאפּל, גלייך ער זאָל
א קרוין אים אָנטאָן — דיר מיין גאָרער אוצר וועט געהערן,
וואָס ס׳האָבן אים די דינער ירשענען געוואָלט דורך סם...—.—
דער עולם זיך באוועגט צערוישט, ווי כוואליעס אויפן ים.

## 12

דער קאָזשעניצער מגיד נעמט ארויס די הימל־אויגן
פון ציטערדיקן קוויטל אין זיין קנאָכיק־בלאסער האנט
און הענגט זיי אויפן חסיד, וועלכער שטייט פאר אים געבויגן,
ווי א פארשולדיקטער און דורכגעפּרעסענער פון שאנד.
א ייד א גבר, דער גוף צעוואָקסן, עשום פעסטע פּלייצעס,
און שטייט: ז׳ מענטש אָן מוט, וואָס האָט פארלוירן אלע עצות.
ער בעט אויף...אָרעמקייט אין קוויטל, וויל...ער לעבט אין שרעק,
ער זאָל נישט אָנווערן, חלילה, גאָר זיין עולם־הבאָ:
דער אוצר זאָל אים נישט אַראָפּפירן פון רעכטן וועג... —
דעם מגידס בלויער בליק אים גלעט: — מעגסט האָבן גאָלד א שטאבע,
קוים דינסטו אָבער גאָט אויך ווייטער מיט דעם האמער טריי, —
דיין עולם־הבאָ שמידסטו אוים ביי זיך אין שמידעריי...

וואַרשע־שרודבאָרוו. ערב ניי־יאָר, 1957

# דער האַרציקער הערשקע באָלעגאָלע
# זיין וווּנדערלעכער פערד
# און די גאָלדענע פעדער

מיט ברידערלעכע ליבשאַפט מיין
**משה שולשטיין**

*　　*
*

די מעשה איז שוין אַלט און האָט אַ ווייסע באָרד,
ווי אונדזער זיידע, וועלכער פלעגט זי אָפט דערציילן
און וועגן, ווי א גאָלדן רענדל, יעדעס וואָרט,
נאָר ליב האָבן ס'עשירות צו צעטיילן.

ער פלעגט דערציילן און דערביי די באָרד געגלעט,
ביי אונדז, די אייניקלעך — די הערצלעך פלאַמען.
און היינט — אליין א זיידע שוין און א פּאָעט —
איך האָב די מעשה אויסגעוועקט אין גראַמען.

ווייל דורך די צווייגן פון דער אַלטער מעשה בליקט
אַ יונגע קלוגשאַפט מיט צעשטיפטע אויגן
און פיילן גאָלדענע צו אונדז אין הארצן שיקט
פון איר קאָלירט־צעשפּילטן פיילנבויגן.



## 1

גאווריליטשיק באַלעגאָלע קויפט אויפן יאריד
פיר פערדלעך פאר זיין פירלינג בראווע יאטן;
ער קומט אויף זיי צו רייטן מיטן טראַקט, צעגליט —
קיין עין־הרע זאָל זיי נאָר נישט שאַטן!

— נאָר זעט איר, — זאָגט דער טאטע — דריי בלויז זענען שיין,
און געבעכדיק און מיאוס איז דאָס פערטע;
איז ווער פון אייך וועט אויפן מיאוסן באשטיין? —
די ברידער בלייבן שטיין געקרענקט, פארקלערטע,

ווייל אייגצוגיין צו נעמען שטאָט אַ פרעכטיק פערד
אַ מיאוס — דאַרף מען דאָך אַראָפּ פון זינען!
ווי פלוצעם האָבן אַלע איבערראַשט דערהערט:
דאָס פערדל וויינט! געדיכט די טרערן רינען...

האָט הערצקע־לעב, דער יונגסטער יאַט, געטאָן אַ גיי
צום פערד און הארציק עס ארומגענומען:
— איך קאָן נישט, טאטע, צוזעען זיין שטומען וויי,
איך וואָלט עס גערן אלס געשאנק באקומען. —

און ווען זיי בלייבן איבער אויג אויף־אויג אליין,
דאָס פערדל רוימט אים איין: „דו דארפסט נישט זאָרגן,
געם באָד מיך אוים, קעם אוים און בארשט מיך זויבער־ריין,
און שענער זיין פון יענע וועל איך מאָרגן!“

און ס'איז אַזוי געשען. מע האָט דערזען גאַנצפרי
א פערד מיט שלאַנקע, ווי געטאָקטע, גלידער,
מיט אויגן, וועלכע לייכטן מיט א קלוגן גלי.
מיט קנאה האָבן עס באַטראַכט די ברידער.

2

דאָס פערדל טוט זיך איינמאָל א פארנייג, א זאָג:
„ווי האַרציק ס'איז געווען דיין גוטער ווילן!
זיץ אויף, און ווי אויף פליגל טו איך דיך א טראָג,
אַז ס'וועט דער ווינט דיר אַ מעלאָדיע שפּילן.

איך בין דיר אַלץ נאָך שולדיק גאָר אַ גרויסן חוב,
און כ'וויל אים איצט דיר, ליבער פריינד, באַצאָלן".
טוט הערצל מיט א פייף אויף אים א שטייג ארויף,
און... ס'פליען שוין פאַרביי אים בערג און טאָלן.

דער ווינט נעמט דורך די הויט, דאָס בלוט מיט ווילד געזאנג,
און ס'מיניעט פאַרן בליק אַ ים קאָלירן;
איז ווער פליט שנעלער איצט — דאָס פערד,צי זיין געדאנק?
וווהין? וווהין זשע וועלן זיי דערפירן?

און פלוצעם שטייט מען פאַר אַ וואַנט, וואַס זינגט און שאַלט,
וואָס רוישט מיט בלעטער און געזשום פון בינען;
פאמעלעך שפּרייזט דאָס פערד אריין אין וואלד,
און די דערוואַרטונג הערצלס הייבט אָן גרינען.

וואָס טיפער אינעם וואלד, אַלץ שטילער, שאַ-ער ווערט,
די שטילקייט ווי אַ ווייכער טעפּיך שפּרייט זיך;
ווי אַ געהיימעניש איז יעדער טראָט פון פערד,
פאַרחלומט בוים פון בוים צעגייט זיך.

און אָט בלייבט שטיין דאָס פערד און ווינקט אים מיטן בליק...
א פויגל ערגעץ אין געצווייג צעשאַלט זיך:
„כ'האָב אויסגעפּיקט פון זיך א פעדער — דיר צום גליק!
נעם זוך אין גראָז..." ער פאָלגט. זיין בליק צעשטראַלט זיך...

ער כאַפּט די גאָלדן-פעדער און ער טוט א פרעג:
— און טינט? פּאַפּיר? ווען איך וועל שרייבן וועלן?...
די פעדער טוט פון זיך אַליין זיך אַ באַוועג
און שרייבט: "איך שרייב מיט זונענשטראַל מיט העלן...

די לופט איז מיר פאַפיר... און וועסטו זיין אין קלעם,
זאָלסט דו צו מיר זיך נאָך אַן עצה ווענדן;
מיין ליכטיק וואָרט וועט מאַכן ציטערן דיין ברעם
און אַלע שטרויכלען אויף דיין וועג פאַרלענדן..."

עס בלענדט די וונדערשריפט, ביז זי פאַרגייט, פאַרשווינדט;
ס'דריקט הערצקע צו צום האַרץ די גאָלדן־פעדער;
סע טראָגט דאָס פערד אַהיים אים, ווי א הייסער ווינט,
אַזש פאַר די אויגן זיך קאָלירן רעדער.

3

אינגיכן דאַרף שוין הערצקע ווערן אַ סאָלדאַט.
„פארקויף דאָס פערד און גיי דעם היימלאנד דינען, —
די פעדער שרייבט אים פארן בליק — און זיי א כוואַט,
סע וועט דיין פערד זיך אונטער דיר געפינען..."

ס'איז הערצל א דראגונער, און ער דינט געטריי,
דאָס פערד — ווי וונדערלעך! ס'איז זיינס דאָך! זיכער!
בשלום טראָגט עס ווי אַ שטרויכלונג אים פאַרביי
און קומט מיט אים צום ציל אָן, ווי א וויכער.

איז אויך די צייט פון דינסט אריבער זייער שנעל,
און הערצקע האָט זיך מיט זיין פערד געזעגנט;
נאָר אין דער היים שיינט ווידער אויף זיין מזל העל:
ער האָט עס אויפן מאַרק אויפסניי באַגעגנט.

„סע איז ביי הערצקען, — שמועסט מען — די העכסטע צייט
א כלה אויסצוזוכן, תנאים שרייבן,
נאָר ס'איז דער דור דער היינטיקער צעלאָזט, פאַרשייט:
ער קאָן זיך קיין זיינסגלייכן נישט דערקלייבן".

ווייל ס'איז דאָך קיינעם נישט באַוווּסט, וואָס הערצקע קלערט,
און וואָס סע טוט זיך דאָרט אין זיין נשמה;
אַז הערצקע וואַרט און מיטן גאַנצן האַרץ באַגערט,
דער גאָלדן־פֿעדערס שריפֿטלעכע הסכּמה.

אַז הערצקען זאָל געפֿעלן, וועמער וואָלט זיך געריכט,
ס'האָרבאַטע מיידל, ס'טעכטערל דעם בעדערס?!
נאָר „מזל־טובֿ!" האָט אים געוווּנטשעוועט דאָס ליכט,
די שטראַלנדיקע שריפֿט דער גאָלדן־פֿעדערס.

מיט פֿרייד האָט אויך צעהירזשעט זיך דאָס פֿערד אין שטאַל,
וואָס ס'האָט פֿאַר הערצקען קלאָר געמיינט צו זאָגן:
צי איז דען נישט מיט מיר געווען דער זעלבער פֿאַל?
דו האָסט מיין העסלעכקייט אַרויסגעצוואָגן.

און ווען מע פֿירט שוין פֿון דער חופּה זיי צוריק,
מיט אויגן אויפֿגעריסן קוקן אַלע,
אַ פֿריילעכס שפּילט פֿאַרווּנדערט, האַרציק די מוזיק:
וואָס האָרב? ווען האָרב? ווי שלאַנק סע איז די כּלה!

4

די יאָרן לויפֿן. הערצקע איז שוין נישט אַליין;
ער מוז אַ יאָך פֿאַר ווייב און קינדער טראָגן;
אַ נס, וואָס ס'איז דאָס פֿערד נאָך אַלץ געזונט און שיין
און שלעפּט זיין שווערן באַלעגאָלע־וואָגן.

דעם וואָגן, אָנגעטאַסעוועט מיט פֿרעמד פֿאַרמעג,
דורך זאַמדן, בלאָטעס שלעפּן קוים די רעדער.
— ווי לאַנג אַזוי? — נישט איינמאָל הערצקע טוט אַ פֿרעג —
ווי לאַנג נאָך וועסטו שווייגן, גאָלדן־פֿעדער?

צי האָט זיך אויסגעלאָשן, גאָט באַהיט, דיין ליכט,
און קאָנסטו מיר קיין עצה שוין נישט געבן?
נאָר אָט האָט אים די גאָלדן־פֿעדער אומגעריכט
געראַטעוועט פֿון טויט זיין לייב־און־לעבן:

## 5

ס'איז איינמאָל צוגעפאַלן זיי אין וואַלד די נאכט
מיט ציענדיקע רעגן=כמארעס שווערע;
„ס'וועט דורכווייקן די סחורות — הערצקע טוט אַ טראַכט —
און ס'איז דאָס פערד מיר נעבעד אַן עבירה!

וואָס טוט מען, אַ?“ און ער דערשפּירט, א טעמפּער שטראַל
אין זיינע ברעמען האָט זיך אָנגעשלאָגן.
ער טוט א קוק: א הייזקע און אן אלטער שטאַל.
„וועט אפשר זיין אַן אָרט פאַר פערד=און=וואָגן?“

זיגזאַגעדיק בליצט אויף אין וואַלד א רויטע שווערד,
א דונער קראַכעט איבער אים מיט צאָרן;
ער לאָזט זיך צו דער הייזקע, און דאָס קלוגע פערד
אַליין איז שוין אין שטאַל אַריין פאַרפאָרן.

— גוט גאָוונט! — טוט א שעפּטש ער פון דער הויכער שוועל,
און שאַרף צוויי שיינע נשים אים באַטראַכטן:
א יונגע מויד מיט שלאַנקן, חוצפּהדיקן שטעל,
אַן אלטע מיט א בליק א בייז=צעלאכטן.

— דערלויבט מיר איבערנעכטיקן ביי אייך די נאכט,
אַז אינעם שטאַל זאָל שטיין מיין פערד=און=וואָגן. —
די אלטע האָט זיך מיט א שאַרפן קוויטש צעלאכט:
— „שווארציאָרן האָבן געסט אהער פארטראָגן!

גו, גוט. קריך, טאָכטער, אויפן אויוון. פלינק און שנעל!
איך איל זיך. ס'איז א שאָד די צייט פארלירן!
און דו, מיין גאַסט, דעם קאָפּ לעג=אָן דאָ אויף דער שוועל,
און קיינער וועט פון אים קיין האָר נישט רירן...“

די אלטע גייט ארוים מיט פעסטע קלאַפּנדיקע טריט:
די שטיוועלעך באַפּידקאָוועט מיט אייזן;
סע ציט דער שלאָף, נאָר הערצקע וואַכט אין זיין געמיט:
„ס'אי' שלעכט... וועט זיך די ליכטשריפט נישט באווייזן?...“

און ווירקלעך — די מכשפה האָט עס שוין דערפילט:
דער ייד פאַרמאָגט אַ וווּנדערבאַר עשירות!
און ס׳האָט אין איר אַ בייזער פיבער זיך צעשפּילט:
ער איז ביי מיר אין שטוב — געהערט צו מיר עס...

און אָט־אָ טוט אַ שווידער הערצקעס מידער קאָפּ,
אַ ציטער־ליכט אויף זיינע ברעמען — ווערטער:
„די שלאָפנדיקע מויד פון אויוון נעם אראָפּ
און טויש מיט איר זיך איבער מיט די ערטער“.

ער פאָלגט, און, אויפן אויוון ליגנדיק, ער האָרכט:
ס׳דערנענטערט זיך צום שטיבל די מכשפה,
זי טוט אַ זעץ דער טאָכטערס קאָפּ, וואָס שנאָרכט...
סע דונערט, בליצט... אין וואַלד ברעכט אויס אַ שׂרפה.

זי לויפט צוריק... מסתּם צו לעשן דאָרט דעם וואַלד,
און הערצקע פליט אַרויס צום פערד־און ־וואָגן.
שוין נאָכן רעגן. שטערן לעשן זיך. אָט באַלד
אַנטריינט מען פון די ביימער. ס׳נעמט שוין טאָגן.

6

נאָר זיך באַרוּאיקן איז הערצקען גישט באַשערט,
סע יאָגט זיי נאָך אַ קלאַפּעניש פון הינטן:
די פּידקאָוועס פון דער מכשפה הילכן; ס׳פערד —
ווי ס׳וואָלטן דעם געטראָגן פליגל — ווינטן.

„זי קומט! זי קומט! אוי־וויי!...“ די שריפטליכט טוט אַ בלענד,
ער לייענט, גישט באַפרייענדיק די לייצן:
„דאָס וואַסער פון דיין קרוג גיס אויס מיט גאָרן פענד,
און צווישן אייך אַ טייך וועט נעמען פלייצן“.

ס'צעשיידט זיי שוין אַ טייך... נאָר די מכשפה שעפּט,
שעפּט אויס זיין וואסער מיט א שטיוול אירן.
און הערצקע טרייבט דאָס פּערד דערשראָקן און נעפּלעפּט —
א רגע איז אַ זינד איצט צו פאַרלירן.

און ווידער הערן זיך די פּידקאָוועס... דאָס ליכט:
„רייס אויס און וואַרף פאר זיך א הויפן גראָז,
און אויסוואקסן וועט צווישן אייך א וואלד געדיכט —
א וואנט, וואָס וועט זי נישט צו דיר דערלאָזן".

נאָר סע פאַרהאַלט זי נישט אויף תמיד אויך דער וואַלד,
זי האָט דורך אים א וועג זיך דורכגעשלאָגן,
און ס'קלינגט אין הערצקעס קאָפּ א גלאָק: אָט באלד
אָט באַלד איז די מכשפה לעבן וואָגן!...

„גראָב אויס א ריוו. — ער לייענט. — איבער אים א דראָט
לייג איבער. א י ן נעם צעלייג אַ פייער.
און ס'וועט אַ פייער־טייך דאָ פליסן..." הערצקע האָט
געפאָלגט אָן אָטעם — ס'איז די רגע טייער!

ווען די מכשפה האָט דערגרייכט דעם רויטן טייך,
איז הערצקע נאָך געשטאַנען דאָ דערנעבן;
זי האָט זיך אויף דעם דראָט אַ לאָז געגעבן גלייך...
ער האָט זיך, א צעגליטער, נאָכגעגעבן,

געטאָן זיך, ווי א רויטער פאָדעם, א צערייס,
און די מכשפה איז אַראָפּגעפלויגן...
פון שרעק איז הערצקעס פּנים אַלץ, ווי קרייד, נאָך ווייס,
נאָר ס'גליען פלעמלעך פרייד אין זיינע אויגן:

פון פייער־טייך גייט אויף א קרייזל שווארצער רויך,
ס'רינט אויס דאָס פייער, בלויז דער באָדן גליט זיך,
אויף דער מכשפה טוט אַ ווינטעלע אַ הויך,
און איר געשטאַלט פון גרויען אש צעשיט זיך...

## 7

די יאָרן לויפן. קינדער וואקסן אונטער... נו?
אויך זיי באשערט איז באַלעגאַלעס ווערן?
פאַר פרעמדן האָב־און־גוטס נישט וויסן פון קיין רו,
מיט ווינט און רעגנס תּמיד זיך פאַרהערן?!

נאָר וואָס? אז אָן דער ליכטשריפט איז ער גלייך ווי בלינד!
צי זאָל ער אויף א נייעם וועג זיך נעמען —
אַ הענדלער ווערן? לעבן, ווי מע זאָגט, פון ווינט?
זיין האָרעפּאשנע יוגנט צו פאַרשעמען?

געפרעגט, געפרעגט, ביז ס׳האָט די פעדער אים דערהערט,
און פאַר די אויגן מיט איר שריפט צעשטראַלט זיך:
„אין א קאָלאָניע גיי, באַארבעטן די ערד;
דער אָנהויב וועט דיר שווער זיין, אָבער — האַלט זיך!“

ס׳האָט הערצקע מיט די זין געאַרבעט פלייסיק, היים,
און יעדער — מיטן וואונדער־פערד באַזונדער;
דאָס פעלד, אַדורכגעזאַפּט מיט זייער שפּע שווייס,
האָט זיך צעגרינט, געגעבן ברויט — א וואונדער!

ווי ליב סע איז צו מיען זיך פאַר זיך אַליין,
נישט פרעמדע זאָלן פון דיין שווייס געניסן!
די רו גייט אויף, ווען ס׳נעמט די זון פאַרגיין,
און לייגסט זיך שלאָפן מיט א ריין געוויסן.

נאָר אין דער אָרעמשאַפט, וואָס מאַטערט זיך אין שטאָט,
האָט הערצקע באַלעגאַלע נישט פאַרגעסן:
געפירט צו איר זיין ברויט,דער מאמע־ערדס גענאָד!
מיט זיי געטיילט זיך — ווער ס׳איז הונגעריק, זאָל עסן!

## 8

און איינמאָל, אין א הייסן תמוז=טאָג, אין סאָד,
ווען הערצקע ליגט און רוט זיך אָפּ אין ביימער=שאָטן,
שרייבט אָן פאר אים די גאָלדן=פעדער: „פלי אין שטאָט!
דער שוואַרצער=מאַהס יוכע איז צעזאָטן...“

ער לויפט אריין אין שטאַל, א כאַפּ די בייטש, דאָס פערד,
אַ שפרונג ארויף, ווי אין די יונגע יאָרן;
די וויאָרסטן ווערן אונטער זיין גאַלאָפּ פארצערט,
און ווי א וויכער קומט ער אָן צו פאָרן.

...די גאסן — לערע, אָנגעפילטע בלויז מיט גרויל,
דער בלויער הימל איבער זיי — א כמארע;
ס'צעטראָגט די הייזער רויב=געשרייען און געהויל,
און יאָמער רינט, ווי בלוט, פון יעדער שפּארע...

ווי דאָ דערהערט זיך מיטאמאָל א דונער=קנאַל,
סע טוט א בליץ (...צי פאר א רעגן האלט עס?)
און איינער פון דער שווארצער=מאה טוט א פאַל...
א צווייטער, דריטער... און אָן אויפהער קנאַלט עס...

דאָס טראָגט זיך הערצקע אויף זיין וואונדער=פערד גאַלאָפּ,
און מיט דער בייטש דער סוויסטשענדיקער בליצט ער,
און וועמען נאָר זי טרעפט, לייגט אָן ער מיטן קאָפּ,
און אויפן ברוק אין שטויב פריטשמעליעט זיצט ער...

סע פלאַטערט הערצקעס ווייסע באָרד אין ווינט, ווי פלאַם,
און פון די אויגן זיינע פונקען פליען;
זיין וואונדערפערד פארהאלט נישט קיין שום שטער און צאם —
ווי שטאָל עלאסטיש זענען זיינע קניען.

די גאָלדן פעדער שרייבט א קללה איבער קעפּ:
„זאָלסט, שוואַרצע=מאה, אויסגעריסן ווערן!“ — —
זיי לויפן אין בהלה, ווי אויף שווינדל=טרעפּ,
א שטערן שטויסט און שפּאלט זיך אויף א שטערן.



די שווארצע־מאה טראָגט זיך ענדלעך אָפּ פון שטאָט,
צעקריכט — א מחנה אָפּגעבריטע וואנצן — — —
ס'ליגט הערצקע ווידער אינעם שאָטן פון זיין סאָד,
באשיידן־שטיל, ווי נישט קיין העלד אינגאנצן.

9

דער דעמב איז פעסט — די ציין דער צייט אים בייסן איין,
פארבליאקעוועט עס מוזן אלע פארבן;
ס'ווערט הערצקע אַלט און שוואך, פון טאָג צו טאָג גייט איין,
דער גוטער הערצקע לייגט אין בעט זיך — שטאַרבן?

ער קרעכצט נישט, זיפצט נישט, שליסט די ברעמען, עפנט אויף,
ווי בלויז א ביסל דרימלען איז ער אויסן;
ער שעפּטשעט שטיל, און ווערטער לייגן זיך צונויף:
„...אויף זאכן... דארף מען קוקן... נישט פון דרויסן..."

זיין אָטעם מיט דער גאָלדן־פעדער עמעץ פּרווט —
אין הערצקעס גוף האָט זיך געשטעלט דער ווינטער...
עס טוט אַ בלענד אַ גאָלדן־פויגל אין דער לופט,
א כאַפּ די פעדער, און אין רוים פארשווינדט ער...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגן — די לוויה; קינד און קייט באַגלייט;
סע ווארפן באלמעלאָכעס די ווארשטאטן;
און הינטער אלע, אומעטיק, דאָס פערד זיינס גייט:
סע וועט זיין פרייגד דעם אלטן נישט פאראטן.

און ווען ס'פאַרלאָזן אַלע דעם בית־עולם, זעט:
דאָס פערד גייט צו צום קבר, ווי בגנבה,
סע לאָזט אַראָפּ זיך כורעים, ווי צו אַ געבעט,
און ווערט... אַ שטיין, אַ גרויע שטיין־מצבה.

און ווען די נאכט האָט שטיל און ווארעם זי פארהילט
מיט אירע סודותדיקע שלייערס זיבן,
האָט איבער איר די גאָלדן־פעדער שטראַליק זיך צעשפילט
און פאַר די דורות שפעטערע געשריבן:

## פה נטמן *
## רב הערצל באלעגאָלע

האָרעוואַניע איז געווען דער גרונט פון לעבן זיינעם,
ערלעכקייט — דאָס ליכט, וואָס האָט זיין וועג געטאָן באשיינען;
רשעות און פארדאָרבנקייט וואָלט ער געשמידט אין קייטן;
צער האָט תמיד אים פארשארפט דאָס ליידן פון א צווייטן;
קלאפן פלעגט זיין הארץ מיט ליבשאפט פארן פראָסטן מענטשן,
ערלעך היטן זיינע וועגן און זיין גוטקייט בענטשן.

בייזע ווינטן האָבן אים. ווי הינט, די הויט געשונדן,
ארבעט אָבער ערלעכע האָט אים געהיילט די וונדן;
ליב געהאט האָט ער דאָס פראָסטע פאָלק, פאר דעם געליטן:
ער האָט מיט דער שווארצער־מאה, ווי א העלד, געשטריטן;
גרויע טעג זיין גאָלדן־פעדער האָט אים העל באפאָרבן,
אָך! און מיט זיין לעצטן אָטעם איז איר ליכט געשטאָרבן...
לאָמיר אלע זיך פון אים מוסר־השכל נעמען:
ערלעך לעבן, ליבן מענטשן... אז מען וויל נאָר, קען מען.

תנצב"ה *

---

* פוי כיטמען — דאָ איז באַערדיקט.

** טיע נאַפשוי צרורע ביצרויר האַכאַים — זאָל זיין נעשאָמע באַהאַפטן זיין מיטן לעבן.

# דאָס מיידל, וואָס פירט דער זון אַנטקעגן

1

די מעשה איז פאַרלאָפן זיך אין שלעכטע צייטן,
ווען ס׳איז קיין אַרבעט נישט געווען ביי לייטן;
ווען ס׳איז נישטאָ קיין אַרבעט, דאָ איז גוויט,
און ס׳ווערט פון טאָג אויף טאָג אַלץ שווערער:
ס׳הייבט אָן ביי באַלמעלאָכעס אויסצופּעלן ברויט.

אַ טעסליער, שניצער, מאָלער, שניידער, שוסטער און אַ לערער
פאַרפּאַקן אין אַ קלומיקל דעם הונגער, דאָס געצייג,
וואָס בענקט, ווי זיי, נאָך אַרבעט, נאָר עס מאַכט אַ שווייג,
און לאָזן זיך אַרויס אויף וואַנדער, אַרבעט צו געפינען,
פאַר ווייב־און־קינדער כאָטש אויף ברויט טרוקנס צו פאַרדינען.

פאַרמאַטערט פונעם גיין דעם גאַנצן טאָג אין היץ און שווייס,
זיי זענען אָנגעקומען צו אַ וואַלד־ראַנד בעת דער שקיעה.
ס׳וואָלט גוט זיין ווייטער שפּאַנען: ס׳איז דער אָוונט דאָך נישט הייס,
נאָר ווי! ביי דעם און יענעם טאַנעט שוין אַ קניע.
דערצו איז גיין אין וואַלד ביינאַכט — אַ שרעק!
איז מוז מען מאַכן נאַכט זיך ביי זיין ברעג,
צעלייגן פייער ווי א שוץ אקעגן חיות,
און איינער, ווי מע זאָל נישט אויסגעמאַטערט זיין און שוואַך,
וועט מוזן זיצן כאָטש אַ האַלבע שטונדע אויף דער וואך
און וועקן די חברים, טאָמער מאַכט זיך עפּעס נ יי ע ס.
מע וועט אַזוי זיך טוישן: אַלע שלאָפן, איינער וואַכט,
און איידער וואָס־און־ווען, פאַרשווינדט די זומערדיקע נאַכט.

.2

דער ערשטער האָט געוואַכט דער טעסליער, איינגעבויגן.
און שטיל, און לאַנגווייליק, פאַרטראַכט
געוואָגלט האָבן אויפן פייער זיינע אויגן,
וואָס כאַלעשן א דרימל טאָן פארשמאַכט;
יי האָבן פינעם פייערקרייז זיך מיד אַרויסגעצויגן,
געלאָזט זיך וואָגלען מיט די קרייזן רויך —
ווי פינצטער ס'העננט די נאַכט!... דער הונגער גרימט אין בויך...
דערהערט ער פונעם וואַלד א שאָרך פון בלעטער,
און הייבט אָן קוקן אויפן שיין־און־שאָטן־שפיל אין וואַלד;
נאָר אויכעט דאָס דערעסט אים באַלד.

גאָר אומגעריכט דערזעט ער,
ווי משה אין דער מדבר האָט דערזען דעם „סנה“. —
נו, זע־נאָר, זע!
אַ קלאָץ אַ דיקע, מיט אַ גראָבער קאָרע,
ליגט האַלב אין שאָטן, האַלב אין שיין
און בעט זיך ממש, ווי מיט ווערטער: „מייסטער, שררה,
דו מייסטערל, דו מיין!
דו זעסט דאָך — כ'בין גאָך אַלץ פאַרפאַנצערט אין מיין צרה...
שטיי־ביי מיר אין מיין נויט,
נעם טעסע אוים מיך פון מיין גראָבער הויט,
און אַז כ'וועל ווערן פרייער, איידעלער און נעטער,
וועט מעגלעך זיין צו שניידן פון מיר דינע ברעטער...“

איז אויפגעשפרונגען גלייך דער טעסליער אויף די פיס,
און האָט אַ כאַפּ געטאָן פון קלומיקל די האַק די שאַרפע,
געצומען טעסען, טעסען... אַך, ווי איינגענעם, ווי זיס
עס איז צו אַרבעטן!... ער שפּילט ערשט אויף אַ האַרפע!
וואָס הונגער און וועז הונגער! וואָסער גרימעניש אין בויך!
ער שפּילט אַ פריילעכס, אַזש סע גייט אַ רויך!

אָט שפּילט די האַרפע שוין מיט נייע טענער:
אַראָפּ די קאָרע מיט די גראָבע שפּענער,
איצט פליען שפּענדלעך, סטרוזשקעס דינע, ווי פּאַפּיר.
און אַז דער זעגער, — טראַכט ער — וועט נאָך קומען, וועט ער
אָן שיעם נעמען זעגן שמעקעדיקע ברעטער,
און שפּילן מיט זיין זעג, זיין האַרפע „בעסער נאָך פון מיר!...“

און אָט איז אויסגעטעסעט שוין די קלאָץ. און ווידער,
און שטאַרקער נאָך, באַפאַלט די מידקייט זיינע גלידער.
ער קאָן שוין מיט קיין אבר מער נישט טאָן קיין ריר,
און כאָטש ער אַרבעט שוין נישט, כאַפּט אַ שוויץ ער.
דער שייטער עסט די מידע אויגן מיט זיין רויך.
דער הונגער גריזשעט ווידער, ווי אַ מויז, אין בויך.
איז וועקט ער אויף צום וואַכן שוין דעם שניצער.

.3

דער שניצער זיצט פאַרזונקען אין רעיונות,
און אויף זיין בלאַס געזיכט שפּילט שטילע, ראָזע שיין.
ער טראַכט: ...„אוודאי וועט אַמאָל אַ שענער לעבן זיין,
נאָר וואָס? מיר מוזן האָבן שוין עס!
סע הונגערן אין דרהיים די קינדער צווישן בלייכע ווענט.
אין וועג, אָן מי און ברען, פאַרוועלקן מיינע הענט .
ווי לאַנג?...“ ווי ס'טוט אים פאַרן בליק אַ בלענד
די ווייסע קלאָץ אין ליכט אין ראָזן:
„... דו בענקסט נאָך מי, און איך נאָך מייסטערישע הענט.
מיט לייב=און=לעבן כ'בין צו דיר געווענדט,
און זאָל דיין דורשט נאָך מי דיך נישט פאַרלאָזן...“

שפּרינגט אויף דער שניצער אויף די פיס,
אַ כאַפּ פון קלומיקל דאָס מעסערל דאָס שאַרפע,
און שניצט, און שניצט... ווי איינגענעם, ווי זיס
סע איז צו שאַפן!... אַך, ער שפּילט ערשט אויף אַ האַרפע!
וואָס הונגער און ווען הונגער!... ס'זעטיקט אים דאָס האָלץ,
וואָס לאָזט זיך שניצן, פורעמען און איבערשאַפן.

מיט זיינע הענט ווי ער איז איצטער שטאָלץ!
די ביימער און די שיין־און־שאָטנס קוקן צו און גאַפן:
אינמיטן צווישן שייטער־שיין און פינצטערניש פון וואַלד
פון אונטער זיינע פלינקע הענט ארויס איז א געשטאַלט —
ווי שטאַלטנע, ציזעלירט און איידל! —
אַ יידיש מיידל.

נאָר ס'קאָן דער שניצער קוים שוין אויף די פיס נאָך שטיין,
— פאַרענדיקט. — זאָגט ער שטיל און לאָזט זיך גיין,
וועקט אויף דעם מאָלער, טוט אַ פאַל אַנידער —
אַ זאַק פאַנאַנדגעשרויפטע, שוין דערשעפּטע גלידער.

.4

פאַרשלאָפן, האָט דער מאָלער נישט אַרומגעקוקט זיך, שטום
צונויפגעשאַרט די קוילן און די האַלב־פאַרברענטע צווייגן;
דער שייטער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף — אַ פייערדיקע בלום!
איצט דאַרף מען זעצן זיך אַנטקעגן און פאַרוווּנדערט שווייגן.
סע ווינטלט. ס'טאַנצט די בלום, אַרום — פיל שאָטנס קעגן איר.
אַ שטומער פאַרבן־טאַנץ. נו, ווער פאַרטאַנצן וועט דאָ ווערן?..
און פּלוצעם — זע! אַ יונג געשטאַלט! זי טוט זיך נישט קיין ריר...
זי מוז אוודאי מיט איר מידער לייביקייט זיך שעמען.
און אויפגעשפּרונגען איז דער מאָלער אויף די פיס,
אַ כאַפּ פון קלומיקל די פענדזלען מיט די פאַרבן,
און מאָלט, און מאָלט... ווי אייגנענעם, ווי זיס
סע איז דאָס לעבן אויפצוואַכן, שטאָט עס צו פאַרדאַרבן!...
וואָס הונגער און ווען הונגער! נאָר פאַרגעסן איז די נויט!
די פאַרבן — זיסע זאַפטן — מאַכן זאַטער נאָך פון ברויט!

אַ ראָזקייט שפּילט איצט אויפן מיידלס צאַרטער הויט;
דורך געצלעד אָדערלעך דאָס בלוט לייכט דורך געהיים־צעבלויט;
שוואַרץ שימערן די האָר, צעכוואַליעט, ווי פון ווינט צעקעמטע,
און פאַלן שוימיק אויף איר האַרץ, אויף טויבן צוויי פאַרשעמטע;
דאָס מויל — אַ פרישער קנאָספּ — בליט, קוים צעעפנט, פייכטלעך־רויט;

די ברויגע אויגן קוקן מילד דורך וויעס שוואַרץ־באַברעמטע
און פינטלען שוועסטערלעך: „אַ שיינעם דאַנק!
גיי, ברודער, רו זיך אויס, ביסט מיד און קראַנק...“
ער פאָלגט איר, ווי פאַרכישופט: — ווונדער! ווונדערלעכע זאַכן! —
און וועקט דעם שניידער אויף צום וואַכן.

.5

דער שניידער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון חלום שטאַרק צעמישט:
...ער שאַרט צונויף אויף דער פּאָדלאָגע שטיקלעך יתור,
דאָס פּנים אויסבאַהאַלטן פאַרן ווייב אין צימער...
די קינדער העשען: „מאַמע, גיב כאָטש ברויט מיט נישט...“
... נו, וואָס זשע, — טראַכט ער — זאָל איך טאָן, איך בעט דיר? טאַקע?
גיין בעטלען ביי דער גבירנטע?... אַ מכה!
כ׳וועל פּאָדערן: „דאָס אָפּגעדינגענע דערלאַנג אַהער!
גענוג שוין, כאַזערעכע, פּרעמדע מי צו זויפן!
גיב אָפּ! אַנישט וועסט דו ביי „עמך“ זיך אַ מפטיר קויפן!
איך וועל!... איך וועל דיר אָפּשניידן אַ פּאָלע מיט דער שער!“
נאָר דאָ כאַפּט עמעץ פאַר דער פּאָלע אָן גאָר אים אין לויפן
און שטערט... ער כאַפּט זיך אויף... באמת, ס׳איז אַ שאָר!
ער וואָלט איר איצט, דער גבירנטע, געמאַכט די גרויסע באָד...
פאַרפאַלן... מילא. און ער זעצט זיך לעבן פייער.
ווי פּלוצעם, זע — א הויל, און אָרעם מיידל שטייט אין וואלד!
סע רייסט זיך אים אַרויס פון האַלדז: — באַלד־באַלד!
ווי אָרעם און ווי שיין זי איז, אוי, גאָט געטרייער! —
איז אויפגעשפּרונגען פלינק דער שניידער פונעם אָרט
און האָט גענומען רייסן פון די ביימער בלעטער:
(צי שלאָפט ער נאָך, און אַלץ אין חלום זעט ער?)
פון זיי אַ פּעלערינג נייען וועט ער
פאַר... תוהו. אויף זיין שניידערש וואָרט —
ער איז אינעם גן־עדן! ער איז — אָדם!
ער טוט אַ ציִ אַרויס פון קלומיקל זיין נאָדל־פאָדעם

און נייט, און נייט, און נייט...
ווער הונגער און וואָס הונגער!... ס'בלענדט די נאָדל, טוקט זיך אונטער,
דער פאָדעם לויפט איר נאָך און דעם געבלעטער פלינק און מונטער,
און — אָט איז פאַרטיק שוין דאָס קלייד!
ער טוט עס אָן איר. ס'ליגט ווי אויסגעגאָסן!
— נו, טראָג עס מיר געזונטערהייט!
מיין אמת ווייב וואָלט זען, וואָלט עס איר פאַרדראָסן:
„האָסט דאָס מאָל צוגעשניטן, וואָלט זי זאָגן, קרום...״ —
דאָס מיידל שמייכלט שטום
און פינטלט מיט די שוואַרצע ברעמען:
„גענוג מיט מיר זיך צו פאַרנעמען.
גיי לייג זיך שלאָפן. דו ביסט קראַנק...
און פאַר דער פעלערינע דיר — אַ שיינעם דאַנק״.
דער שניידער פאָלגט איר, אַ צעהיצטער און צעהוסטער,
און וועקט צום וואַכן אויף דעם שוסטער.

.6

דער שוסטער האָט זיך מונטער אויסגעטשוכעט פונעם שלאָף,
און ווען ס'וואָלט זיין מיט וועמען, וואָלט ער שפּאַס געטריבן:
ער וואָלט דעם גביר פון שטאָט געלאָדן צו דעם פורים־רב
פאַר זיינע הונגעריקע ווייב־און־קינדער זיבן...
און ווו איז יושר?! — וואָלט ער טענהן. — שאַנד און שפּאָט!
אויב ס'האָט אים נישט דער גביר און נישט דער רב, איז ווו איז גאָט?!
ער זיצט אוודאי צווישן די מלאכים דאָרט אין הימל
און, ווי אַ ייד שוין אויף דער עלטער, כאַפּט אַ דרימל.
איז דאַרף מען אים אַ צי טאָן פאַר דער גאָלדן־רויטער באָרד,
צי פאַר די לאַנגע סאַמעטענע פייערדיקע פּאָלעס:
— שטיי אויף, דערהער דעם הונגעריקן שוסטערס וואָרט:
מיר זענען שוין צו לאַנג ביים גביר און ביי דעם רב אין גלות!...
דו האָסט זיי ליב? שטרעק אויס צו זיי די רחמימדיקע הענט
און נעם זיי אונטער דיינע פּאָלעס... ווערן זיי פאַרברענט! —
אזוי וואָלט ער געשפּילט טעאַטער... צי באַזעצט א כלה.

— ווײַן, קאַלעשי, ווײַן.
דאָס לעבן ז'ביטערער פֿון כריין.
לאָז קײנעם נישט פֿאַררעדן זיך די צײן,
און וואַרט נישט אויף דער שוויגערס הילף, גאָר העלף זיך, מויד, אַלײן...—
גאָר וואָס? אַז אַלע שלאָפֿן דאָ. זײ שנאָרכן אַלע.
א שאָד! גאָר אויב אזוי אפֿילו, איז מה־רעשׁ?
איך האָב, שטאָט ברויט, די סליגע אָפּט געקײעט און געשלונגען,
איז שטאָט מיט מענטשן, וועל איך רעדן מיט די פֿײער־צונגען:
— איך זע, איר באָדט זיך שוין אין אַש
און האָט א שלעכטע מראה,
איר גאַרט אַ ביסל צווײגן דאַרע —
אָט באַלד, אָט באַלד,
ס'איז דאָ דאָס מין געגוג אין וואַלד... —
און דאָ דערזעט ער מיט צעפּראַלטע אויגן דאָרט דאָס מײדל,
אָן אויסגעצירטע אינעם גריגעם פּעלעריגע־קלײדל,
גאָר — ווײ! — אַ באָרוועסע אָן שיך!
איז אויפֿגעשפּרונגען זשוואַווע־פֿלינק דער שוסטער:
— און וו בין איך?
דער הונגעריקער מײסטער דער באַוווסטער!
ער כאַפּט אַרויס פֿון קלומיק דאָס געצײג
און גאָר די אָפּגעשפּאַרטע שטיקלעך לעדער — יתור;
די הויט אויף זײנע בײנער טוט אַ ציטער,
ער זאָגט צום מײדל: — דו זײ רואיק, קוק זיך צו און שווײג. —
וואָס הונגער און ווען הונגער!... אַז סע זינגען אַלע גלידער,
אַז ער אינגאַנצן איז צעפֿלאַטערט, הײס געזאַנג!
ער ברומט מעלאָדיעס — שיך צו פֿיס צו באָרוועסע פֿון לידער.
די אַרבעט ברענט און גײט בײ אים אַ גאַנג,
און אָט־אָ האַלט ער שוין בײ „נעילה“:
פּאַנטעפֿעלעך — צווײ לעבעדיקע טויבן שטילע.
ער מעסט זײ אָן איר און שפּאַצירט מיט איר אַהין, צוריק,
און הערט זיך צו: זײ וואָרקלען־סקריפּען — אמתע מוזיק:
„דו האָסט באַשוכט אַ באָרוועס מײדל פֿון דעם פֿאָלק דעם פּראָסטן;
געדינט געטרײַ דו האָסט דעם פֿאָלק — אַ זעלנער אויף זײן פּאָסטן...“
ס'פֿאַרשיכורט אים א שווימענדיקער בעכער גליק,

און פון אַ ציטעריקער ברעם פאַרלירט אַ טרער ער.
און גישט באַוויזן נאָך אַ וועק צו טאָן דעם לערער,
ער טוט אַ פאַל אַנידער לעם דעם מיידלס פיס
און ווערט אַנשלאָפן, און זיין שלאָף איז זיס.

7.

אין שלאָף דעם לערערס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער קלאַפּן:
...סע שלאָפן אַלע... ס'פייער גוססט... אַ סכנה יאָגט...
ער רייסט זיך אויף, וויל לויפן צו דעם פייער, עס דערכאַפּן,
און זעט — סע ברענט דאָך העל, כאָטש איבער דעם שוין טאָגט!
אַז ווער האָט עס דערהאַלטן ביי דעם לעבן? דאַרע צווייגן
צוגעוויפגעבראַכט, ווען אַלע שלאָפן דאָ געשמאַק אַרום?
די בליקן זיינע פרעגן ביי די ביימער... אַלע שווייגן.
נאָר אָט דערנענטערט זיך צו אים אַ וואונדער־מיידל שטום.
...גוט מאָרגן! — שמייכלען און באַגריסן אירע אויגן ברוינע,
נאָר אויף די פייכטלעך־רויטע ליפן גייט נישט אויף קיין קלאַנג.
... אַ שטומע? — צאַפּלט אויף דעם לערערס האַרץ אין שטוינען —
סע רעדט דאָך יעדעס גליד אירס! זי אינגאַנצן איז געזאַנג!...
— גוט מאָרגן! — שמייכלט ער צוריק — באַשיידן־איידל —
אַ לערער בין איך... כ'קאָן דיר לערנען רעדן, אויב דו ווילסט;
דו ביסט אַ רעטעניש, און ווער וועט דיך באַשיידן, מיידל?
און ווער, חוץ דיר, וועט אויפדעקן דעם סוד, וואָס דו פאַרהילסט? —
דאָס מיידל טוט אַ פינטל מיט די שוואַרצע ברעמען
און טייטשט דאָס פינטלען אויס מיט אַן אָנטציקטן שמייכל קלאָר:
מע האָרף, מע מוז שוין באַלד זיך צו דער אַרבעט נעמען:
כ'זאָל קאָנען מיטן וואָרט אַרויסבריינגען די וואָר.
סע הייבט זיך אָן די לערע... זייערע געמיטער,
דעם לערערס און דער שילערינס, נעמט דורך אַ זיסער גלי.
און ענדלעך פּאַלט פון אירע ליפן, ווי אַ ציטער,
דער ערשטער קלאַנג — אַ פייגעלע אין ערשטן פלי.
סע הייבן אָן אין וואַלד שוין פייגעלעך צו שוועבן.

— פון וואַנען קומסטו? — פרעגט דער לערער. טוט אַ שמײכל איך בליק:
— איך קום פון פאָלק. דאָס פאָלק האָט מיך געבראַכט צום לעבן,
און איך דעם פאָלק וויל אָפּדאַנקען מיט גליק...
וועק אויף זיי, די חברים. ס'רופן אונדז די וועגן.
וואָס האָבן שוין די ערשטע טריט דער זונס דערשפּירט. —

ער וועקט זיי אויף. ער גייט פאָרויס. דאָס מײדל פירט.
באַשטראַלטע גייען זיי דעם אויפגאַנג פון דער זון אַנטקעגן;
אַנטקעגן מײדל, לערער, טעסליער, שניצער און
דעם שנײַדער, שוסטער גייט אַרום אַ רויטע זון.

וואַרשע, 1־טער מאַי, 1955

# אליהו הנביא און המן־סטראָפּ, ימח שמו, אין געטאָ

ווער שטערט עם המן=סטראָפּן צו שלאָפֿן?
זיין אויער שטעקט אין געטאָ, רייצט אים יעקבֿס קול,
דאָס נאַצישע געוויסן טוט אים שטראָפֿן:
„וואָס שלאָפֿסטו? מאַך דערמיט אַן ענדע מיטאַמאָל!“

דאָס געטאָ שרומפּט זיך איין אין חלום. זע נאָר —
אַ הייפֿל הייזלעך... לאָז אַרויף אויף דעם אַ טאַנק,
און שפּאַנסט צום פֿורער אונטער סוואַסטיק=פֿענער:
„צי דיין יאַרהונדערט כ'האָב געבראַכט דיר אַ געשאַנק!“

ער טוט זיך אָן און גייט אַרויס אין געטאָ:
די גאַסן שטומען אין לבֿנהדיקן ליכט;
ער הייבט אַרויף דעם קאָפּ, און דאָ דערזעט ער:
פֿון הימל שיינט אַראָפּ אַ יידיש בלייך געזיכט.

— פֿערפֿלוכטער יודע! — שרייט ער אויס פֿאַרוווּנדערט. —
ווי וואַגסטו דו שיינען נאָך דען טאָט זאָ פֿרעך, געמיין
אין אונדזער פֿירערס ליכטיגען יאַרהונדערט?!
איך שיסע דיך, דו הונד, אין דיינע אַלטע ציין! —

ער נעמט אין דער לבֿנה האַסטיק שיסן,
זי טוט זיך אַ צעצאַפּל ווי אַ טרער אין רויס;
ער קוקט אויף איר מיט האַס, די ציין פֿאַרביסן,
אויף זיינע ליפּן=ווינקלען טרעט אַרויס אַ שוים...

נאָר זע — זי נידערט ווי אַ שטראַלן־שירעם,
און אויפֿן טראָטואַר אַ שטאַלטנער מאַן בלייבט שטיין,
ער קוקט זיך שאַרף אַרום און לאָזט זיך ווי שפּאַצירן, —
אויך המן־סטראָשקע לאָזט נאָך אים זיך גיין.

דער מאַן זיך גייט פּאַמעלעך, שטאָלץ און זיכער,
ווי וו י ע ר  סע גייט אים נאָך, סע גייט אים גאָרנישט אָן;
נעמט המן־סטראָשקע נאָכשפּאַנען אים גיכער
און קאָן אים נישט דעריאָגן... וואָס זשע זאָל ער טאָן?

ער שטרעקט די האַנט און צילט זיך אין זיין רוקן:
סע וועט אים, ווי אַ פֿויגל, אָניאָגן דער שאָס;
דער יודע וועט מיט אַלע גלידער צוקן,
ווי אַ דערשאָסענער פּחדנותדיקער האָז...

ער שיסט. דער קנאַל פֿאַרהילכט דעם טויבן געטאָ.
דער מאַן בלייבט שטיין, דרייט אוים פּאַוואָליע זיך צו אים;
וויל סטראָשקע טאָן אַ רעווע: „דאָנער וועטער!“
נאָר אין זיין קעל דערשראָקן ווערט דערשטיקט זיין שטים.

דער שטאַלטנער מאַן איז שוין אַ טיפֿער זקן,
נאָר יונג און אומדערשראָקן איז זיין העלער בליק;
אָ, נישט דער יודע, ע ר גאָר איז דערשראָקן,
און ציט זיך הינטערוויילעכץ אויף אַ טראָט צוריק;

סע זידט אין אים דאָס בלוט, די חיה־רעה:
דער יודע לעבט!... ווי ס'וואָלט די קויל מיט אים געשפּאַסט...
— ווי רופֿט מען דיך? — מע רופֿט מיך אליהו...
ס'איז ערב־פּסח... בין איך ביי מיין פֿאָלק צו גאַסט..

סע טוט אַ כאַפּ זיך סטראָשקע צו זיין וואָפֿן
און שיסט אים גלייך אין ברוסט, נאָר באַלד אין איינע שרעק
דערזעט: די קויל האָט ריכטיק אים געטראָפֿן,
דער זקן אָבער טוט אַ שמייכל, גייט אַוועק.

ער גייט?... ער שוועבט, געטראָגן ווי פֿון פֿליגל,
סע גלייבט זיך גאָרנישט, ס'זאָל אַ גרייזער מאַן דאָס זיין!
דאָס שוועבט אַקעגן דעם לבֿנה־שפּיגל
אַ יונגפֿרוי!... סטראָפֿע ווערט פֿאַרשיכורט ווי פֿון וויין.

ער לויפֿט זי נאָך, פֿאַרסאָפּעט ווי אַ חיה,
אָט וועט ער זי אַ כאַפּ טאָן פֿאַר די שוואַרצע צעפּ!
זי טוט זיך אין אַ מויער אַ פֿאַרטייע...
ער לויפֿט זי נאָך אויף קרומע שווינדלענדיקע טרעפּ...

דער בוידעם... שוין!... ער וועט זי באַלד געניסן!...
נאָר זע — זי איז אַרויס שוין אויפֿן שיפֿן דאַך...
ער כאַפּט דעם רעוואָלווער — ער וועט זי שיסן!...
זי טוט אַ שפּרונג פֿון דאַכראַנד מיט אַ שטילן לאַך.

ער קוקט אַראָפּ: אין הייפֿל שטייט אַ וויגל,
און ס'לייכט דערפֿון... די פֿרוי? אַ יידיש ליכטיק קינד!
דאָס ליכט באַהעלט די גרויע מויער־ציגל,
און אונטער דעם אַ טעפּעכל פֿון גראָזן גריגט.

ער שיסט... סע דונערט, וועסעל־מעסערס בליצן;
דאָס וויגל — אַ קאַראָט מיט פֿייערדיקע פֿערד,
און... אליהו זעט ער אין איר זיצן!
זי טראָגט זיך צו די וואָלקנס איבער אונדזער ערד.

ער לויפֿט אַראָפּ — אַ חיה ביין־מטורף:
ער מוז אים אויפֿזוכן, דעם וואונדערלעכן מאַן!
ער מוז דעם יודע טייטן, דעם קשה־עורף!...
און זע — ער קומט אַנטקעגן מיט אַ יונגן שפּאַן!

ס'איז אליהו, נאָר אָן באָרד און פּאות —
אַ יונגער בחור, אַ באַוואָפֿנטער צום שלאַכט,
און טראָפֿ שפּירט: אַ שאַנדע און אַ ווי איז,
צו וואָס די פֿרעכע יודען האָבן זיך דערטראַכט!

ס'נעמט גליווערן זיין בלוט, און ער פֿאַרשטעקט זיך —
דעם פּורעם העלדישער און הינטיש־טרייער קנעכט;
ער לויערט אויפֿן קעמפֿער און... ער שרעקט זיך,
ער א י ם זאָל נישט אַ קיצל טאָן און טאָן זיין רעכט.

דער קעמפֿער גייט אַ זיכערער פֿאַרביי אים,
ער שיקט אים נאָך אַ בייזע קויל אין דעם געניק,
דער קעמפֿער, ווי ער וואָלט זיך גאָרנישט שייען,
אַ גאַנצער און געזונטער קערט זיך אום צוריק.

וואָס נעענטער ער קומט, אַלץ עלטער ווערט ער,
און באַלד לעם אים דער אַלטער אליהו שטייט
אָן וואָפֿן און אָן מורא, אַ פֿאַרקלערטער,
און שעפּטשעט שטיל: — וואָס וואַרטסטו, רשע, איך בין גרייט.

ער שיסט אַריין אין אים אַ צענטליק קוילן,
נאָר ס'טוט דער אַלטער נישט קיין ציטער מיט קיין ברעם;
אויף המן־סטראָאָפֿן דאָס לייב נעמט גרוילן:
ווע: זאָ, איז דייטשלאַנד איבער אַלעם אין דער קלעם!

— סע האָבן נישט די קוילן קיין ממשות,
צעפּטרסט, רשע, דיינע כּוחות בלויז אויף פּוסט... —
או: ס'טוט אַ בליץ אין שאַרבן אין דעם רשעס:
„איך וועל זיי אויספּרוּוון, די קוילן, אויף מיין ברוסט...“

ער שיסט און — פֿאַלט... זיין בליק ווערט טריבער, טריבער;
סע וואַקסט צום הימל אליהו, לאָזט זיך גיין
און זיין נבֿלה־קערפּער שפּאַנט אַריבער — — —
און סטראָאָפּ שטשירעט נאָך אים מיט די טויטע ציין.

וואַרשע — װראָצלאַװ. יוני, 1955



צווייטער טייל



# פון דער העברעישער דיכטונג

## משה אבן־עזרא

# עראַם־לידער

### 1

מיין האַרץ צינדט זיך אָן, און מיין בליק ווערט א שטראַל —
א הירשין פון רעכטס און פון לינקס א באָקאַל.

מיך טאַדלען א סך, גאָר די רייד בלייבן ווייט;
קום, הירשין, און בייקומען וועל איך די לייט,
סע וועט זיי פארלענגן דער טויט און די צייט.
קום, הירשין, און האַלדז מיך, און קוש מיך, און גלעט,
און לאָז מיר דיין האָניק געניסן צו זעט.

פארוואָס קערן אָפּ זיי מיין האַרץ, אָ, פארוואָס?
אויב זינד איז דער מיין פון מיין ליבן אָן מאָס
דיין פראכט — זאָל באַשטראָפן מיך גאָט אין פארדראָס!
פון די וואָס מיך פייניקן האָרך ניט די רייד
און, עקשנטע, קום, פרווו מיך אויס און באַשייד.

געפּועלט. זי האָט אין איר הויז מיך געבראכט,
פאַרלייכטערט דעם יאָך מיר, אין וועלכן איך שמאַכט,
מיר זענען צוזאמען בייטאָג און ביינאַכט.
מיר העלפן זיך אויסטאָן און האָבן זיך ליב,
זי גיט מיר צו זייגן דעם זאפט פון איר ליפּ.

ביי איר אין די אויגן זיך צאַפּלט מיין האַרץ,
אין נעץ פון דער תאווה פון לייב א פארנארטס,
זי וואַרפט עס מיר פאָר מיט א קול מיט א האַרטס
און צאָרנט: — פאַרלאָז מיך און גיי פון מיין הויז,
גענוג מיך פארפירט און געפייניקט, — אַרויס! —

אָ, צערן נישט, הירשין, מיין זעל נישט פאַרצער,
זיי האַרציק, און וווּנדערלעך ווילגעגייגט ווער,
און קוש מיך, דיין פריינד, און דערפיל מיין באַגער!
מיין לעבן און טויט איז ביי דיר אין דער האַנט —
און ווי דיר געפעלט, אַזוי ברענג עס צו שטאַנד!
וואַרשע. יוני, 1957

2

מיין סוד, וואָס פאַרהוילן אין האַרץ האָט געשטעקט,
דער שטראָם פון די אויגן דער וועלט האָט אַנטפּלעקט.

ווער, טאַדלער, אַנטשווייגן, געגוג שוין די רייד!
די הירשין — א לייב אַן עזות־פּנים, וואָס שטייט
האַרטנעקיק און מיך צו פאַרצוקן זיך גרייט;
איר גלוסט האָט די פרייד פון געמיט מיר געקאָסט,
זי האָט אויפן הפקרס באַראָט מיך געלאָזט.

די הירשין מיט איירעלע היפטן, ווען ס'ליכט
פון שקיעה באַשיינט האָט מיט ראָז איר געזיכט,
געשאָסן האָט פיילן אין מיר אומגעריכט —
די בליקן; זיי האָבן באַגזלט מיין שלאָף,
פאַרצערט מיין געמיט און פאַרצערט ביזן סוף.

כ'וועל תמיד געדענקען די גליקלעכע צייט,
ווען זי איז געלעגן לעם מיר ביי דער זייט,
ביי מיר אויפן בעט, און מיר האָבן באַנייט
אָן אויפהער די קושן אַזש ביזן באַגין, —
איך טרינק אירע ליפּן און גליקזעליק בין.

ווי איידל איר האַלטונג געווען איז, ווי פיין,
די רייד אירע — זיס, ווי זיי שלעפערן איין!
נאָר פאַלש — איר געדאַנק, ווי א בלענדיקע שיין;
זי האָט מיך פאַרפירט און גענאַרט מיט געשפּעט,
כאָטש ריין כ'בין פון זינד, דאָס געמיט מיינס דערפּלעט.

כאָטש ס'קלינגט אין די אויערן מיינע מיין קלאָג,
איך מאָל זיך אָן אויסגעבענקט גליקלעכן טאָג,
מיט פיין אין געדאַנק איך צו אים זיך פאַרטראָג:
אויב שיין וועגן איר וועל איך טראַכטן, קאָן זיין —
איך וועל איר צוריק אינעם זינען אריין.*

## 3

ביינאַכט דער שטאָלטנער שיינהייטס ברוסטן גלעט,
ביי טאָג דער שיינהייטס ליפּן קוש צו זעט!

אין דעם וואָס האַלט דיך פיר און ראָט, — פאַרטרייב,
וואָס דיר דערלייבט איז, — פרעג דיין אייגן לייב:
נישטאָ קיין לעבן אָן דעם שיינעם ווייב,
נעמסט צו זי פון גן־עדן, בלייבט דאָרט — צער,
א וועלכער מאן אויף זיין באַנער איז האר?!

דאָס בלוט פון הארץ מיש אוים מיט פרייד, און — שיין,
און אויפן טייך־ברעג פון א קרוג טרינק ווײן,
די טויבן וואָרקלען, און די האַרף שפּילט פיין,
און דו צעטאַנץ זיך, יובל, אַפּלאָדיר,
באַרויש זיך, צו דער שיינהייט קלאַפּ אין טיר.

געניס פון דער־אָ וועלט־פּראַכט, ווי סע האָט
באַשטימט דעם כהן פונעם ווידער גאָט**,
דיין טייל ווי זיינעם וויל לויט דיין באַראָט,
איר ליפּן־האָניק זויג און נאָג מיט לוסט,
ביז דו באַקומסט דאָס שענקל און די ברוסט.

---

* די לעצטע צוויי שורות זענען אויף אראביש.

** זע ויקרא ז, פסוק לד: „וואָרום די ברוסט פון אויפהייבונג און דעם שענקל פון אָפּשיידונג האָב איך גענומען פון די קינדער פון ישראל און האָב זיי געגעבן צו אהרון דעם כהן..."

יהודה הלוי

## פון די הייליקע געזאַנגען

אַז ווו זאָל איך דיך, גאָט, געפינען? —
דיין אָרט פאַרהוילן איז און הויך געשטעלט;
און ווו זאָל איך דיך נישט געפינען? —
אַז מיט דיין הערלעכקייט איז פול די וועלט!

פון סאַמע מיט פון חומר, וואָס איז טויט,
האָסט, גאָט, די ראַנדן פון דער ערד געבויט,
דו טוסט די נאָענטע באַשיצן,
מיט האָפנונג דיך די ווייטע קוקן אויס,
ווינסט צווישן כרובים אין דיין הויז
און אינעם הימל רוסטו צווישן בליצן;

פון אַלע דיינע ברואים ווערסטו געפּרייזט,
נאָר ס'קאָן קיין פּרייזונג דיך נישט גרייכן!
סע קאָן דיך נישט אַריינרעמען דער רוים,
און זיכער נישט קיין וועלבונג-הייכן!

און ווען דו שטייגסט אַרויף, מיט רחמים פול,
אויף דיין דערהויבענער און הויכער שטול,
דו ביסט זיי נענטער, ווי קיינער,
פון זייער לייב אַפילו, זייער גייסט;
דער קלאַנג פון זייער מויל דערציילט, דערוויזט,
אַז דו ביסט זייער שעפער — איינער.

איז עמעץ דאָ, וואָס שרעקט זיך נישט פאר דיר?
דיין הערשאַפט־יאָך זיי טראָגן גערן;
צי עמעץ ווענדט זיך נישט צו דיר נאָך הילף? —
ווער, אויסער דיר, וואָלט זיי דערנערן?

זאָלסט נאָענט זיין צו מיר איז מיין באַגער,
דאָס גאַנצע האַרץ מייגס רופט דיך: קום אַהער!
און לאָז איך גיין זיך דיר אַנטקעגן,
דערזע איך, ווי דו קומסט אַנטקעגן מיר;
דורך דיינע וואונדער־גבורות אָן א שיר
איך זע דיך, גאָט, אויף אַלע וועגן.

ווער זאָגן ווער, ער האָט דיך נישט געזען? —
אַז פון די הימלס־ליכטער הערט ער
דערציילן דיינע וואונדער, און מיט פאָרכט
זיי רעדן וועגן דיר אָן ווערטער.

צי זאָל צום מענטש אַראָפּלאָזן זיך גאָט,
מיט אים, זיין שאַפונג, אָפּהאַלטן א ראָט?
וואָס קאָנען אויפקלערן די קלערער,
וואָס זייער עלעמענט איז ערד און שטויב?
און דו, דו הייליקער, ביסט איבער לויב,
ביסט איבער זייער לויב און ערע!

די חיות פון די הויכע ספערן
דיין לויב די גאָרע לאָזן הערן,
און אויף די קעפּ אויף זייערע — דיין שטול,
נאָר דו טראָגסט אַלע, אַלץ מיט דיר איז פול.

שרודבאָרוווּ. יוני, 1957

## חתונה־ליד

„ווי שיין דו ביסט, ווי שיין די אויגן דיינע שיינען!
דיין גענגל — ווי וואָלסט שיכור זיין, נאָר נישט פון ווייגען!

וווהין דו קומסט נישט, שיינהייט, אומעטום
מאַכסט אונטערטעניק הערצער רונד־אַרום;
צי וועט דיין האַרץ, באַשטראָפנדיק, זיין שטום
פאַר יענע, וואָס דיך אָנצוקוקן גערן זייגען?

באַוויין, לאָז זען, שיינהייט, דיין געשטאַלט!
דיין פנים היינטער שלייערס נישט באַהאַלט
פאר א פארבענקטן בליק, וואָס דיך באפאלט.
פון דיין געשטאַלט קיין מענטשנס אויג קאָן זאט נישט ווערן! —

דיין באק איז לויטער־העל דאָך ווי סאפיר,
און זעלבסט דיין אָנבליק איז דיין שענסטער ציר.
ווי קאָן דער רייץ, וואָס שטראַלט אַרויס פון דיר,
א מענטש מיט קלאָרע אויגן זען נישט באַגערן?“

„געליבטער, וואָס צעפלאקערסט מיין באגער
פון ליבע צו געניסן, קום אַהער —
דיין וויין פון ליפן־קוש פאַרשיכורט, מער
פון טרויבן־וויין און מאַכט די אויגן פריידיק שיינען“.

חברים, טרינקט, באַרוישט מיט וויין זיך, פריינד,
אין הויז פון גדיב, וואָס מיט ייחוס שיינט,
און אויף זיין ליבן חתנס שמחה היינט
אַפילו די גזירים גיט צו טרינקען ווייגען!

ווארשע. מאַי, 1957

# עראָס־לידער

1

אַנטפּלעק אַרויס פון שלייער־הימל, זון, דיין פּנימס שיין
און מיט דיין פּראַכט ליין אויס אַ קנעכט פון שלאָפקייט און פון פּיין.

אויב ס'וויל די צייט דיך שאַנעווען, פאַרבאָרגן דיך ווי אַרץ,
באַזעץ זיך אין אַ פעסט און זיכער וווינונג — אין מיין האַרץ.
ס'וועט היטן פאַר דער צייט דיך מיין געדאַנק־געוועב מיין צאַרטס.
מיין שעפער כ'וועל פאַרגעסן, אויב — פאַרגעסן דיין געשטאַלט!
ביסט מיין באַגער, מיין לופט — קאָן שרעקן מיך דער צייטס געוואַלד?

וואָס בייזערסטו זיך אויף אַ האַרץ, וואָס הילט דיך אום אין פּיין?
ווי ביסטו מיר אַ מלאך — אויב ווי פלאַם אין מיר אַריין?
אויב ווינטשסטו זיך מיין טויט, דאַן זאָג, כ'בין גרייט אויף אַלץ, כ'גיי אַיין.
איך שווער דיר: ס'רעדט נישט פאַלש מיין מויל, זאָל האַרב זיין דיין פאַרלאַנג:
זיי גוט צו מיר, און כ'גיב דיר גאָר מיין לעבן אין געשאַנק.

ווי קאָן איך זאָרגן — אַז סע שיינט אַ זון מיר — דיין געזיכט?
דיין ליפּן־האָניק האָט מיין האַרץ דאָס שלאָפע שיר פאַרריכט,
ווען נישט דער גרים אין דיינע אויגן וואָלט מיין קרענק פאַרגיכט.
פאַרוואָס זאָל אָן געווער איך פאַלן, מיידל, דורך דיין לוסט,
בעת דיין פּנימס רויזן היילן גערן מיר די ברוסט?

ס'איז מילד און אָנגענעם די שיין־און־שאָטן פון דיין פּראַכט,
ווייל, דיך באַשאַפנדיק, האָט גאָט דערגענטערט טאָג מיט נאַכט,
די האָר אַרום דיין הערלעכקייט — אַ סקאָרפּיאָן, וואָס וואַכט.
צי טראָגסטו לויטן ווייבער־שטייגער בונטע פּראַכט, צי נײַן —
גענוג איז דיין געשטאַלט, דיין צירונג איז — דיין חן.

וואָס פעלט דיר צירונג? — אז דו ביסט די גאָרע שיינקייט, אליין!
זי וואָלט געשטערט בלויז האלדזן דיך און אויסקושן דעם האַלדז!
די שרון־מירטע דאן צעזיגגט זיך מיט געזאַנג צעשאלטס:
טו אוים דעם פערלשנור, וואָס דאַרפסטו האָבן אים, דעם ציר?
דער ציר ביסטו אליין, און דאָס דער עיקר איז ביי מיר.*

## 2

יפה־פיה, האָב מיטלייד מיט מיין האַרץ, דיין הויז דעם שטומען,
זיי וויסן: אויב דו גייסט אַוועק — דער טויט צו מיר וועט קומען;
ווען כ'וואג דיין פראכט באַטראכטן, כ'ווער פון אימה דורכגענומען:
פון דיינע באַקן לוגן קרויזן — בייסנדיקע שלאַנגען,
מיט גיפט, פון פלאם ארויסגעשארט, — זיי ווילן מיך דערלאַנגען.

זי רויבט אוועק מיין הארץ מיט אירע היגלען אויפן הארצן,
א הארץ — א שטיין, גאָר צייטיקט אוים צוויי עפל, וואָס פארשארצן
אויף רעכטס און לינקס איר קאָפטל, און ווי שארפע שפּיזן שטארצן,
די פלאַמען זייערע זיי ברענען אין מיין הארץ פונוויטן.
זיי זויפן מיט די פיסקלעך אוים מיין בלוט אָן שאנד פאר לייטן.

די שיינהייט ברעכט די געטלעכע געזעצן מיט די אויגן:
במזיד טייט מיך — צום פארענטפער ווערט נישט צוגעצויגן.
זי האָט אַ לייבן־הארץ און פון אַ הירשל — ברעמען־בויגן! —
געוווינטע צו פארצוקן ווי א לייב און שאַרפן פיילן,
וואָס נאָגן אוים מיין בלוט און מיך צום שטאַרבן איילן.

סע טרעפט: איך יובל, ווי א שיכור, ווייל איר ליבע ווייז איז,
זי שיקט מיר אָפטע גרוסן און באַגלייט זיי אויך מיט טענות
דורך די שליחים; ווי זי בעט זיי, און איר טאָן ווי פיין איז:
„דערציילט, מלאָכים גוטע, גו, דערציילט און חזרט איבער“.
ס'מאַכט זייער וואָרט מיר ווייך דאָס האַרץ, באַגייאונג לעב איך איבער.

* די לעצטע צוויי שורות זענען אויף אראביש.

סע טרעפט: אַרום די היגלען אירע מײנע הענט זיך שאַרן,
זי טוט א זאָג: „הער אויף — צי האָסטו װײניק נאָך דערפאַרן ? —
און אירע שמײכלענדיקע װערטער מיר דאָס האַרץ צעשפאַרן —
באַריר מיך נישט, װײל װער סע טוט עס מיר, כ'װעל יענעם מײדן.
מײן ברוסט איז צאַרט און פײן,געװוג, איך קאָן עס נישט פארלײדן".*

3

כ'װינטש גוטס מײן שײנעם מײדל, כאָטש זי ברענט מיר מיט איר פײער!

מײן שײנהײט, װי די זון אין אויפגײ־שטראַלן —
איר שײדונג האָט צעבלוטיקט מיר מיט קראַלן:
צי בין איך דורך איר אורטײל שוין פארפאַלן,
צי טײטן מיך געשװױרן האָט איר מויל, װאָס איז מיר טײער?

ס'איז אָפּהענגיק דאָס לעבן פון איר װילן,
זײן כוח װאָלטן טויטע אויך דערהפילן,
די װערטער אירע — פול מיט חן מיט שפילן,
װי לויטערער קריסטאַל, װי אירע שורות צײן די פײנע.

רויטהאָריק, פאַר דײן שײנקײט זיך צו בוקן —
װי קאָנסטו װי א לײב באַפאַלן און פאַרצוקן?
און אויף דעם אומשולדיק געטײטן קוקן?
כ'בין אומװערטיק אין דײנע אויגן — טריפן טרערן מײנע.

אויף דײנע באַקן מײנע עדות שטײען —
מײן בלוט... דו װילסט, און מענטשן עס פאַרשטײען,
כ'זאָל אויסגײן פאַר דער צײט אין ליבע־װײען, —
דעם חטא װעסטו נישט פאַרבאָרגן, קײן פאַרצײונג נישט באַקומען!

כ'דערמאָן זיך יענעם טאָג, זי האָט באַשלאָסן
מיך אויפצולעבן — און איך האָב גענאָסן:
מיט עפּל צװײ זי האָט דערקװיקט איר חתן, —
אָט די, װאָס האָבן מיך אַמאָל מיט שפּיזן דורכגענומען.

---

* די לעצטע צװײ שורות זענען אויף אראביש.

דעם גאנצן טאָג אַרומגעהאלדזט געליגן,
צו שקיעה האָט זי זיך ארויסגעקריגן,
פארלאָזן מיך און ביטער וויגעשריגן... *

4

די נאכט, ווען ס'האָט דאָס שיינע מיידל מיר אַנטפּלעקט
איר זוניק פּנים מיט איר רויטן שלייער האָר,
וואָס ווי רובין איר שלייף־קריסטאָל מיט זיך פאַרדעקט, —
געווען איז זי געגליכן צו דער זון קאיאָר,
וואָס שפּיזט אדורך מיט שטראל די דעמער־וואָלקנס הויט
און פּילט זיי אָן מיט פלאַמיק־שיינענדיקן רויט.

5

דיין רייץ האָט מיך פאַרוווּנדעט, ווייטער פיר דעם קריג —
מיט שיידונג ציגנד די ליידנשאפט אין מיין געביין;
איך האָב דיך שוין דערעסן — ציל אין מיר דיין שטיק,
מיין לעבן האָט דערעסן אויך שוין מיר אַליין!

באַהנטע פריינדין, ס'איז מיר שלעכט צו זיין דיין פאנג —
דערנענטער זיך, דעם שיידונג־וואָגן ווייט פאַרשיק,
פארטויש מיין פיין־געלענער אויף געגוס און דראנג —
דיין ליבהאָבער מיט האָניק און מיט מילך דערקוויק!

6

סע וואַשט מיין שיינהייט אויס איר קלייד אין מיינע טרערן
און פאַר איר לויטערקייט צעשפרייט, ס'זאָל טרוקן ווערן:
צו מיינע אויגן זענען איבריק קוואלן, און
צום גלאנץ פון אָנבליק אירן דאַרף זי נישט קיין זון.

---

* דער טעקסט פונעם וויגעשריי פון דער געגאַרטער האָט זיך נישט אוונ־
געהיט. ווארשיינלעך איז ער אויסגעדריקט געוואָרן אויף א פרעמדער שפּראַך,
ווי ס'איז געווען דער אייגפיר אין לידער פון דעם מין.

### 7

חאָסט, שיינהייט, מיך געפאַנגען און אין מאַטערניש געלאָזט מיך פרייען,
פון אונדזער שיידונג אָן געפין איך צו דיין שיינקייט נישט קיין גלייכן;
כ׳געניס או עפּל: שפּיר דיין אָטעם אין זיין ריח דעם געשמאַקן,
דיין ברוסט — אין פאָרעם זייגער, אין זיין הויט — דאָס רויטס פון
דיינע באַקן.

וואַרשע. מאַי, 1957

עמנואל הרומי

## ליד וועגן די דאמען פון דער הויכער געזעלשאפט

(פריי איבערגעדיכטעט מיט אויסגעלאָזטע פערזן)

ווער ס'האָט איינגעשאַפן זיך אַ ווייב,
דער האָט אויסגעשטעלט זיך אויף נסיון,
תמיד וועט ער טראָגן אויף זיין לייב
שאַנד און אומפאַרגעסלעכן בזיון.

ווי אַ שלאַנג, צו בייסן איז זי גרייט,
און געפערלעך איז איר ביס דער קלענסטער;
היט זיך, ווען איר שמייכל דיך באַגלייט
דורך דער פאָרטקע אָדער דורכן פענצטער!

זע, איר בליק איז מיידלש, ריין פון זינד,
און דורך זינד זי גייט אַ מאַמע ווערן;
טויב — איר אויער, און די אויגן בלינד
צו די ליבהאָבערס געבעט און טרערן.

בעטסט און טענהסט איין מיט איר — אומזיסט,
נישט געהאָרכן איז שוין איר רגילות,
דיינע שטראָפרייד וואַרפט זי אויפן מיסט,
גערן הערט זי, ווען מע טרייבט רכילות.

ס'וואַרפט נישט אָן אויף איר קיין שרעק דער טויט,
ווייל פאַר איר דאָס לעבן בלויז אַ וואָר איז;
אירע דינסטן, קינדער פון דער נויט,
שיקט זי אין די בעטן פון די שררות.

אוי, איר פּאָטערס קאָפּ פון זאָרגן דאַרט,
אומרו נאָגט אים תּמיד די געהירן:
ווען זי איז נאָך יונג, נאַאיוו און צאַרט —
טאָמער וועט מען זי מיט רייד פאַרפירן;

אויסגעוואָקסן — טאָמער, גאָט באַהיט,
ווערט זי פון אַ פּראַנט, אַ שר באַצוווּנגען;
רייף געוואָרן, ס'ברויזט איר בלוט און גליט —
טאָמער טרייבט זי זנות מיט בלאַטע יונגען;

גיט ער ענדלעך שוין די טאָכטער אויס —
טאָמער וועט זי נישט קיין קינד געבערן,
שלעכט זיין צו די קינדער, ווי אַ שטרויס, *
אויף דער עלטער אַ מכשפה ווערן,

דער לבנהס געטלעכע געשטאַלט
דינען מיט געשענק פון קוכן־שפייזן;
האָט זי חתונה, פאַרלאַנגט זי באַלד: •
שפּיגל־טעצלעך, וואָס איר פּראַכט באַווייזן,

טייערן פּערפום אין איידל גלאָז,
טיכער לייַנענע און שטערנבענדער,
אָרעמבענדער, רינגען פאַר דער נאָז,
שלייערס, פּערל פון די ימים־לענדער,

בראַנדזעלעטן, אויסגעאַרבעט פיין,
האַלדזבענדער באַוווּנדערונג צו וועקן,
הויבן, דעקטיכער פון פאַרב מיט שיין,
זאַלבן, בשמים, וואָס די לופט באַשמעקן.

---

* לויטן תנ"ך איז די מוטער־שטרויס אַן אכזר צו אירע עופעלעך.

און דערפֿאַר איז שווין פֿון לאַנג באַוווּסט
פֿון די לידער־ביכער פֿון פֿאַרצייטן,
אַז דער פֿרוים פֿאַרשווּנדערישער גוסט
איז די סיבה פֿון דער נויט ביי לייטן.

— — — — — — — —
— — — — — — — —

בויגנשיסער, נענטער קומט און הערט,
איילט אייך אַלע איר, וואָס שילדן טראָגן,
שלייפֿט די שפּיזן, שאַרפֿער שאַרפֿט די שווערד,
טוט זיך אָן די פּאַנצערס און — נעמט שלאָגן!

זשאַלעוועט קיין פֿיל נישט פֿאַר קיין האַרץ,
העלדזער שניידט אָן מיטלייד, אומגעבויגן,
שליידערט אינעם תהום — פֿון פֿעלדזן־שטאַרץ,
מאַמעס פֿאַר די קינדער אין די אויגן!

נישט צו הילף זיי שטייען ביי דער זייט,
נאָר מחלוקת, קריגעריי צו צינדן,
פּאַסטקעס זענען זיי צו יעדער צייט,
דערנער, שטעכלקעס די הויט צו שינדן;

זייער זינדיק בלוט — געמישט מיט סם
פֿון צערייצטע הונגעריקע שלאַנגען;
אַז פֿון הונגער שרעקט זיי נישט דער טעם,
און קיין נעץ באַדראָט זיי נישט צו פֿאַנגען;

פֿאַר די מאַנען האָבן זיי בלויז שפּאָט,
בלאַטע יונגעלייט צו זיך זיי פֿירן,
און וואָס אונדזער מי געשאַפֿן האָט,
זיי פֿאַרשווענדן לייכט אויף סווענירן;

זעט, זיי בליען, ווי עס בליט אַ רויז,
פֿרייען זיך צעיאַכמערטע, צעזונגען,
פֿעלען זויבער־ריין (פֿונדרויסן בלויז,
אינערלעך — מיט טומאה דורכגעדרונגען,

אַז עס וועלן זיי נישט וואַשן רייַן
קיין שום וואַסערן און זייפֿן־שוימען);
בעטן עבענע* מיט עלפֿנבייַן
היטן זייער פֿוילקייט, שלאָף און טרוימען;

ס'עקלען זיי די מאַגנען, און געגנוס
זוכן זיי בייַ דינער, די מאַטראָנעס
פֿאָדערן קיין לוין נישט פֿאַרן זנות,
אדרבה, שענקען נאָך מתּנות.

וואָס מער זאַלבן! נאָר! ס'איז נישט גענוג!
וואָס מער איילן זיך דאָס לייַב צו שמירן!
און אין שיך פֿון פֿעל פֿון אַ באַרסוק
און אין טראַכטן ווייסע זיי זיך צירן;

רינד־פֿיס און געפֿליגל עסן זיי
פֿעט־געשטאָפּטע, מלכותדיקע שפּייַזן,
טרינקען ווייַנען, משקאות אַלערלייַ,
מיט דעסערטן איידעלע פֿאַרבייַסן;

ליגן אין די בעטן לאַנג און פֿויל,
בראָטן אַפּעטיטלעכע קאַשטאַנען,
נאָר די בייַכער זענען אַלץ נאָך הויל —
פֿאַר פּיסטאַשקעס איז נאָך פּלאַץ פֿאַראַנען;

ווערט וואָס קאַליע, איז די שכנים גליק,
ס'קומט זיי מיט די שרייַען אָן צוזאַמען;
איצטער רופֿט מען קלעזמער, און מוזיק
ביז אין שפּעטער נאַכט פֿאַרווייַלט די דאַמען.

— — — — — — —
— — — — — — —

---

* פֿון עבנהאָלץ.

הערט, איר קי פון בשן *, הערט מיר אוים,
טעכטער פון טעוועלטיקער־פאַרשווינגען!
אייך צו אַ וויכוח כ׳רוף אַרוים,
כ׳וועל די גדלות אייערע נישט שווייגען.

מיינט נישט, כ׳רעד אַזוי, ווייל איך אַליין
האָב אַ קריגערישע פרוי באַקומען,
מיינע איז אַ שיינהייט, לויטער־ריין,
כ׳האָב זי פון אַ היים אַ גאָבעלער גענומען.

זי אַ גאָרטן איז, וואָס האָט אַ צוים,
זי — אַ גאָרטן־קוואַל פאַרזיגלט אויבן;
ס׳איז איר האַלדז ווי עלפנביין און שוים,
ווי אַ טורעם; אירע אויגן — טויבן;

אירע ציין — מיט פערל־בלענד געדעקט,
האַרמאָנירנדיקע, ווייסע, קלאָרע;
האָניק טריפט איר פונעם מויל און שמעקט,
אירע ליפן — רויטע רויזן, וואָרע;

טוט זי אַ צעשמייכל זיך, גייט אויף
בליעכץ אויף איר מויל דעם בלענדיק־שיינעם,
נעמט זי רעדן, טוען זיך אַ שפיל צונויף
פייפעלעך און גלעקעלעך אינאיינעם.

ווי אַ מילגרוים־שטיק איז יעדער שלייף
פון איר שטערן, פון איר רונדן וווּנדער;
זי דאָס הויז באַוואָרנט האָט פאַר שניי,
גוט באַקליידעט יעדערן באַזונדער.

קאָן מען שילדערן איר פראַכט? אָ, ניין!
די פאַנטאַזיע קאָן זי נישט דערמעסטן;
זי איז פרעכטיק, שיין און מלא־חן,
אַלע חנען אין איר חן זיך נעסטן;

---

* אַ תנ״כישער אויסדרוק.

אַלע רייצן האָט זי אין געשאַנק,
כ'גיי איר נאָך, וווהין זי טוט זיך קערן;
אויף איר שוים עס דרימלט מיין געדאַנק,
שלאָפט, און קיינער, גאָרנישט וועט אים שטערן.

עמנואל. מיין געבורט־שטאָט — רוים.
אַ ראָמאַנער לויטן פאָלק. אַ שילער
פון פאָעטן. כ'בין געגאַן אין צוים
פון רבנים, אַ באַשיידן־שטילער
און געפאָלגט זיי אַלע גרויס און קליין.
פיר איך אויס לסוף אין זייער נאָמען:
אז אַ פרוי זאָל בלייבן ערלעך־ריין,
איז אַ שמירה בלויז איר העסלעך פּנים.



## חיים נחמן ביאליק

# זי האָט אַ בריוול מיר געשריבן

זי האָט א בריוול מיר א קליינס געשריבן,
און סע שטייט אין בריוועלע אזוי צו זאָגן:
„דאָס אלץ וואָס ס'האָט אזוי געליבט מיין זעלע,
דאָס אַלץ וואָס ס'האָט מיין גייסט אַזוי געצערטלט,
וואָס איז געווען פאר מיר דער קוואל פון לעבן,
דאָס שטרעבן פון מיין הארצן און מיין גלויבן, —
צי איז דאָס אַלץ, מיין פריינד מיין האַרצגעליבטער,
מיין לעבנסשפרודל, זעל פון זעלע מיינער,
צי איז דאָס אלץ געווען א בלויזער חלום?...

דו האָסט פארגעסן? ניין, דו וועסט נישט קענען!
דו וועסט נישט וואגן צו פארגעסן קיינמאָל
אָט דאָס וואָס האָט א לעבנסאָטעם איינעם
אין וועזן אונדזערן אַריינגעבלאָזן;
האָט אָנגעצונדן איבער אונדז אין הימל
איין זון וואָסביידן אונדז די קעפּ באַלייכט זי;
וואָס האָט איין גינגאָלד־חלום אויסגעגאָסן
אויף אונדזערע באַהאָפּטענע געמיטער...
אָ, ניין! דו וועסט נישט אויסשטרעקן די פינגער
און נישט דערוועגן זיך די בלום צו רייסן,
וואָס גאָט אליין אין אונדזער הארץ פארפלאנצט האָט“...

איך לייען אָט דאָס בריוועלע דאָס קליינע,
און ווי א האנט אן איידעלע און צארטע
קריצט אוים מיר אויפן קיזלשטיין פון האַרצן

און אָפּשריפֿט פֿון די ווערטער אינעם בריוול:
„אָ, ניין! דו ווייסט ניט אויסשטרעקן די פֿינגער
און ניט דערוועגן זיך די בלום צו רייסן,
וואָס גאָט אליין אין אונדזער האַרץ פֿאַרפֿלאַנצט האָט“.

און פֿון דעם גאָלד פֿון שיין פֿון לויטער־העלער,
וואָס פֿלייצט אַריין בשפֿע דורכן פֿענצטער
אין צימער פֿון מיין הויז, שטייט אויף אַ צווייט מאָל
איר שטאַלט אַקעגן מיר צעשטראַלט־צעלויכטן;
אָט איז זי אין איר סאַמע לויטער שלמות:
א לופֿטיקע, אויף פֿליגעלעך פֿון ווינט געטראָגן,
און ווי א פֿאַרביק פֿלאַטערל צעשימערט,
אַדורכגעזאַפּט דורכויס מיט שיין און גלאַנצן,
ווי גלייך פֿון שיין פֿאַר שיין איז זי באַשאַפֿן..
אָט זענען זיי די אויגן, אירע אויגן —
א צווילינג טויבן, פֿולע מיט מנוחה,
און פֿון דער טיף פֿון די שוואַרצאַפּלען לייכט זיך
א סוד־סודותדיקע שיין פֿון פֿרידן,
א שיין פֿון מילדקייט און פֿון לויטער שטרעבן.

און אין דעם גאָלד פֿון שיין פֿון לויטער־העלער
סע שטעלן זיך אַקעגן מיר אַצינדער
די אויגן מיט א מאָנענדיקן פֿירהאַלט
און מיטן שטילן פֿירהאַלט מיך דערשלאָגן;
זיי קוקן שווייגנדיק מיך אָן און פֿרעגן:
אוי־וויי! צי איז דאָס אַלץ געווען, מיין ליבער,
פֿאַרפֿירערישער כּישוף בלויז און חלום?

אָ ניין, מיין תּמימותדיקע! כ'האָב געליבט דיך
און כ'וועל אויך ווייטער אויפֿריכטיק דיך ליבן.
און אויב איך האָב פֿון דיר אַוועקגעקערט זיך —
איך האָב געטאָן עס טאַקע מחמת ליבע:
ביסט צופֿיל לויטער, זאָלסט מיר זיין אַ פֿריינדין,
ביסט צופֿיל הייליקע מיט מיר צו הויזן;

דו זײ פֿאַר מיר אַ געטרײַער און אַ מלאָך,
איך װעל מתפּלל זײַן צו דיר, דיר דינען;
אָ, זײ מיר אַ געדעכעניש אַ הײליקס,
גײ אױף און שײַן מיר דורך דעם זונליכט
און װינק אַראָפּ מיר פֿון אַ הימלשטערן,
דו רוף מיך דורך דעם קלאַפּן פֿון מײַן האַרצן
און ציטער אין אַ טרער אױף מײַנע ברעמען... ·
נײַן! גאָט האָט מיך צו דינען דיר באַשאַפֿן!
מײַן טרער אום האַלבער נאַכט, מײַן זיפֿץ דער טיפֿסטער,
דאָס דופּקן פֿון האַרצן און מײַן אָטעם,
װי אױך מײַן חלום שװין דער סאַמע לעצטער —
זײ װעלן זײַן דאָס די קרבנות מײַנע,
װאָס כ'װעל דיר ברענגען ביז מײַן לעצטער רגע.

(תרנ"ז) װאַרשע, דעצעמבער. 1956

* *
*

אָט די הונגעריקע אויגן, וואָס מיט חוצפּה מאָנען,
אָט די ליפּן דורשטיק-הייסע, וועלכע בעטן: קוש אונדז!
אָט די שמאַכטנדיקע הירשעלעך, וואָס רופן: פאַנג אונדז!
די געהיימע תאוות, אומגעזעטיקט ווי דער קבר;

אָט די גאַנצע שפּע קערפּער, וואָס מיט גלוסטונג פול איז,
אָט דאָס גאַנצע לייב, די אַלע פליישן, וועלכע האָבן
מיך געשטאָפּט פון קוואַל פון לעבנסלוסט און פאַרגעניגנס —
ווען זאָלסט וויסן, שיינהייט, ווי זיי זענען מיר דערווידער.

איך — א לויטערער, מיט נישט צעשטורעמטע געפילן, —
האָסט אויף מיר געטון אַן אָטעם, און איך בין פאַרשמוציקט.
איך — א נאַריש יינגל, האָב צו דיינע פיס געוואָרפן
מיין נאַיווקייט, ריינעם גייסט און אַלע יוגנט-בלומען.

בלויז א רגע איבערגליקלעך, כ'האָב געבענטשט דיין דלאָניע
פאַר דעם צוגעטיילטן ווייפן זיסן פאַרגעניגן;
פאַר א רגע תענוג, גליק און פרייד איז אומגעקומען
מיר א וועלט... ווי טייער כ'האָב באַצאָלט פאַר דיינע פליישן!

וואַרשע. דעצעמבער, 1956

# פרימאָרגן־מלאָכימלעד

צי שוואַלבן־געצוויטש, צי אַ קוש פון מיין מאַמען
רייסט איבער מיין שלאָף מיטן טרוים, וואָס מיך קוויקט? —
כ׳וואַך אויף, און אַ שטראַלן־געזעמל צוזאַמען
אַ שמייכל מיר אין פנים, בלענדט אויף אין מיין בליק.
נאָך הענגען מיר נאָך אויף די ברעמען די צווערן
פון טרוים, און זיין מלאך זיך שאַרט ביים סופיט —
און ס׳רוישט דער פרימאָרגן שוין, הויך לאָזט זיך הערן
ווי ס׳וואָלט אונטער וואָגנס דער בריק זיך צעשיט.

די פייגלנעסט איבער מיין לופטשיק דערוואַכט זיך,
מע חברט זיך, צווייטשערט „צווי־צוויץ" אָן אַ שיר,
אין שיין־גלאַנץ פרימאָרגן־מלאכימלעך, דאַכט זיך,
מיט לייכטזין באחנטן זיך חנדלען צו מיר.
זיי טאַנצן און בלישטשען צעשטיפט, פריילעך־פיסיק
און קלאַפּן, ווי טייבעלעך, אָן אין מיין גלאָז,
זיך יאָגן, פאַרגייען אין ליכט, וואָס איז פליסיק
און פלייצט און פאַרפלייצט מיך אָן שיר און אָן מאָס.

צעשטראַלט די געזיכטער, זיי וויגקען און פינטלען:
„קום, שטיפער! צוזאַם לאָמיר גלאַנצן מיט שיין!
מיט קינדערשע פרייד זיך צעלאָזן און ווינטלען,
און שפּריצן מיט ליכט, ווו מיר וועלן נאָר זיין:
אויף הערעלעך שאָרסטקע פון זאַנגענע קעפּלעך,
אויף יינגלשע לאָקן און מיידלשע צעפּלעך,
אויף וואַסערן גלאַטע, אויף כוואַליעס אין שוים,

אויף קינדערשן שמייכל געבוירן אין טרוים,
אין האַרץ פון אַ האַרציקער מאַמען, אין טויען,
אויף באַקן פון יונגע יפֿה־פיות פרויען,
אין טרער פון אַ קינד, אין אַ שפּריצל פון גלאָז,
אַ שמעטערלינגס פליגעלע, זייפענעם בלאָז,
אין קופּערנע קנעפּלעך, אין סטראָפעס פון לידער —
קום, שטיפער: סע וואַרטן צעשטראַלט דיינע ברידער!"
ווי פינטלען און ווינקען, די אויגן צעגלאַנצט,
סע לייכטן און לייכטן די קליינע געזיכטער,
די לויטערע פליגעלעך פאָכען צעטאַנצט,
ס'צעצינדט זיך מיין פּנים מיט וואַרעמע ליכטער...
ווי ס'ציטערט דאָס האַרץ... ווי מיין בליק איז צעטרייצט —
מיין גאָט! ס'האָט דאָס ליכט מיך אינגאַנצן פאַרפלייצט!

סע קנייטשט זיך מיין ווייס־בלאַנקער לײַלעך אין וואַרטן —
מלאכימלעך לויטערע, קומט אין מיין בעט!
קומט שפּרינגט אויף מיין הויט, אויפן לייב אויפן צאַרטן!
מיר וועלן זיך שפּילן און שטיפן ביז שפּעט.
קומט העלט אויף די ליפּן, די ווייעס, די קרויזן,
די חן־גריבלעך, אין די שוואַרצאַפּלען טיף־טיף;
אוי, זויבערט מיך, דרינגט אין מיין האַרץ דאָרט צו הויזן
און זינקט אין מיין זעל און באַלייכט זי צעשטיפט! —
ס'באַפאַלט מיך אַ זיסער באַגער און אַ דרימל,
און ס'ווערט יעדער אָדער — פון לוסט אַ קאַנאַל...
דאָס האַרץ שטראָמט אַריבער די ברעגן צום הימל
און טוט אַ צעפלייץ זיך — פון בלענד־ליכט אַ קוואַל...
איך עפן די ברעמען און שליס אַ געדרייצטער —
מיין גאָט! כ'בין אינגאַנצן פון ליכט אַ פאַרפלייצטער!

(סיון תר"ס) ווארשע, יולי, 1956

# בעתן עפענען דאָס פענצטער

שוין עטלעכע טעג, ווי די זון שפּראָצט גאָר אויף אַ דערוואַכטע,
זיך פּעדערן שטראַלן צו אונדזערע לאָדנס פאַרמאַכטע
און לאָקערן שעמעוודיק, ביזקל זיי דרינגען אַריין.
זיי כאַפּן באַשיידן אַ בליק אין מיין חדר אין שוואַרצן,
אַ בשורה פון ג אָ ע נ ט ן  יום־טוב קלאַפּט שטיל אין מיין האַרצן:
שטיי אויף שוין, דו פּעטער: סע האָט זיך באַוויזן אַ שיין!

אַ שיין־שטעגל איז אויף מיין בעט זיך בשתיקה געקומען...
נאָר איידער כ׳שטיי אויף — האָט די זון שוין איר סצעפּטער פאַרנומען,
די שטראַלן — צעבראָכן, דאָס שטעגל — פאַרטונקלט, פאַרגייט...
ווי פריער, מיין צימער פאַרהילט איז אין שאָטן אין שוואַרצן,
אַ קלאַנג פון אַ יום־טוב אַ  נ ד ח ה  קלינגט טעמפּ אין מיין האַרצן
און ליידיקט עס אויס אומדערוואַרט פון דערוואַרטונג און פרייד...

נאָר היינט אינדערפרי, ווי איך טו אַ צעעפן דעם לאָדן,
פליצט פלוצעם אַריין, ווי פון קוואַלן פאַרשפּאַרטע אין באָדן,
אַ ווירבל פון ליכט אין מיין חדר און ברויזט אויף די ווענט...
סע שמייסט מיר און שמייסט מיר אין פּנים דאָס ליכט מיט די שטראַלן,
אין האַרצן צעוואַכטן זיך עפענען אויף מייגע קוואַלן
און קוועלן אַ שפע פון ליכט, וואָס צעשטראָמט זיך מיט בלענד...

מיין גאָרטן פאַר מיר שטייט צעשימערט, צעשמייכלט, צעהייטערט,
און אויבן דער הימל העגנגט לויטערער, העכער, דערווייטערט,
די קילקייט פון פרילינג אַ וואַל נאָך אַ וואַל הייבט זיך אויף
פון שוואַרצערד, וואָס האָט זיך דערוואַרעמט און פייכטער און ווייך איז,
פון ביימער, וואָס בליען און דופטן מיט זשיווע־ריחות,
פון טוי און פון ווינטלעך, וואָס שטיפן אַרום אין געלויף.

און בלאָקן פון וואָלקנס אויף בלאָקן פון וואָלקנס באַזאַכטע
זיך ציען אין הימל. זיי ציען און שווייגן פאַרטראַכטע,
און נאָר אין דער הייך, וווּ ס'דערגרייכט נאָר דער בליק אינעם רוים,
דאָרט שפּרייטן זיך לויטערע וואָלקנדלעך, געפּעלעך ווייסע זיך רירן —
געהאַקטע פון איידעלן מירמל, פון שיין און סאַפּירן,
ווי שערבלעך פון כּסא־הכּבוד צעשאָטן אין תּהום...

די וועלט איז ווי נײַ: אָט די לויטערע זון אַזש צום גאַפן,
די בלאַנקיקע ערד האָט דער אייבערשטער הײַנט ערשט באַשאַפן...
אויך ווײַסקייט פון ווענט און אויך שימער פון דעכער פאַרשאַפט
מיר נחת און פרייד, איך וויל יעדן באַגריסן און בענטשן,
סע פייערט זײַן יום־טובֿ מײַן האַרץ, ס'איז ברייט־אָפן פאַר מענטשן —
דעם יום־טובֿ באַשטימט האָט אַ ליכטיקע געטלעכע קראַפט!

און ליכט האָט געטאָן דורכן פענצטער אַ פלייץ אין מײַן צימער:
די ווענט און דער דיל, אַלע ווינקלען זיך טרינקען אין שימער,
דאָס בעט איז פאַרשוווּנקט, און מיט גאָלד פילט זיך אָן יעדע לאָד... —
באַשעפער, ווען דו וואָלסט באַהאַנגען דעם הימל מיט זיבן אַזש זונען,
מײַן זעלע, פאַרשיכּורט פון זון, וואָלט קיין זעט נישט געפונען —
פאַרמער זשע, באַשעפער, דאָס ליכט דײַנס, גיב נאָר!

(תּרס"א) וואַרשע. אויגוסט, 1956

# אליין

ס'האָט אַלע פאַרטראָגן דער ווינט, און פאַרבאַפּט האָט דאָס ליכט,
א בייע מעלאָדיע — דערפריײט זייער לעבנס באַגינען;
און מיר, יונגן פויגל, קיין איינער שוין מער נישט געדענקט —
מיך טוליען די פליגל דער שכינהס.

אליין כ'בין פאַרבליבן, אליין בלויז, און איבער מיין קאָפּ
דער שכינהס צעבראָכענער פליגל מיט צאַפּלעניש פּאָכעט.
סע ווייסט איר געמיט, מיין געמיט, און סע ציטערט איר זעל
פאַר מיר, איר באַהאַרצטן בן־יחוד.

פון ווו נאָר א ווינקל פאַריאָגט, איז פאַרבליבן איר בלויז
אַן ערטל אַ קליינינקס, אַ וויסטס און פון לייטן געמיטן —
ס'בית־מדרש — זי האָט זיך פאַרהילט מיט זיין שאָטן, און איך
איניינעם מיט איר האָב געליטן.

און טרעפט זיך — מיין האַרץ נאָכן פּענצטער גייט אויס, נאָכן ליכט,
און אונטער איר פליגל ווערט ענג מיר, סע שטיקט מיך די נאָרע,
לעגט אָן זי איר קאָפּ אויף מיין אַקסל, און ס'טריפלט איר טרער
און פאַלט אויף מיין בלעטל גמרא.

שטיל וויינט זי לעם מיר און מיך צערטלט, אַזוי ווי געוואָגלט
א שוץ מיט איר רעכטן צעבראָכענעם פליגל מיר גיבן:
ס'האָט אַלע פאַרטראָגן דער ווינט, ווי אויף פליגל, ווייט־ווייט,
און איך בין אליין דאָ פאַרבליבן..."

און אָט אין דעם שטילן געוויין, אין דער זודיקער טרער
מיין אויער געהאָרכט האָט א סוף פון א גרייז־גרויער קינה,
אַזוי ווי א תפילה, געבעט מיט געציטערער געמישט —
און כ'וויין מיט דער שכינה.

(תמוז, תרכ"ב) שרודבאָרגוו, יולי, 1957

## כ'האָב נישט געכאַפּט די שײַן פֿון הפקר

כ'האָב נישט געכאַפּט די שײַן פֿון הפקר,
אויך ווי אַן אַרבּ זי נישט געקראָגן.
פֿון פֿעלדז פֿון אײגענעם געהאַקט זי,
פֿון אײגן האַרץ זי אויסגעשלאָגן.

מײַן האַרץ פֿאַרבאָרגט אַ פֿונק אַ קלײנעם —
נאָר גאָר אינגאַנצן איז ער מײַנער,
אים נישט געבאָרגט, געשלעפּט פֿון קײנעם —
פֿאַר מיר, און מיר בלויז, היט זײַן שײַן ער.

און ברעכט דער האַמער פֿון די לײַדן
מײַן האַרץ, מײַן פֿעלדז, אויף בראָך און שפּליטער,
דאַן טוט דער פֿונק אַ שפּריץ אין אויג מיר,
און פֿון מײַן אויג — אין ליד מײַנם פֿליט ער.

און פֿון מײַן ליד צו אײַך אין האַרצן
אַנטלויפֿט, צינדט אָן, פֿאַרשווינדט אין פֿלאַמען,
און איך טו צאָלן פֿאַר דער שריפֿה
מיט גאָר מײַן פֿעטס און בלוט צוזאַמען.

(תרס"ב) לאָדזש. 1947

# א פלאַטערל

די גאַנצע וועלט אין ליכט און אין געזאַנג זיך באָדט,
און אוצרות לעבן נישט געדאַכטע רונד־אַרום זיך רעגן,
און אויפן שטעגל צווישן וואַלד און פעלד, פון שטאָט
מיר גייען ביידע שווייגנדיק דער ווייט אַנטקעגן.
מיר גייען, גייען, און ס'פאַרהאַלט אונדז נישט קיין צוים,
סע רינגלען זאַנגען אונדז אַרום, און פלאַטערלעך באַגלייטן,
מיט שפּיזן גאָלד באַגעגנט אונדז אַ יעדער בוים,
און ביימער־קרוינען שאָטנס פאַר אונדז שפּרייטן.

אַ כרוב, אַ וואָלקנדל האָט דאָרט פאַרביי־געשוועבט פון אויבן?
אויך ער אין ווייטע לענדער איז אַוועק גאָר שנעל
און מיינעם אַ געדאַנק, ווי ער געלייטערט און דערהויבן,
ער האָט אַוועקגעטראָגן אויף זיין אַקסל. העל
שפּרייט ווידער זיך דער הימל, בלוי אָן סוף דער רוים איז,
דו גייסט פאָרויס, און איך נאָך דיר פון הינטן גיי,
מיט פולע תבואות רונד־אַרום זיך שפּרייטן די מקומות,
און ווי אין דיינע אויגן...קלאָר איז אַלץ אין זיי.

אַ רגע דאַכט זיך מיר: אָט יענער וואַלד,
וואָס טונקלט און זיין קילקייט בלאָזט אַנטקעגן,
פון גאָר פאַרצייטנס אָן אין זיך באַהאַלט
אַן אוצר סודותפולע ערטערלעך פונאַנדערזערטוועגן...
ווי פלוצעם טוען זיך די זאַנגען אַ באַוועג —
אַ שטראַלן־ציטער אויפן אָקעאַן פון ברעג צו ברעג.
אוי, ווער האָט אונדז באַשאָטן מיט אַזאַ מין שפע שגיי —
פון פלאַטערלעך פון ווייסע אַן אַרמיי?...

א פלאַטערל פארפלעכט זיך, ווי א בלימל, אין דיין צאָפּ,
וואָס הענגט דיר ביזן פּאסיק מענצלדיק אראָפּ,
און ווי ס'וואָלט ווינקען: בחור, ריר זיך
און טו אַ קוש זי; גלייך צו מיר זיך..
נאָר דו — צי האָסטו אונדז, דאָס פלאַטערל און מיך, דערפילט?
דערשפּירט, אז אויך מיין זעלע איז געפאנגען
און צאפּלט, ווארטנדיק אויף רעטונג, אויפגעהאַנגען
אויף דיינע האָר פון צאָפּ, וואָס וויגט זיך אום צעשפּילט?

און ענטפער פון די אויגן דיינע ווארט איך אָפּ —
זיי זענען פרום ווי פריר, אַ פּאָרל מילדע טויבן;
וואָס גייט מיך אָן דיין אויגן־פרומקייט, אז דיין צאָפּ
דער שטיפער זאָגט מיר: מעגסט זיך עם דערלויבן!
קום שנעלער, שוועסטער מיין, אין וואַלד אריין קום שנעל,
כ'וועל אונטער ביימער־חופה דיר אַנטפּלעקן גאָר מיין זעל,
און גאָר מיין ליבשאפט, אויפגעהאָנגען אויף א האָר,
מיר וועלן טיילן מיט אַ קוש — די יונגע פּאָר...

(מראָזי, תמוז, תרס"ד) וואַרשע. אויגוסט, 1956

# „...אַז איך וועל שטאַרבן..."

איבערזעצט צום טויט פון
**משה בראָדערזאָן**

„...אַז איך וועל שטאַרבן, זייט אַזוי מיך מספּיד:
סע איז געווען אַ מענטש — און זעט: ער איז נישטאָ מער...
דער מענטש איז פאַר זיין צייט געשטאָרבן,
און ס'האָט זיין לעבנס־ליד זיך אָפּגעהאַקט אינמיטן...
און וויי! אַן איינציק ליד נאָך האָט פאַרמאָגט ער —
און אָט־אָ איז דאָס ליד פאַרלוירן שוין אויף אייביק,
פאַרלוירן שוין אויף אייביק!

ס'איז גרויס דער וויי! ער האָט פאַרמאָגט אַ ציטרע —
אַ לעבעדיקער און באַרעדעוודיקער וועזן,
און יעדעס מאָל, ווען ס'האָט גערעדט מיט איר דער דיכטער,
ער האָט איר אַלע סודות פון זיין האַרץ פאַרטרויעט,
און אַלע סטרונעס האָט זיין האַנט באַוועגט צו רעדן,
נאָר איינעם האָט ער אין זיין האַרץ אַ סוד פאַרהוילן,
סע האָבן זייטיק אַלץ ארומגעטאַנצט די פינגער זיינע,
און ס'איז אַ סטרונע איינע שטום פאַרבליבן,
פאַרבליבן שטום ביז היינט נאָך!...

ס'איז זייער פיינלעך, זייער!
זי האָט וויברירט די סטרונע אַלע אירע יאָרן,
שטילשווייגנדיק וויברירט, שטילשווייגנדיק געציטערט:
זי האָט צום ליד, איר ליבסטן איר דערלייזער,
געשטרעבט, געדורשט, געבענקט און אויסגעגאַנגען,
ווי ס'בענקט אַ האַרץ צו דעם, וואָס איז פאַרגרייט אים;

און כאָטש ס'האָט זיך פאַרזאַמט — זי האָט עס אויסגעקוקט טאָג־טעגלעך
און מיט פאַרהוילענעם געשריי גערופן —
נאָר ס'האָט פאַרזאַמט זיך און ס'איז טאַקע נישט געקומען,
און טאַקע נישט געקומען!...

און גרויס, ס'איז זייער גרויס דער ווייטיק!
סע איז געווען אַ מענטש — און זעט: ער איז נישטאָ מער,
און ס'האָט זיין לעבנסליד זיך אָפּגעהאַקט אינמיטן.
און וויי! אַן איינציק ליד־געזאַנג נאָך האָט פאַרמאָגט ער
און אָט־אָ איז דאָס ליד פאַרלוירן שוין אויף אייביק!"

(תרס"ד)

# א באפּעל

גיב, נביא, וואַרף אַוועק די גליענדיקע קויל פון דיין מזבח
און לאָז זי איבער פאַר די מנוולים, —
זיי זאָלן זיך אויף איר פאַרגרייטן זייער בראָטן און געקעכטסן
און וואַרעמען ביי איר די פינגער,
וואַרף אויך אַוועק דעם פונק פון האַרצן דיינעם,
זיי זאָלן אָנצינדן ביי אים די ליולקעס אין די מיילער,
באַלייכטן זייער שמייכל, וועלכער לויערט גנבהש דורך די וואָנצעס,
און זייער פאַלשקייט אין די אויגן.
אָט גייען זיי, די מנוולים, אָט־אָ קומען זיי אַהערצו
און דאַווענען די תפילה, וועלכע דו האָסט זיי געלערנט,
זיי ווייטיקן דיין ווייטיק און דיין האָפנונג האָפן — און זיי גאַרן
צעוואַלגערונג פון דיין מזבח;
דערנאָך אַ לאָז טאָן וועלן זיי זיך אויף זיין חורבה און זיך גראַבלען
אין אירע בערגלעך גרויז און שלעפן די געפּלאַצטע שטיינער,
מיט זיי די הייזער־דילן און די גערטנער־פּאַרקאַנס צו פאַריכטן
און ווי מצבות שטעלן זיי אויף קברים;
און ווען דיין איבערגעבליבענעם האַרץ געפינען אין אַ שאַרבן —
זיי וועלן פאַר די הינט פאַר זייערע עס וואַרפן.

איז טו אַ שטויס אין דיין מזבח און צעטרעט אים מיט פאַראַכטונג —
אַז מיט זיין פלאַם און רויך זאָל ער פאַרוויסטעט ווערן.
און מיט אַ האַנט־מאַך אייגעם וויש אַוועק די שפּינוועבס־פעדעם,
וואָס האָבן זיך ווי ציטרע־סטרונעס אָנגעצויגן אין דיין האַרצן,
און דו האָסט אויסגעוועבט אויף זיי אַ ליד פון איבּלעבונג און טרוימען,
פון פאַלשער זעונג און פאַרפירנדיקן צוזאָג, —
און לאָז אַוועק זיי מיטן ווינט, צו בלאָנדזשען אָפּגעריסענע און בלאַסע
אין וועלט־רוים, אין אַ טאָג אַ ליטערן סוף זומער,

עס זאָל אַ זילבער־הרים, אַ שפּין־פּאַרעם נישט אָפּזוכן דעם צווייטן,
און ערשטער רעגן־טאָג זאָל ברענגען זיי דעם אומקום;
צעברעך דיין אייזן־האַמער דעם צעשפּאָלטענעם פון צופיל קלאַפּן
מיט אים אומזיסט אויף הערצער — שטיינער,
צעשמעטער אים אויף שפּליטער און שמיד אויס פון אים אַ רידל,
פּאַר אונדז אַ קבר אויסצוגראָבן.
און וואָס גאָטס צאָרן וועט אַריינטאָן אין דיין מויל — שעלט אויס עס,
און דיינע ליפּן זאָלן נישט קיין צוריק טאָן;
דיין וואָרט זאָל גאַליק זיין ווי טויט, עס זאָל דער טויט אַליין זיין —
און לאָמיר הערן דאָס, און זאָל עס אונדז באַוווסט זיין.
א מוטער־נאַכט האָט אונדז אַרומגעהילט, עס רינגלט אונדז אַרום אַ חשכות
און, זע, מיר טאַפּן אין דער לופט ווי בלינדע;
ס'איז וואָס פּאַרלאָפן זיך ביי אונדז, נאָר וואָס עס ווייסט נישט קיינער,
און קיינער זעט נישט, קיינער זאָגט נישט,
איז אויפגעגאַן די זון, צי האָט זי זיך געזעצט גאָר —
און האָט זי נישט געזעצט זיך שוין אויף אייביק.
און גרויס ארום איז די בהלה, שרעקלעך איז זי, די בהלה,
און ס'איז נישט מעגלעך קיין אַנטרינונג;
און ווען מיר שרייען אין דעם חושך און מיר ריכטן אָפּ אַ תפילה —
פּאַרנעמט עס וועמעס אויער?
און ווען מיר שעלטן אַן אכזריותדיקע קללה —
אויף וועמענס קאָפּ וועט זי אַ זעץ טאָן?
און ווען מיר קריצן מיט די ציין און דריקן פּעסט די פויסט אָן —
אויף וועמעס האַלדז־און־נאַקן וועט זי פאַלן?
פּאַרשלינגען זאָל די גרוב זיי אַלע, זאָל דער שטורעם זיי פּאַרטראָגן,
און קומען זאָל אויף זיי דער אומקום;
נישטאָ קיין אָגלען, אין קיין שטיצע, און קיין אויסוועג —
און אין דער הייך די הימלען שטומען;
זיי ווייסן זייער שולד אַנטקעגן אונדז, די בלוט־שולד —
און גייען זי פּאַרביי מיט שווייגן...
איז עפן זשע דיין מויל, דו נביא פון דער וויטער צוקונפט,
און האָסטו וואָס צו זאָגן — זאָג עס!
און זאָל עס ביטער זיין ווי טויט, דער טויט אַליין זיין —
דו זאָג עס!

וואָס קאָן דער טויט אונדז שרעקן — אַז זיין מלאך רייט אויף אונדזער פּלייצע,
און פאַרן מויל אונדז ציט זיין ציימל,
און מיט געשאַל פון אויפלעב אויף די ליפּן און מיט יובל־קולות
מיר וועלן שפּרינגען אין דעם קבר...

מראָזי, אלול תרס״ד. לאָדזש, 1946

# די אָזערקע

די איבערזעצונג געווידמעט
אפרים קאַגאַנאָווסקין.

ס'איז מיר באַקאַנט אַ וואַלד, און אין דעם וואַלד —
אַן אָזערקע אַן אויסבאַהאַלטענע באַשיידן:
אין וואַלד־געדיכטעניש, דערווייטערט פון דער וועלט, אין שאָטן
פון הויכן ליכט־געבענטשטן, שטורעם־אויסגעפרוווטן בוקבוים,
פון אַ פאַרקערטער וועלט זי חלומט זיך אַ חלום איינזאַם
און אירע פיש די גאָלדענע זי פרוכפערט אין דער שטילקייט —
און קיינער ווייסט נישט, וואָס ביי איר אין האַרצן טוט זיך.

גאַנצפרי,
ווען ס'וואַשט די זון די צעפ פון דעם געצווייג פון וואַלד
און גיסט אַ ים פון ליכט אויף זייגע לאָקן,
איז ער, דער גבר, פאַר גאָלד־געגעצן אַ צעשפרייטער גערן,
ווי שמשון פאַר זיין דלילהן, שטייט געפאַנגען מיט אַ לייכטן שמייכל
און מיטן גלאַנץ פון אַ פאַרליבטנס פנים, פילט זיין כוח
אין פאַנגנעץ אייגענער פון גאָלד, נעמט אָן פאַר ליב די קייטן,
פאַררייסנדיק אַרויף זיין קרוין־שפיץ צו דער זונליכטס גבורה,
ווי ער וואָלט זאָגן איר: פאַרפלייץ מיך, צערטל אָדער שמיד מיך
און טו מיט מיר וואָס גאָר דיין האַרצן גלוסט זיך; —
אין דעמלט, צי זי ווערט באַשאָנקען אָדער נישט באַשאָנקען,
די אָזערקע, פון אויבן מיט אַ גאָלד־שטראַל אייגעם,
פאַרהילט זי זיך אין שאָטן פון איר פיל־פאַרצווייגטן שיצער,
זייגט אָן געהיים די וואָרצלען זייגע, און איר וואַסער — שלווה;
ווי גלייך זי וואָלט מיט איר מערכה שטום געפרייט זיך,

װאָס זי איז זוכה זײַן אַ שפּיגל פֿאַרן װאַלד דעם גבֿרן.
און װער קאָן װיסן, אפֿשר חלומט זי פֿאַרהױלן,
אַז ניש זײַן אָפּבילד און געװאָרצל בלױז אַנטהאַלט זי —
ער װאַקסט אין איר אינגאַנצן.

אין אַ לבֿנה־נאַכט, —
װען ס׳הױערט אױפֿן װאַלד אַ שװער געהײמניש,
און צװישן צװײַגן אַ פֿאַרהױלטע שײַן שטיל־סודיק ריזלט,
און גנבֿעט זיך, און רוקט זיך איבער זײַנע שטאַמען,
און װעבט מיט זילבער און מיט הימל־בלױקײט
די װוּנדערלעכע אױרע שטיל־געמעלן —
און שאַ אַ יעדער קוסט און שאַ אַ יעדער בױם!
ס׳פֿאַרטונקלט יעדער אײנער זיך אַלײן מיט זײַן געבלעטער
און איז מהרהר שטילערהײט זײַן האַרץ־מחשבֿה;
סע שטײט דער טיף־פֿאַרטראַכטער װאַלד דורכױס באַלאָדן
מיט אַ דערהױבן־גלענצנדיקן סוד פֿון גאָר פֿאַרצײַטנס,
װי אין דער טיפֿסטער טיף, אין דער פֿאַרהױלונג פֿון זײַן גבֿורה
װאָלט שלאָפֿן אױף אַ גאָלד־בעט, פֿון דער גאָרער װעלט פֿאַרבאָרגן,
די אומשולד, די פֿולקומע פּראַכט — אַן אײביק יונגע
פֿאַרכּישופֿטע פּרינצעסין פֿון פֿאַרצײַטנס,
און ער, דער װאַלד, געשטעלט איז דאָ צו װאַכן אױף איר אָטעם
און װי אַ הײליקטום איר סוד, די מײדלשאַפֿט, צו היטן,
ביז קומען װעט איר ליבהאָבער דער פּרינץ און זי באַפֿרײַען; —
איז דעמלט, צי זי װערט באַשאָנקען אָדער ניש באַשאָנקען,
די אָזערקע, פֿון אױבן מיט אַ זילבער־שטראַל אַ בלאַסן, —
פֿאַרבאָרגט זי זיך אין שאָטן פֿון איר פֿיל־פֿאַרצװײַגטן שיצער
און מיט אַ טאָפּל־שטילקײט שװײַגט זי,
װי ס׳װאָלט די הערלעכקײט פֿון װאַלדס געהײמעניש, זײַן שטילקײט
פֿאַרטאָפּלט זיך אין שפּיגל פֿון איר שלאָפֿנדיקן װאַסער.
און װער קאָן װיסן, אפֿשר טרױמט זי אױסבאַהאַלטן,
אַז ס׳װאַנדערט, װאָגלט אום דער פּרינץ אומזיסט אינגאַנצן
און זוכט אין װעלדער אָן אַ סוף, אין זאַמד־מדבריות

און אויפן גרונט פון ימים די פארלוירענע פרינצעסין —
די פראכט די אויסבאהאלטענע אין גאר איר גלאנץ דעם גרויסן
פארבארגן איז ביי איר דאך אין די טיפעניש אירע —
ביי איר, דער שלאפנדיקער אזערקע, אין הארצן...

און אין א טאג פון שטורעם, —
ס'האט אויפן קאפ פון וואלד פארזאמלט זיך א טומל כמארעס
מיט תאווה צו מלחמה אין די הערצער,
נאר נאך באהערשט, א רגע זיי באצווינגען זייער צארן,
אין זייער איינגעווייד פארבארגן גרימט א דונער;
א כמארע צו א כמארע איז מבשר גיכן אומגליק
מיט זייערע חפזונדיקע בליצן־ווינקען:
„זייט גרייט!"
און איידער ס'איז באוווסט נאך ווער דער פיינט איז,
פון וואנען וועט דער שונא קומען —
דער גאנצער וואלד פארפינצטערט שטייט, א גרייטער
אקעגן אלערליי פורעניות און פלאגן.
און פלוצעם — ציק! א פייער־בליץ! דער וואלד ווערט בלאס,
ס'פלאמט אויף די וועלט...
טראך־טראך! א דונער שמעטערט, ס'ציטערט אויף דער וואלד —
ברויזט אויף!
און צענער־טויזנטער פארשייטע רוחות,
וואס זענען זעעוודיק און אומגעזעעןן,
באפאלן די גיבורים זיינע מיט געקוויטשעריי פון ווילדע
און כאפן פלוצעם אן זיי פאר די קרויזן,
און טרייסלען זיי און טרייסלען, און די קעפ זיי פלעטן —
סע קראכט א דונער נאך א דונער!
און דורכן שטורעם טראגט זיך דער געליארעם פונעם וואלד
דעם ווייט־צעשריגענעם אין שוועבער־צערוישטן,
ווי דער גערויש פון וואסער־שווערע כוואליעס ווייטע,
און גאר איינגאנצן איז ער שוידער, שוידער, שוידער... —
בעת אט דעם גערעש — די אזערקע,
ארומגערינגלט מיט א וואנט פון וואלד־גיבורים,
באהאלט נאך טיפערער אין שוים די גאלד־פיש אירע,

און ווי אַ קינד, דערשראָקן אין אַ נאַכט פון פחדים,
די אייגלעך צוגעמאַכט, באַהאַלט זיך אונטער מאַמעס פאַרטעך
און קען יעדן אויפבליץ טוט אַ פינטל מיט די ברעמען —
אַזוי פאַרבאָרגט זי זיך באַצערט, שוואַרץ־וואַסערדיק און קאַלעמוטנע
אין שאָטן פון געדיכט־פאַרצווייגטן שיטער אירן —
און זי דירכווים איז ציטער, ציטער...
און ווער קאָן וויסן,
צי איז די שטאָלצע פראַכט פון וואַלד אַ שאָד איר
און זיינע צווייגן־כוואַליעס די צעקלאַפטע,
צי ס׳טוט איר ווי די שיינקייט פון איר וועלט דער שטילער
פון העלע טרוימען, לויטערע אימאַזשן,
וואָס ס׳האָט אַ ווינט פאַרוויעט זי און זי פאַרטונקלט
און פיל פאַנטאַזיעס פרעכטיקע, געכאָוועט אין איר האַרצן,
בייטאָגיקע און נאַכטיקע דמיונות
אין ישוים פאַרוואַנדלט אין אַ צאָרן־רגע איינער.

באַגינען, —
דער וואַלד איז שטיל נאָך. אָנגעברוגזט און צעציטערט
זיך ליגן אין באַהעלטעניש איין די לעצטע שאָטנס.
נאָר וואַרעמלעכע מילער־געפלען, באָדן־קריכער,
צו דעמפן האָבן אָנגעהויבן שוין פאַר אים, זיי בלאָנדזשען
און צוימנוויז אויף זיינע צווייגן זיך צעהענגען.
און קליינע ווינטנצינגלעך, לעבלעכע און זיסע,
ווי ס׳צינגל פון אַן עופל אויף דער מוטערס קינבאַק,
שוין האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אין דעם נעפל
צו מילדערן די נאַכט־קעלט פונעם וואַלד, זיין צאָרן.
אין צווישן בלעטער נישטערן זיי ווייכע, לייכטע, צאַרטע
און וואָגלען אים פון קוסט צו קוסט, פון איין בוים צו אַ צווייטן,
די נעפל־מילך די ווייסלעכע זיי לעקן,
צי פאַלן אין אַ נעסט און מאַכן צימערן נישט־גערן
ס׳געפעדער פון אַ שלאָפנדיקן פייגעלע אַ צאַרטן... — —
און אויפן וואַלד אין הייכן האָט געשטעלט זיך אָפּצורוען
אַ חבֿרה הימל־לייט — אַ גרויסער וואָלקנס־ציבור,
די שכינה־וואָלקנס, די באַגינען־וואָלקנס,

געגליכן צו אַן עדה שטאָלצע זקנים פון פאַרצייטנס,
וואָס טראָגן סודות־שריפטן, צאָרן פון אַ מלך,
פון איין וועלט צו אַ צווייטער.
סע שטייט דער וואַלד גערעגט, פאַרשוויגן,
דערשטיקט אין ציטעריש און מיט פאַרשפאַרטן אָטעם
אַ יעדן ריר און פּיפּסל פון אַ פייגעלע, וואָס וועקט זיך,
און איז אינגאַנצן צאַפּלעניש און ערפאָרכט. — — —
אין יענער צייט, אַ רואיקע, אַ וואַרעמע, אַ גלאַטע,
די שלאָפנדיקע אָזערקע הילט איין זיך אין אַ ליילעך
אַ לייכטן און אַ בלאַנקן — אַ בלאַסלעך ווייסן נעפּל,
און דרימלט דעם באַגינען־דרימל...
און ווער קאָן וויסן, צי זי חלומט נישט אַזוינדערט,
אַז גאָר אומזיסט זיך לאָזן אין אַ ווייטן וואָגל
די הויכגעשעצטע הימל־לייט, די פירשטן פון די הייכן,
אַ וועלט אַן אַנדערע צו זוכן
אַריבער ימים, הינטער הימל־ראַנדן —
און יענע וועלט איז נאָענט דאָך אַזוי, איז נאָענט —
זי איז דאָך דאָ פונאַונטן, דאָ פונאונטן
אין האַרצן פון דער אָזערקע דער וואַלד־פאַרשטעלטער.

און איך אין מיינע יוגנט־יאָרן, מיינע ליבסטע יאָרן,
ס'האָט קוים אַ שוועב געטאָן אויף מיר דער שכינהס פליגל,
און ס'האָט מיין האַרץ געקאָנט נאָך גלוסטן, בענקען שטום־פאַרוווּנדערט
און זוכן אַ באַהעלטעניש פאַר זיינע תפילות —
פלעג לאָזן זיך אין זומער־טעג אין הייסע
צום הערלעך־וווּנדערלעכן קעניגרייך פון שלווה —
צום וואַלד געדיכטן.
און ווו סע האָרכט זיך נישט קיין ווידערשאַל פון העקער,
מיט שטעגעלעך באַקאַנטע בלויז דעם וואָלף און יעגער
כ'פלעג בלאָנדזשען צווישן ריזן־ביימער איינזאַם גאַנצע שעהען,
און דאָרט מתיחד זיין זיך מיט מיין האַרץ און גאָט,
ביז כ'קום, א שפרינגענדיקער איבער גאָלדן־נעצן,
צום קדשי־קדשים פון וואלד — צו זיין שווארצאפל ;

ס'איז הינטער א פרוכת דאָרט פון בלעטער
פאראַן אַן אינדזל, קליין און גרין, געבעט מיט גראָז,
און איינזאַם אינדזל, ווי פאַר זיך אליין אַ וועלטל,
אַ טעמפּל, הייליק־שטיל פאַרבאָרגן צווישן שאָטנס
פון ביימער־זקנים ברייט־צעצווייגטע, שווער־באַקרוינטע,
און זיין סופיט — אַ קליינע הימל־בלויע וועלבונג,
וואָס ליגט געבויגן ממש אויף די ביימער,
זיין באָדן — גלאָז: אַן אָזערקע פון לויטער וואַסער,
אַ זילבער־שפּיגל אין אַ רעם פון פרישע גראָז,
און אים איז נאָך אַ קליינע וועלט, אַ צווייטע וועלט, פאַראַנען,
און אין די מיטנס פון דער אָזערקע און פון דער וועלבונג —
גארפונקלען צוויי, זיך קעגנאיבער איינגעפאַסטע,
גארפונקלען גרויסע און צעשטראַלטע —
צוויי זונען...

און ווען כ'פלעג זיצן דאָרטן ביי דער אָזערקע פאַרזוניקען:
אַ רעטעניש פון וועלטן צוויי, אַ וועלט אַ צווילינג,
ניישט קאָנענדיק באַשיידן, וועלכע ס'איז די בכורה,
מיין קאָפּ געבויגן צו דער ברכה פון די ביימער־גרייזן,
וואָס טריפן שאָטן, ליכט, געזאַנג און זאַפט איניינעם —
פלעג פילן קלאָר איך, ווי סע קוועלט אריין אין מיין נשמה
שטיל־שטיל אַזאַ מין נייע שפע פרישקייט,
און ס'האַרץ מיינס, וואָס איז הירשטיק נאָך אַ סוד אַ הייליק־גרויסן,
פילט אַן זיך דעמלט מיט מנוחהדיקער האָפנונג,
ווי גלייך ס'וואָלט מאָגען נאָך און נאָך און וואַרטן,
סע זאָל די שכינה באַלד אַנטפּלעקן זיך, צי אליהו.
און ווי סע איז מיין אויער איינגעהאָרכט נאָך אין דערוואַרטונג,
און אין זיין הייליק שטרעבן האָפט מיין האַרץ, גייט אויס און חלשט —
רייסט פּלוצעם אויף די שטילקייט
אַ בת־קול פון אַ גאָט אין וואַלד פאַרהוילן:
"ווו ביסטו?„
און ס'ווערן פול די פלעצער פונעם וואַלד מיט גרויסן חידוש,
ציפּערסנביימער ריזן, פעסט פאַרוואָרצלטע און פרישע,
מיד קוקן שטאָלץ און מאַיעסטעטיש אָן, פאַרוווּנדערט־רואיק,
ווי איינער זאָגט: "וואָס טוט אָט דער דאָ צווישן אונדז?...„

ס'איז דאָ אַ געטלעכע געהיימע שפּראַך, אַ סודות־לשון,
וואָס האָט קיין קלאַנג, קיין רויש נישט, בלויז פאַרשיידענע קאָלירן,
פּול צויבער, בילדער־פּראַכט און זונגען אַ שפע,
אויף איר לאָזט גאָט דערקענען זיך צו זיינע אויסדערוויילטע,
און די מחשבות זיינע דענקט דער הערשער פונעם וועלטאַל,
דורך איר פאַרקערפּערט אויך דער קינסטלער זיין אידעע
און פאַר אַ טרוים אַ נישט געמורמלטן געפינט אַ פּתרון,
דאָס איז די שפּראַך פון וויזיעס, וואָס אַנטפּלעקט זיך
אין בלויז אַ הימל־שטרייף, ווי אויך אין זיינע וויטע ברייטן,
אין שיין פון זילבער־וואָלקנס און אין שוואַרצע כמאַרע־גולמס,
אין ציטער פון אַ זאַנג, אין שטאָלצקייט פון אַ גבר אַ צעדער,
אין לייכטן פלאַטער פון אַ ווייסן פליגל פון אַ טייבל
און אין דעם שוונג פון אָדלערישע פליגל,
אין שיינקייט פונעם מענטשנס גוף און אין אַ בליקס אַ שימער,
אין דעם געברויז פון ים, אין דעם געשטיף פון זיינע כוואַליעס,
אין טיפקייט פון דער נאַכט, אין שטומען פאַלן פון די שטערן,
און אינעם רעש פון שייטערס, דעם געבריל פון ים פון פלאַמען,
די פלאַמען פון די אויפגענג פון דער זון און אירע שקיעות —
אויף אָט דער שפּראַך־פון־שפּראַכן האָט די אָזעריקע אין שטילקייט
איר רעטעניש די אייביקע געפרעגט מיר.
פאַרבאָרגן שטיל אין שאָטן, שלווהדיק און לויטער,
פאַרקוקט אין אַלץ, און אַלץ פאַרקוקט אין איר, און זיך געענדערט
מיט אַלץ, — זי פלעגט מיר אויסזען ווי אַן אָפענער שוואַרצאַפּל
דעם וואַלד־שרס, דעם אַדורכגענומענעם מיט סודות
און פולן מיט רעיונות...

(תשרי. תרט"ו.) אָקטאָבער־נאָוועמבער 1955

# דער זומער גוססט

דער זומער גוססט אויפֿן גאָלו און פּורפּור
פֿון בלעטערפֿאַל אין גערטנער און
אויף וואָלקנס ערב־נאַכטיקע, וואָס בלוטן
אין שקיעה פֿון דער זון.

דער פּארק איז אויסגעליידיקט. איינציקע שפּאצירער
און איינציקע שפּאצירערינס זיך שלייכן ווייך,
מיט אויגן אויפֿגעהויבענע זיי פֿאָלגן נאָך דעם פֿלי־צוג
פֿון שוין דער לעצטער מחנה בושלען אין דער הייך.

פֿאַריתומט איז דאָס האַרץ. אַ טאָג פֿון ווינט און רעגן
וועט אָנקלאַפּן איינגיכן אין די פֿענצטער שטילערהייט:
„צי האָט איר גאַנצע שיך? פֿאַרריכט די מאַנטלען?
און אויפֿן ווינטער מיט קאַרטאָפֿל זיך פֿאַרגרייט".

(תרס"ה) וואַרשע, 1957



# דו גייסט אוועק פון מיר

דו גייסט אוועק פון מיר — נו, גיי געזונט אין פרידן,
און זאָל דיר זיין דיין ווילן בלויז א ליכט אין וועג,
און ווו דו וועסט נאָר זיין, געפין זיך דאָרט מנוחה.
און איך? באדויער מיר נישט — איך בין נישט אליין:
כל־זמן ס'איז שיין דער אויפגאנג פון דער זון, איר שקיעה,
און שטערן מיר צו ווינקען זענען נאָכנישט מיד —
האָב איך נאָך נישט פאַרלוירן גאָר מיין האָב־און־גוטס,
און ס'האָט מיין קוואַל פון טרייסטן נאָכנישט אויסגעטרוקנט.
באַטראַכט, כ'האָב אָנגעווווירן דיך — נאָר אַלץ נאָך, אַלץ
פארבליבן איז מיר פיל: איך האָב א וועלט א גאנצע,
א שיינע ווי זי איז מיט גריגס פון אירע פרילינגס,
מיט גאָלד פון הארבסטן און מיט ווינטערדיקן ווייס;
מיין האַרץ — אַ וויזיע־טעמפּל און אַ נעסט פון טרוימען,
וו ס'איז פארשפארט מיין וויי, א הייליק־ריינע פיין;
און ס'איז אַ קלאָרער מלאך מיט מיר דאָ — דיין אָפּבילד,
וואָס שוועבט נאָך, ווי דעם שעפערס חסד, אויף מיין קאָפּ
און שעפּטשעט דאָס געבענטש, וואָס ציטערט איינגעהאַלטן
אין שטילן פליסטער פון א מאמע ביי די בענטש־ליכט
אום שבת אין דער שטילקייט הייליקער פון רו,
און ווי דער ציטער־שטערן יענער דאָרט אין רוים,
וואָס קוקט נאָך אַלץ אויף מיר מיט גוטע מילדע בליקן
און שטעקט מיר אין דער פינצטערניש זיין גאָלדנעם סצעפּטער.

און כ'וויים,
סע וועלן נעכט נאָך קומען אויפן לאַנד דעם גאנצן
מיט זייער בלוי געצעלט, אָרנאַמענטירט מיט גאָלד,

ווי שוואַרצע נעגערטעס, — די זומערדיקע נעכט,
מתיקותדיקע, היצנדיקע, פול מיט שווייגן,
אין שוואַרצן אייגגעהילטע און באַקראַנצט מיט שטערן,
פון גאָלד אַ מילגרוים איז א יעדער שטערן, גאָלד;
און זאַט מיט זינדיקע מחשבות, מיד פון גלוסטונג,
דאָס לאַנד וועט דרימלען אויפן אָרעם פון דער נאַכט;
און פלוצעם וועט זיך איינשטעלן א טיפע שטילקייט,
א תאווה=ציטער וועט אדורכנעמען די נאכט,
און ס'וועלן זיך צעטרייסלען שטערן, חמרים, חמרים,
און מיט די שפליטערס זיך צעשיטן אויף דער ערד,
ווי בלעטער גאָלדענע א שלל אין שפעטן הארבסט;
פון תאווה דורכגעברענט, פון גלוסטונג דורכגעפרעסן,
וועט יעדער זיך א לאָז טון מיט זיין דאָרשט און הונגער
און טאפן בלינד א וואנט, ארומהאלדזן א שטיין,
זיך ווארפן צו דער ערד און קריכן אויפן בויך —
א שפליטער גינגאָלד אויפצוקלייבן, כאָטש א ברעקל
אן אָפגעקרישלטס פון זיין שטערן, צו געפינען
אַ זשמענקע ליבע כאָטש, אַ קרישקעלע פון גליק... —
אין יענער שעה, אויב ס'וועט באַהערשן דיך אַ בענקשאַפט,
און לעכצנדיק, פארשמאכט וועט אומבלאָנדזשען דיין בליק
און פלאטערן, פון יעדער האָפענונג פארלאָזט, אין נעפל,
און אויסגיין וועט דיין זעל נאָך געטלעכקייט און גליק, —
הייב אויף, ווי איך, די אויגן דיינע צו דעם הימל
און פון זיין הויכקייט לערן מיט דיין הארץ מנוחה:
באטראכט נאָר, וויפל שטערן, שטערן אָן א שיעור
פארלוירן גייען ביי דעם הימל נאכט ביי נאכט —
און ער שטייט אלץ זיך אין זיין רייכטום פול מנוחה
און פילט נישט אָפ לחלוטין די אבדה זייִנע,
און ווי ס'וואָלט גאָרנישט זיך געמינערט פון זיין גאָלד.

(האַאג. אלול, תרס"ז) וואַרשע. אויגוסט, 195[illegible]

## און אז סע וועלן זיך די טעג פארציען

(פון די זעאונגען פון די לעצטע נביאים)

און אַז סע וועלן זיך די טעג פאַרציען — טעג ווי אַלע צייטן,
געראָטן איינער אינעם צווייטן, ווי דער נעכטן און דער אייערנעכטן,
אַזוי־זיך־טעג, מיט נחת ווייניק און מיט מי אַ סך און שווערע —
אַ נעם טאָן וועט דער לאַנגווייל סיי דעם מענטשן, סיי די חיה;
אַ מענטש וועט בין־השמשות גיין שפּאַצירן צו דעם ים־שטראַנד
און זעען, ס'האָט דער ים נישט איינגעדרימלט —
און ס'וועט אַ געגעניץ אים באַפאַלן;
צום ירדן וועט ער גיין און זעען, אויף צוריק ער פליסט נישט —
און ס'וועט אַ געגעניץ אים באַפאַלן;
וועט זעען, די געזעמלען שטערן האָבן נישט געטוישט די ערטער —
און ס'וועט אַ געגעניץ אים באַפאַלן.
און ס'וועלן זיצן און בייזאַם זיך גודיען מענטש און חיה,
די לאַסט פון זייער לעבן וועט זיי שווער זיין;
ס'וועט יעדער פליקן זיך די האָר פון קאָפּ פון לאַנגווייל,
און אויסגעפליקטע וועט ווערן ביי דער קאַץ די וואָנצע.

און דעמלט אויפגיין וועט די בענקשאַפט.
וועט אויפגיין פון זיך זעלבסט — ווי ווילדע שוועמלעך
אין פוילנדיקע באַלקנס.
און ס'וועט די בענקשאַפט מאַכן פול די לעכלעך און די שפּאַרעס אַלע,
ווי ס'מאַכט אַ שמאַטע פול די אומפלייט.
און ס'וועט געשעען: ס'וועט אַ מענטש זיך אומקערן אַהיים צום נאַכטמאָל,
זיין ברויט און שטיקל הערינג איינטונקען אין עסיק —

און בענקען;
וועט טרינקען זיין גלאָז טיי די לעבלעבע און טריבע —
און בענקען;
וועט אויסטאָן שיך־און־זאָקן אויפן בעטראַנד —
און בענקען.
און ס'וועלן זיצן מענטש און חיה, בענקענדיק צוזאַמען,
ס'וועט יערער אין זיין חלום הערשן פון דער שפּע בענקשאַפט,
און אויף זיין דאַך פון בלעך די קאַץ וועט יאָמערן און גראַבלען.

און דעמלט קומען וועט דער הונגער, —
א הויכגעשטיגענער און וואונדערבאַרער, נישט געווען זיין גלייכן,
אַ הונגער נישט אויף ברויט און שווישפּיל, נייערט אויף משיחס קומען!

און ס'וועט געשעען: יעדן מאָרגן, ווי די זון אויף טאָג נעמט שפּראָצן,
און עמעץ הייבט זיך אויף פון זיין געלעגער, עמעץ פון זיין טונקל צימער,
צעבראָכן פונעם אומרו־שלאָף, געזעטיקט מיט חלומות, פּוסט די זעלע,
דאָס וועבס פון אויפגערעגטן שלאָף נאָך אויף די ברעמען,
דער שווידער פון דער נאַכט נאָך אין די ביינער,
דער יאָמער פון דער קאַץ, איר גראַבלען מיט די נעגל
נאָך גרילצן אין דעם איינגעווייד און די געהירן, —
וועט צואיילן דער מענטש צום פענצטער און די שויב אַ וויש טאָן,
צי אויף דער שוועל פאַרפרי ארויס, באַדעכלען זיך די אויגן
און אויפהייבן אַ טריבן פּיבער־בליק, אַן אויסגעהונגערטן נאָך רעטונג
צום שטעגעלע פון יענער זייט פון פּאַרקן זיינעם
און אין דער ריכטונג פונעם בערגל מיסט זיין הויז אַנטקעגן —
און דאָרט משיחן וועט זוכן!
און ס'כאַפּט זיך אויף אַ פרוי און פון דער קאָלדערע באַפרייט זיך,
דער קאָפּ צעשויבערט, און צעקנייטשט דאָס ליוו, ס'געמיט דערשלאָגן,
און רייסט אַרויס די קוואַרע ברוסט פון זויגליגגס מיילכל,
שטעלט אָן די אויערן און אָנגעשטרענגט האָרכט איין זיך:
צי גייט שוין נישט משיח?
צי הערט זיך נישט דאָס ווימערן פון אייזל זיינעם?
און ס'הייבט ארויס אַן עופּהלע דאָס קעפּל פונעם וויגל,
און ס'קוקט ארויס אַ מייזל פון זיין לעבל:

צי גייט שוין נישט משיח?
צי האָט דאָרט נישט קיין קלוגע געטאָן זיין אייזלס גלעקל?
אַ דינסטמויד, בלאָזנדיק אין סאַמאָוואר לעם אוייון,
מיט אַ פאַררויכטן פּרצוף לויפט ארוים אינדרויסן:
צי גייט שוין נישט משיח?
צי הערט זיך נישט דאָס שאַלן פון זיין שופר?

— — — — — — — — — — — — — — — —

(תרס"ט) וואַרשע, יוני, 1957

# סע גליטשט זיך א ריטל אראָפּ...

די איבערזעצונג געווידמעט
דעם „א״ר מוצל מאש״ **משה אלטמאַן**

סע גליטשט זיך אַ ריטל אַראָפּ אויף א פּלויט, ווערט אַנטרימלט —
אַזוי כ׳ווער אַנטשלאָפן אין שווייגן:
די פרוכט איז געפאַלן — וואָס קאָן מיך שוין אָנגיין מיין שטאָם איצט,
וואָס קאָן מיך שוין אָנגיין מיין צווייגל?

די פרוכט איז געפאַלן, שוין לאַנג איז דאָס בליעכץ פאַרגעסן —
סע זענען פאַרבליבן די בלעטער;
ווען איינמאָל אַ גרים טאָן דער שטורעם — זיי נעמען זיך שיטן,
און שוין איבער בר־מנגם טרעט ער.

דערנאָך — און סע ציען זיך נעכט פול מיט שוידער, מיך מיידן
דער שלאָף און די רו ביז צום שטאַרבן,
איך וואַרף זיך פאַרצווייפלט ארום איין־אַליין אין דער פינצטער
און פלעט אויף מיין וואַנט זיך דעם שאַרבן.

און ווידער ווען בליען אַ פרילינג — איך שטאַרץ פון דער קאָרע
פאַראיינזאַמט און האָב מער קיין וואָר נישט —
אַ שלאַבעריק ריטל אַ נאַקעטס, אָן קנאָספּ און אָן בליעכץ,
אָן פרוכט און אָן בלעטער — אָן גאָרנישט.

(אלול, תרע״א)                    וואַרשע. יוני, 1957

# מיין אָרט זאָל לעבן אייך זיין

מיין אָרט זאָל לעבן אייך זיין, אייביקע ענווים, שווייגנדיקע זעלעם,<br>
וואָס וועבן זייער זיין פאַרבאָרגן, ערלעכע אין דענקען און אין האַנדלונג,<br>
געהיימע בעל=חלומות, וועלכע ריידן ווייניק און פאַרמערן פראַכטן;<br>
סע ליגט די ערלעכקייט פון אייער גייסט אין אייך — אַ פערל אויפן ים=גרונט,<br>
די אוצרות אייערע, ווי יאַגעדעס אין וואַלד, זיך פּרוכפּערן אין שאָטן.<br>
ס'איז אייער האַרץ א היליקטום, און אייער מויל — זיין צוגעהאַקטער טויער,<br>
כאָטש קיינער זאָגט עס אייך ניט, זענט איר שררות, גייסט=עשירים —<br>
כאָטש איר ווייסט ניט,<br>
מאַעסטראָס פון אַ שיינעם שווייגן, פריסטער פון אַ געטלעך מילדער שטילקייט,<br>
סע האָט קיין שליטה ניט קיין פרעמדנס אויג אויף אייער זעלעם פרייד, צי טרויער;<br>
די זעלבע שיין האָט תמיד אייער אויג, אַ שיין אַ שטילע און אַ באַנגע,<br>
דעם זעלבן שמייכל, פול פאַרשטענדניש און פאַרגעבונג, האָט איר אויף די ליפּן;<br>
אויף צו באַגריסן אַלץ, ניט וועגנדיק די ווערט, וואָס קומט אייך נאָר אַנטקעגן;<br>
וואָס וויכטיק איז און אומבאַדייטנדיק, וואָס ערלעך=פרום איז און וואָס זינדיק;<br>
פאַמעלעכן, ווי אויף די פינגער=שפּיצן, גייט איר מיט די לעבנסשטעגן,

און אייער האַרץ איז וואַך, ס'איז אויפגעמיק דאָס אויער, און דאָס אויג
איז פלאַטער,
און ס'צוקט די זעל אַנטקעגן יעדן שפּור פון שיינקייט, צי פון פּראַכט אַ
פינטל,
פאַרזייענדיק אין גאַנג כסדר ארום זיך אָן אָנשטרענג, אָן כוונה
דאָס גלויבן און די לויטערקייט, וואָס טריפן אָפּ פון אייער גאַנצן וועזן,
ווי ס'טריפט דאָס בלויקייט פונעם הימל, און די שאָטנס פון אַ וואַלד
אַ פייכטן.

פאַרוואָר, איר זענט געלערנטע צו שווייגן, איינצוהאַלטן קלאַנג און ווערטער,
סע רעדט נישט אייער מויל קיין הויכע רייד, סע שאַפט נישט אייער האַנט
קיין טורעמס,
סע שטאַרבן אייערע באַגערן אינעם האַרץ, אין ברוסט פאַרשמאַכט די
בענקשאַפט,
איר האָט קיין צוטריט נישט צו חוזים־קרייזן, קיין פּאַרמעג אין קונסט־
גאַלעריעס,
און אייער טראָט גייט איינזאַם אוים, נישט לאָזנדיק קיין ווידערקול און
רושם,
נאָר אייער לעבן — אייער שענסטער וואָרזאָג, אייער שיינקייט — אייער
דאָזיין!
די פרייסטע וועכטער פון דעם צלם־אלוקים אויף נאָר דער וועלט זענט
איר עס!
טאָג־טעגלעך רינט אַראָפּ פון אייער אויגן־שיין און פון די פּנים־שטריכן
דער רייץ פון אייער לעבן, טראָפּנווייז, אין וועלטרוים, ווי אַן אונטערערד־
קוואַל —
אין האַרצן פון אַ טייך, כדי אים חיות געבן, — און דער טייך, ער ווייסט
נישט.
און כ'שווער ביי גאָט, ס'וועט נישט פאַרלוירנגיין פון אייער ברעם קיין צוק
קיין אייגער,
און ס'וועט נישט גיין לאיבוד פון דעם נפש אייערן דער מינדסטער צאַפּל!
ווי דאָס געזאַנג פון שטערן זיי געווערן, ציטערן אין וועלטרוים אייביק;

ווען ס'וועט קיין איבערבלייב נישט זיין שוין פון די לידער הימנס און ידותונס *,
און נישט קיין זכר פון דער חכמה כלכלס, דרדעס**, — וועלן זיי אַליין לעבן
און ווידער זיך אַנטפּלעקן אינעם אויג־שיין פון אַ מענטשן און זיין אָנ־בליק.

(תרע"ה, אָב, אין וואַלד מאַלין) וואַרשע. יוני, 1957



* הײמאַן און יעדוסון — געזאַנגמײַסטערס פון די לוויים אין די צײַטן פון מלך דוד.

** קאַלקויל און דאַרדאַ — אין מלכים א, קאַפּיטל ה, פּסוק י"א, ווערט געזאָגט, אַז שלמה איז געוואָרן קלוגער פון אַלע מענטשן, פון כלכל און דרדע...

# פאַרבייגעשוועבט, גאָט, האָט דיין אָטעם

פאַרבייגעשוועבט, גאָט, האָט דיין אָטעם מיין פּנים און האָט מיך
צעפלאַקערט,
אַ ראַנד פון דיין פינגער — צעציטערט אַ רגע די האַרצסטרונעס מיינע,
און איך האָב געצאַפּלט אין שווייגן, באַצוונגען מיין זעלישן אויפברויז;
מיין האַרץ האָט געשמאַכט אין דער ברוסט, ס'איז מיין ליד נישט אַרויף
אויף די ליפּן:
מיט וואָס אין דעם הייליקטום קומען און לייטערן ווי כ'זאָל מיין תפילה? —
מיין שפּראַך איז געוואָרן פאַרשמוציקט איינגאַנצן, אַ מיגלדיק לשון,
קיין וואָרט זי פאַרמאָגט נישט, וואָס איז שוין נישט טמא ביז סאַמע אין
וואָרצל,
קיין אויסדרוק — וואָס ס'האָבן מיט אים נישט געעסקט זיך קוויטיקע ליפּן,
קיין איינציקן זאָג — וואָס מע זאָל אים נישט האָבן געשלעפּט נאָך אין
שאַנדהויז.
די זייבערע טויבן, וואָס כ'האָב זיי פרימאָרגנס געלאָזן צום הימל,
זיך אומגעקערט האָבן פאַרנאַכטצייט — גאָר קראָען געוווינטע צו מיסט,
מיט עקלהאַפטע קראַקען אין קעל און מיט פלייש פון נבלה אין שנאָבל.
סע האָבן מיך וועריטער ווי פייקלעך באַרינגלט — אַ זונות־געזעמל,
וואָס גלאַנצן מיט צירונג געפעלשטן, מיט קונסטלעכער שיינקייט זיך חנדלען,
די באַקן גערויטלט מיט שמינקע, מיט פוילעכץ פון שאַנד אין די ביינער,
מיט קינדער פון זנות ביי די קליידער, ממזרים פון פעדער און רעיון,
פאַרריסענע, פרעכע, מיט שטאָלץ אין די רייד און מיט פוסטקייט אין
האַרצן,
זיך פלאָדיען, ווי דאָרן און טערנע, און ס'איז נישט פון זיי צו אַנטרינען.
אַזוויי פון רינשטאָקן, נאַכט־טעפּ, טאָג־טעגלעך דרינגט דורך זייער אַוויר
פאַרשלאָסענע מירן און קריכט אין דער נאָז פון אַ יעדן מתפלל
זיין אָטעם מטמא צו זיין, צו פאַרפלעקן זיין זעלישן זוויבער.

ווּ גייט מען אַוועק פון דעם ריח? און ווּ זיך באַהאַלט מען פון טומל?
און ווער איז דער שרף, וואָס כשרן וועט מיר מיין מויל מיט זיין גלי־קויל?
כ'וועל לאָזן זיך גיין צו די פייגל אין פעלד, וועלכע צווייטשען באַגינען,
כ'וועל גיין צו די קינדער, וואָס שטיפן אין אומשולד ארום אויפן הויף־פּלאַץ,
כ'וועל אויסמישן זיך מיט דער חברה, פון זייערע רייד כ'וועל זיך לערנען —
ס'וועט זויבערן מיך זייער אָטעם, ס'וועט וואַשן מיין מויל זייער אומשולד.

(ניסן, תרע"ו) ווארשע. יוני, 1957

# מיין מאַמע, זכרונה לברכה

(פון די מעשיות פונעם ווילעדניקער צדיק ז״ל)

געווען אַ צדקנית מיין מאַמע, זכרונה לברכה,
און, ווי אַן אַלמנה, דערשלאָגן פון צער און פון דלות.
טרעפט איינמאָל א פרייטיק, די זון הייבט זיך אָן שוין צו זעצן —
און ס'איז נישט פאַראַן נאָך אין שטיבל קיין ליכט און קיין חלות.

זי נישטערט און אָט־אָ דערטאַפּט, מעשה־נסים, צוויי גראָשן —
„צי ליכט, צי אַ חלה?“ — זי וואַקלט זיך, וואָס זאָל זי קויפן?
זי אײַלט זיך, און אָט שוין צוריק מיט צוויי ליכטלעך צום בענטשן
אין מאָגערער האַנט, אַ פאַרסאַפּעטע, קומט זי צו לויפן.

ווי שטערנדלעך זיבן אין הימל, צינדט אָן זיבן ליכטלעך
מיין מאַמע אום פרייטיק, ווי אויגן וואָס לייכטן מיט שטראַלן.
ווער גאָט הײַנט באַוואָלען, חלילה, דעם הייליקן שבת?
נו, וואָס? זאָל געלויבט זײַן זײַן נאָמען אויף צוויי! איז פאַרפאַלן —

ווער בענטשן זי איבער אַ זויבערן טישטעך אָן חלות, —
טוישט איבער דאָס קליידל, טוט אָן זיך דעם שבת־געשלייער
און גרייט זיך אָקעגן דעם אייבערשטן, גאָט דעם באַשעפער,
און קעגן דעם שבת דעם הייליקן זייער און זייער.

און ווי זי צינדט אָן די צוויי ליכטלעך, דאָס האַרץ נעמט איר קלעמען,
זי קאָן זיך שוין מער נישט באַהערשן, צעוויינט זיך אָן לשון,
סע קייקלט אַראָפּ זיך אַ טרער פון אַ קנייטש אויף איר פּנים —
און ס'טוט אַ צעציש זיך אַ פלעמל, און שוין — ס'איז פאַרלאָשן.

פֿאַרשעמט שטייט דער שבת און שוואַרצט מיטן אויג מיטן בלינדן,
און זי קוקט אים אָן, ווי אַ שרעק וואָלט דעם וועג איר פֿאַרלאָפֿן:
— פֿאַרמיאוסט מיין גאָב? אַן אלמנהס? אויב איך האָב געזינדיקט,
פֿאַרוואָס קומט דעם שבת פֿאַר פֿרעמדע חטאים באַשטראָפֿן?

פֿאַרוואָס האָסטו, האַר, אים געבלענדט? — און, די אויגן געשלאָסן,
פֿאַרדעקט מיט די דלאָניעס, איר האַרץ ביזן גרונט איז דערשיטערט,
סע שטיקט דאָס געוויין איר, סע ברענט איר דער גלי פֿון דער תּפֿילה,
זי צוקט מיט די אַקסלען, דער שבת־געשלייער — ער ציטערט.

סע שרייען פֿון האַרצן תּהומות, די פֿרומע אמהות
און כּרובֿים פֿון האַלדז אירן זיפֿצן, און שלוכצן, און קלאָגן.
סע האָט נישט געהערט נאָך דער הימל, דער כּסא־הכּבֿוד
האָט נאָכנישט געזען אַ נשמה אַזוי־אָ זיך פּלאָגן.

און דאַן טוט אַ טריף פֿון דער באַק דער צדקנית נאָך איינע
אַ גליאיקע טרער, ווי פֿון פֿייער אַ שפּריצל — אַ קווייטל,
און גלייך ווי זי פֿאַלט, זיך פֿאַרטאָפּלט דאָס ליכט אינעם שטיבל,
ווייל ס'האָט זיך געצונדן צוריק שוין ס'פֿאַרלאָשענע קנייטל.

ווי נאָר ס'טוט מיין מאַמע אַן עפֿן די אויגן די טריבע,
דערזע איך: דאָס ליכט פֿון בראשית אין זיי טוט זיך העלן,
ווייל ס'האָט זיי די שכינה געקושט, — אַז איר זכות זאָל אונדז ביישטיין
בתוך כּל ישׂראל, ס'זאָל קיינעם אויף שבת נישט פֿעלן.

(לאָנדאָן. שבט, תרצ"א)                    וואַרשע. יוני, 1957



### שאול טשערניכאָווסקי

## אין גאָרטן

צי גיסט עס א זילבערנער רעגן
און פלעכט זיך אין בלעטער־געווימל,
צי האָבן אין נעצן פון צויבער
פארהילט זיך די ערד מיטן הימל?

צי טוט אַ פאַרהוילענער ליכטקוואַל
דער וועלט זיינע חנען באַשערן,
צי האט פאַר די אויגן אַנטפּלעקט זיך
אַ חלום פון וועלטן אין ווערן?

אין נאַכטיקע שעהען פאַרטרוימטע,
אין שטילקייט פאַרבענקטער אָן ענדע,
דערוואַכן לעגנדעס צום לעבן,
די ווירקלעכקייט ווערט אַ לעגענדע.

אַ פלא — די שיינקייט פון גאָרטן,
ווער וויים דען איר נאָמען דעם עכטן?...
און לייכטינקע שאָטנס, העל־קלאָרע,
אין דעמערליכט פלעכטן זיך, פלעכטן.

אין נאַכטיקע שעהען פאַרטרוימטע,
אין שטילקייט פון בענקשאַפט אַ מידע,
אַ זעל פאַר אַ זעלע פאַרטרויט זיך
מיט ליבשאַפט, מיט אויסגוס פון ווידוי.

געפילן אומקלאָרע זיך וועקן
און סטרונעס אַנטפּלעקט=נישט=אַנטפּלעקטע —
אין נאַכטיקע שעהען פאַרטרוימטע,
אין שטילקייט פון בענקשאַפט געוועקטע.

(היידלבערג)

*　　*
*

אוי, בלומען נאָך שניט־צייט, שפּעט־האַרבסטיקע בלומען!
אויף נאַקעטע פעלדער, לעם וועגן־צעשייד...
אזוי ווי יתומים, ווי בעטלער, וואָס קומען
צו שוועלן צו פרעמדע פאַרשעמטע, אָן רייד.

ווי בעטלער, וואָס האַלטן באַהאַלטן די אויגן,
וואָס ווערן געזידלט און זידלען נישט צריק;
אוי, בלומען־יתומים, די קעפּלעך געבויגן!
די שפּע פון רעגנס זיי ברענגט נישט קיין גליק.

ס'איז ווינטיק, גערוימיק, ס'אַ שפּע פון רעגן,
נאָר נישט פאַר די בלומען פאַרשפּעטיקטע — ווײ!
זיי וועלן צעקריכן פון פראָסט, אונטער וועגן;
זיי דינען דער וועלט, נאָר די וועלט דינט נישט זיי.

(1907)

## די שיינהייט פון דילסבערג

ווי פֿריילעך עס איז דאָ! היי, ווײַן דערלאַנג, קעלנער!
לחיים, מײַן יונגינקע שיינהייט, און פֿריידן!
די בענדער די רויטע ווי פּרעכטיק דיר קליידן,
דאָס ווײַס פֿון דײַן טראַכט מאַכט דיך העלער!
היי, קעלנער, דערלאַנג נאָך אַ בעכער מיר שנעלער!
אויך דו טרינק, מײַן שיינהייט, נישט שעם זיך.
באַטראַכט מיך: מײַן ברוסט ווי אַ כוואַליע שלאָגט אויף,
מײַן גאָלדענער זײַדענער וואָנס קרײַזט אַרויף.
טרינק אויס, און מיר וועלן גיין טאַנצן.

ווי היים דאָ איז! טײַערע, לאָמיר אַרויסגיין.
ווי כ׳האָב מיטן באַרג־ווײַנט דערפֿרישט און דערקוויקט זיך!
אַ פֿײַער־זײַל פֿלאַצט אינעם טייך, און ער וויגט זיך,
די שטראַלן מיט נעפּל פֿאַרצויגן.
ווי ליכטיק דײַן בליק איז! ווי בלוי דײַנע אויגן,
אַזוי ווי ס׳געבירג אין מײַן פֿענצטער
פֿאַרנאַכט, ווען די זון טוט צום תהום זיך אַ טראָג,
באַגיין אין דעם נעפּל צום אויפֿשפּראָץ פֿון טאָג,
וואָס באָדט זיך אין טויען אין פֿרישע.

וואָס אײַלסטו זיך, שיינהייט, מיך שוין צו פֿאַרלאָזן?
מיר וועלן נאָך טאַנצן, אַ רגע, אַ רגע געדולדיק!
ס׳קומט אַלץ צו דער צײַט!... ביסט מיר עפּעס נאָך שולדיק.
איין קוש בלויז? צי דאַרף מען דיך לערנען?
צו אַלדי טײַוואָלים! אַזיסט וועל איך צערנען.

אַזוי אָט: דריק צו מיך צום האַרצן,
און האַלדז מיך, און קוש מיך מיט ברען און מיט קראַפט.
און קוש, ווייל ווער ווייסט וואָס דער מאָרגן באַשאַפט,
צי זעען מיר, טויב, זיך אַ צווייט מאָל?

כ׳וועל טרעפן דעם שטעג צו דיין וווינונג אין דילסבערג,
און דו וועסט מיין שטערן זיין, בערגישע טאָכטער!
איך שטאַם פון אַ ים־ברעג — אַ ים אַ צעקאָכטער,
און כ׳קען זיינע פרעכטיקע לידער.
פארנאכט, ווען א גנעפל זיך שלייכט פון דער נידער,
דיין עלטערע שוועסטער גייט שלאָפן, —
לאָז שטיל זיך אַראָפ דאָן צו מיר אינעם טאָל,
כ׳וועל זינגען אַ ליד דיר, אַ פרעמד־ליד: מיין קול
וועט שאַלן צוריק דאָס געבירג דיינס.

לאָדזש, 1946—1947



# קרעפּלעך

(אידיליע)

## 1

סע איז געווען דאַן אַ פרימאָרגן — ווייניק טרעפן זיך אַזעלכע,
דער ערשטער פּרילינג-טאָג, אַ שיינער, אויף די פעלדער פון אוקריינע,
אויף לאַנגע, סטעפּעס, ברייטע ווי דער ים! און ווער האָט עס דער ערשטער
דערזען, פון אַלעמען אַפריער, אָט די פּראַכט פון דעם באַגינען
דעם זאַפטיקן, פון טוי געוואַשן, ווען דער מאָרגנשטערן גלאַנצט נאָך,
אין יענעם טאָג און יענער שעה? — דער לאָרך — געווען איז ער דער ערשטער!
ארויפגעפלאַטערט אין דער הייך, ער האָט פון דאָרט געגענט טרעלן,
געוועקט די דראָסלען אויפן דאך, די שפּערלעך אויף די קוסטעם-צווייגלעך. —
די צווייטע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף די זון, און ס'פלאַמט איר פּנים:
זי שעמט זיך, וואָס זי איז פאַרשלאָפן זיך, און איילט זיך צו איר אַרבעט —
אַ פינדזל טאָן אַ קווייט, באַפּודערן אַ פלאַטערל די פליגלעך,
אַ צערטל טאָן אַ וואָגל-כוואַליע, גילדן שופּן פון אַן אָקון,
דערוואַרעמען די זשאַבע-אייער אינעם טונקל פון טשערעט.
זי האָט געוועקט די בינען מיט אַ שטראַל: „וואַכט אויף“ און אויפגעמונטערט
אַן אָפּגעשטאַנען קאָרנדל. — די דריטע האָט דערוואַכט די זקנה,
דעם רבס אלמנה, גיטל, און צעעפנט שיינענדיקע אויגן.
אַ לויטערער, בלוי-בלויער, אָן אַ זכר פון אַ מינדסטן וואָלקן,
דער הימל וועלבט זיך, און די לאָנקעס מיט די פעלדער, איינגעהילטע

אין פרישע גראָזן, ערשט זיך אויפגעכאַפּטע, נעמען בלענדן;
אין אַלץ טרוימט שלוה, שטילקייט פון אַ בית־המקדש אַ פאַרוויסטן,
ווי ס׳וואָלט דער הימל אויבן און די ערד פונאונטן, שטאַרק געפּלעפּטע,
געשטויגט דער פּראַכט אַנטקעגן און אַליין באַוווּנדערט זייער שיינקייט.

איז גיטל אייליק פון איר בעט דעם וואַרעמען אַראָפּגעגאַנגען
(זי פלעגט זיך צודעקן אויך זומער מיט אַ קאָלדרע אַ דיקע),
און אין אַ שיסל מיט אַ צווילינג אויערן די הענט געוואַשן.
די שיסל איז שוין זייער אַלט, אַ קופּערנע, אַ שווער־און־פעסטע,
זי גלאַנצט און שימערט, ווי נאָרוואָס מיט ציגל־פּודער אָפּגעריבן
(ס׳איז פון איר מומען, רוען זאָל זי אין גן־עדן, אַ מתנה,
צום יום־טוב פון איר חתונה געגעבן איר זי לזכרון,
אַ כלי אַן אַנטיק — בלויז צוויי מאָל זי געציינקעוועט זינט דעמלט).
סע פּליסטערן דער זקנהס ליפּן, ווייל זי דאַוונט אירע תפילות
שטיל־שטיל, ווי אַלע טאָג, און אירע אויגן שמייכלען, שימערירן;
איר האַכט זיך, דער באַשאַף באַגעגנט זי מיט חנעוודיקן שמייכל,
איז אויפגעלייגט און פרייט זיך מיט דער שפע לעבן און זיין שיינקייט.
די תפילה נאָכנישט אָפּגעזאָגט, דערשפּירט איר שוין די קאַץ די ראַבע,
קומט צו צו אירע פיס, מורליקעט בעטנדיק און לעקט איר קליידל;
זי איז אַן אויסגעצערטע, מאָגערע, און ס׳לינען אויס די האָר איר
(ס׳איז דאַן די ליבע־צייט ביי קעץ, זיי פילן אָן די נעכט מיט יאָמער).
— הער אויף שוין, אַלטע טיפּשה! — טוט אַ בייזער זיך אויף איר די זקנה
און טוט אַריין אַ ביסל מילך איר אין אַ שערבל פון אַ טעפּל,
און ה׳לעקט די קאַץ די ראַבע זשעדנע, דורשטיק נאָך איר נאַכט פון וואָגל.

געקוקט האָט גיטל, ווי סע לעקט די קאַץ די מילך, און אומגעריכט גאָר
דערשפּירט אַ שאַרפן אַפּעטיט צום עסן, און סע האָט געטאָן איר
א שלאָג אין נאָז פון קעז־קרעפּלעך דער ריח, קרעפּלעך, וואָס זיך באָדן
אין סמעטענע — און ס׳זעצט פון טאָפּ די פּאַרע פונעם זודיק וואַסער.
דער זקנהס ליפּן שמייכלען, ווייל זי לאַכט פון זיך אַליין אין האַרצן:
פונוואַנען נעמט זיך אָט דער חשק? — און זי לאָזט זיך גיין צום קעלער,
וואָס יאָגט מיט קעלט, אַוווּ עס שטייט דער קעז און סמעטענע אין קריגלעך.
זי שטייט נאָך איבעם טיפן קעלער — פּלוצעם טוט אַ גרילץ אין אויער
דאָס בילן פונעם הונט, און סע דערהערט זיך אויך אַ מענטשן־שטימע:

— אַוועק, דו טייוול אייגער! — ס'איז דאָמאַכעס קול, זי גייט אַהערצו,
נאָר סיריקע הערט נישט אויף צו בילן; הייבט דאָמאַכע אויף דעם שטעקן,
אַ פלאַנצלינג פון אַ גיסלבוים און, אָפּגעמאָסטן אים דעם רוקן,
זי טרעפט אים אין דער קני דער מאָגערער אויף גאָר אַ בייזן שטייגער;
ער האָט פאַר טיפן ווייטיק זיך צעקוויטשעט יאָמערלעך — אַנטלאָפן,
דער עק פאַרהוילן צווישן זיינע פיסלעך, בלויז אויף דריי ער האָפּקעט.
און באַלד האָט גיטל זיך אַרויסגעלאָזט באַגעגענען די גויע.
— גוטמאָרגן, גיטליא! — „אָ, סע איז פאַר דיר אַ גוטער סימן, זע נאָר:
איך קום דאָך דיר, דאָמאַכע, איצט אַנטקעגן מיט אַ פולער כלי!“
— לאַנג לעבן זאָלסטו, גיטליאַ סערדצע! — און דאָמאַכע שמעלט אַנידער
אין ווינקל פונעם חדרל, אַוו ס'איז אויך די קיך — איר שטעקן, —
יאָ־יאָ, וואָס מאַכסטו עפּעס אין געזונט? — „אָט ווי דו זעסט, דאָמאַכע,
דעם אייבערשטן צו דאַנקען, שלעפּ איך אָט אַזוי די פיס פּאַוואָליע.
און דיך ווהיז, דאָמאַכע, טראָגן עס די פיס?“ — איך גיי אין קלויסטער,
אָט טראָג איך דאָ אַ לאַדישקע מיט מילך, אַ ברייטל פאַרן גלח
וואַסיל לכבוד יום־טוב. — „אוי, דאָמאַכע, חגאָ איז היינט?“
— יאָ־יאָ, וואָס רעדסטו, גיטליאַ לעבן, ס'איז אַ שפּילעכל צו זאָגן,
ס'איז היינט דאָך „קליין מיקאָלאַ“! האָסט פאַרגעסן? מאַ. נאָר וואָס אַן אמת,
אויך פיל פון אונדזערע זיך לאָזן אַרבעטן אין פעלד אום יום־טוב.
ס'איז אוים מיט דער אמונה ביי דעם עולם. קומט דען ווער אין קלויסטער
צום גאָטעסדינסט? אַ צוויי ישישים, זקנות דריי, וואָס קוים זיי זשיפּיען;
נישטאָ קיין כוח שוין צו קריגן זיך מיט די פאַרשייטע יונגען.
אַ ליאַדע הינטל פון אָט די, ווי גאָר דו זאָגסט דעם „גיי אין קלויסטער“ —
צעבילט זיך גלייך: „טרעט אָפּ! סע איז דער הייגט דען אַנדערש פונעם נעכטן?“
ס'ווערט ווינציקער דער פרומער דור, ווי אומעטיק די ווענט פון קלויסטער!
ווען כ'קום דאָרט אויפן הויף — איז ווער דאָרט דאָ? אַ בלינדער און אַ קוליאַס,
די אומעטיקע ווענט פון הויז און ס'פּאָטערל וואַסיל אינמיטן.
מיט אומעט קלינגען אויך די גלעקער, קלאָגן אויף דעם קדישה־עלנט.
נאָר ס'פעלן נישט אויך צווישן אייערע קיין כופרים, אפּיקורסים,
וואָס עסן אַלץ וואָס טריף איז, חזיר, און זיי רייכערן אום שבת.
כ'געדענק פון קינדווייז: קומט דער שבת — ווערט דאָס לעבן אָפּגעשטאָרבן,

ס'איז שטיל און רואיק אויפן מאַרק־פּלאַץ, אַזש סע גייט מיר דורך אַ ציטער.
און היינט — אַ חרפּה בלויז, ס'איז שבת — אין מע האנדלט און מע וואַנדלט.

און איך, איך שעם זיך, זאָל איך אַזוי לעבן, קומען צו אַ יידן
אין קלייט אריין אום שבת עפּעס־וואָס ביי אים צו קויפן, גיטליאַ.
און זלמן שעפּסנהענדלער, אייערנעכטן איז געווען ביי אונדז ער,
ער' טרייבט אַ משא־ומתן אויך אום יום־טוב. — זלמן! — כ'האָב געזאָגט אים —
צי רעדסטו זיך באמת איין, וועסט לעבן אייביק און נישט שטאַרבן?
און וואָס וועט זאָגן אייער גאָט? צי שרעקט דיך גאָרנישט אָפּ זיין משפּט?
ס'איז היינט דאָך שבת! — וואָס־זשע? טוט ער זיך אַ קער צום זון צו מיינעם,
דער זלמן: „ריצקע, — זאָגט ער — אפשר שענקסטו מיר אַוועק דיין מאַמע,
און זאָל זי ווערן רב ביי אונדז?“ — אַזוי האָט ער געזאָגט דער חצוף,
ווי ס'לעבן איז מיר טייער. המם... וואָס גייסטו מאַכן מיטן קעז איצט? —
פאַרשעמט האָט גיטל איר געענטפערט: — „כ'וויים אַליין נישט... ס'האָט דער ריח
פון קרעפּלעך פּלוצעם מיר פאַרשמעקט, און כ'האָב זיך נישט געקאָנט באַהערשן;
דאָס שפּריכוואָרט זאָגט אָפּנים נישט אומזיסט: אַ זקן ווי אַ קינד איז.
דער מענטש לעבט יאָרנלאַנג, און ווי אַ שוטה פירט מען אים צום קבר...“
אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון די קלויסטער־גלעקער,
דאָמאַלט טוט אַ נעם דעם שטעקן און די לאַדישקע, דאָס ברייטל,
— אַ גוטן טאָג דיר! — „אַ גוט יאָר!“ — און איילִיק זי פאַרלאָזט דאָס שטיבל.
„סע זענען וואָר דער גויעם רייד, — באַשליסט די זקנה אין איר הארצן —
דער פרומער דור פאַרגייט; וואָס זענען מ י ר, א כּל־שכּן נאָך די קינדער?
המם... זלמן... און מיין זון? און רייזעלע מיין אייניקל זאָל לעבן?
אוי־וויי, אוי־וויי! צי זענען מיר, די עלטערן געווען אַזעלכע?“

זי האָט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט די לאָקשנברעט די גרויסע,
געמאַכט פון פעסטן האָלץ פון טוטנבוים, פון ברעטער ווייסלעך־ראָזע,

פון אויבן מיט אַ גרוי געוועב פון שטרייפן=אָדערן געמיסטערט.
זי לייגט די לאָקשנברעט אַנידער אויפן טיש און נעמט דאָס זיפּל,
זי שיט אַריין אין אָט דעם זיפּל זעמל=מעל פון גאָר דעם פיינסטן
און הייבט אָן זיפּן, שאָקלען, טרייסלען מיט די הענט אירע די פלינקע.
ס׳פאַרקריכן, ווי אַ קלאָרער שניישטויב, אין די לעכלעך פונעם זיפּל
די גרייפּלעך מעל און שפּרייטן אויס זיך אויף דער לאָקשנברעט דער גאַנצער,
אַ שטויבנגרייפּל אויף אַ גרייפּל. און דער אויסשפּרייט ווערט אַלץ גרעסער,
ער בלאַנקט און שימערירט, איז קלאָר ווי ערשטער שניי, וואָס פאַלט און לייגט זיך,
און קושט די ערד די האַרבסטיקע: אַ גרוס דיר פונעם האַר דעם ווינטער!
און ממש ווי די גרייפּלעך שטויב, וואָס פאַלט און לייגט זיך אָפּ פּאַמעלעך,
באַזונדער יעדער גרייפּל, האָבן זיך באַהעפט אין גיטלס המיון
די יאָרן אירע און דאָס אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט איר אין לעבן,
דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, יאָרן מידיקייט און גליק אויף רגעס: —
זי איז אַ קינד... אַ כלה... שוין אַ מאַמע... און — אָט איז זי אַלט שוין,
און איז א באָבעשי, און האָט אַן אייניק, רייזעלע זאָל לעבן.

ס׳פאַרקריכן, ווי אַ קלאָרער שניישטויב, אין די לעכלעך פונעם זיפּל
באַזונדער יעדעם גרייפּל, און זיי פאַלן, נידערן פּאַמעלעך;
אַצינד נעמט גיטל מיט דער האַנט און שאַרט און שאַרט די מעל צוזאַמען,
און מאַכט פון איר אַ בערגל, קיילעכיק און מיט אַ לאָך אינמיטן;
זי האָט צוגוטגעשאַרט זי שווייגנדיק און מיט די הענט געצערטלט,
און קענן איר צעשמייכלט שטייט איר אייניק רייזעלע זאָל לעבן.

## 2

אַ קלאָרס, אַ ריינס און צאַרטס — דאָס קינד מאַכט אויף די אויגן, ס׳איז אינגאַנצן
לויט זיין מהות, סע האָט נישט קיינעם פאַר קיין שותף אין זיין וועזן.
דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, אַלע כוחות אין זיין וועזן דרימלען.
אין שאָטן און אין שוץ פון טאַטע=מאַמע וואַקסט דאָס קינד, ווערט עלטער,
סע ווערט אין זיי געראָטן גייסטיק און מיט זייער זיין זאַפּט אָן זיך.
די יאָרן גייען; און סע קומט אַ טאָג (ס׳נעמט גיטל פינעף אייער,

צעשלאָגט זיי, מישט דאָס געלכל און האָס ווייסל מיט דער מעל דער פיינער
און קנעט די מעל ווי ס'פּאָדערט זיך, זי קנעט און קנעט מיט אַלע כוחות,
און ענדערט שגעל איר מראה, מאַכט צו לויטערן בורשטין זי ענלעך) —
דאָס קינד בלייבט שטיין אָן שוץ אינדרויסן פון דער נעסט דער טאַטע-
מאַמעס,
און ווער סע גייט אים נאָר פאַרביי, דער לייגט אַרויף אויף אים זיין דלאָניע
און לאָזט אויף אים אַ צייכן פון איר שווייסיקייט, און זי צעקרעלט אים,
דריקט צו אים שווער, שוין גאָרנישט ווי די צאַרטע האַנט פון טאַטע-מאַמע.

ס'איז גרוים און שיין געוואָרן רייזעלע, פילט אָן די שטוב מיט פריידן.
באַגינען זי באַגריסט די זונקויל, ווי אַ פעלדלאַרך, מיט געזאַנגען,
און נעמט די זון זיך זעצן, שליסט זי צו די אויגן, שוין אַ מידע
פון מאַכן קולות, זינגען, שפּרינגען, דרייען זיך דעם טאָג דעם גאַנצן,
פון וואַלגערן אין זאַמד זיך און פון לערנען דאַוונען איר ליאַלקע
און זאָגן „מודה אני“. דעמלט האָט פאַרלאָזט איר זון דאָס שטעטל —
באַזעצט זיך אין דעם גרויסן כרך, און ערשט נאָך לאַנגע פינעף יאָרן
האָט גיטל נאָכאַמאָל דערזען איר אייניקל, וואָס האָט פאַרלאָזן
איר נעסט, נאָר ווי, זי האָט זי נישט דערקענט, איר עופהלע דאָס יונגע;
דאָס מיידעלע איז צוגעפאַלן צו דעם בוזעם פון דער באָבען:
איר ווען גיט זיך אונטער דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס לעבט אין הערצל;
נאָר נאָך אַ רגע בלויז — זי עפנט אויף די שיינע אויגן אירע,
וואָס דרינגען אין דער זקנהס האַרץ און פרעגן, ווילן זיך דערוויסן,
וואָס-טוט זיך דאָרטן, ווייל זי שפּירט אין זיך צו איר אַן אָפּגעפרעמדטקייט.
וואָס אַן אמת איז, ס'האָט גיטל איינגעזען: אַ סך האָט זיך געענדערט,
ס'איז אויך אַן אַנדערער דער זון, זי מאַכט זיך אָבער גלייך זי זעט נישט,
זי וויל נישט אַלץ דערזעען, ווי סע וואָלט דאָס בילד געוועקט אין איר אַ
מורא.

דאָס טייג באַקומט די מראה פון אַן אינדישן טאָפּאַז אַ גרויען.
און דעמלט נעמט זי, גיטל, אין דער האַנט די קאַטשלקע די גלאַטע
און פירט זי קייקלענדיק אַריבער אויפן טייג אין אַלע זייטן,
און קאַטשעט, קאַטשעט פעסט, עס דין צו מאַכן, אויסצוגלייכן גלאַטיק,
סע זאָל זיין אויסשפּרייט פינקטלעך אויסגעמאָסטן זיין אין אַלע ערטער;
זי איז געהיט, סע זאָלן נישט אַרויסקומען קיין לעכער, שפּיצן.

דאָס טייג ווערט קיילעכיק און גלאַטיק, ווי געמאַכט מיט זעג און העבעל.
און ס'דאַכט זיך רגעווייז, ווי ס'וואָלט זיך פאַר זיין עקזיסטענץ געראַנגלט,
ס'כאַפּט אָן דאָס גלאַטע האָלץ און האַלט דערין זיך פעסט מיט גרויס
עקשנות,
סע קלייפּט זיך צו מיט האַסט און קראַפּט און צו דער קאַטשלקע זיך
לאַשטשעט...
ס'האָט גיטל זיך ביי דעם געמיט מיט פליים און מיט געשיקטע דלאָניעס.

...זי האָט זי נאָכאַמאָל געזען, ווען ס'זענען יאָרן צוויי אַריבער:
ס'איז רייזעלע געקומען פון גימנאַזיע — שוין אַ גימנאַזיסטקע.
איר איידעלע פיגור איז לויט די פאָרשריפטן אין גרויער קליידונג,
וואָס קלאמערט פעסט, פארשטייפנדיק, ארום איר קערפּערל דאָס קליינע.
ס'איז אַלץ געמאָסטן און געוויגן, לויט דער איינגעשטעלטער אָרדנונג.
איר האַנט באַוועגט זי לויט איר לערערינס און העכערע באַפעלן,
זי מאכט געזעצמעסיק דעם קניקס און לייטיש וועגט די ווערטער אירע.
זי האָט דאַן מיטגעבראכט מיט זיך אַ סוועניר: די לידער פּושקינס
אין ראָזן לייוונטענעם בונד, אַ פּרעכטיק־שיינעם, גאָלד־געליישטן,
„פאַר לייטישער און פיינער אויפפירונג און פליים אין די לימודים“.
דאָס מיידל איז ביים בוך דעם גאַנצן טאָג געזעסן און געלייענט
די לידער אויף אַ קול און מיט אַ ניגון, ווי זיי אויסגעזונגען,
אין אירע אויגן ברענט אַ פייער, אויף די באַקן אירע — פלאַמען.
דאָס בוך געווען איז טייער ביידן, סיי דער זקנה, סיי דעם מיידל:
טאָג־טעגלעך לייענט עס דאָס מיידל, און פאַרנאַכט־צו נעמט די זקנה
און שטעלט אַריין עס אין דעם אַלמער צווישן אַלע אירע ספרים:
דעם טייטש־חומש פאַר ווייבער און די ליבע תחינות פון „בת־טובים“.
אין אָנהייב, וואָס אַן אמת, האָט דערביי דאָס האַרץ אירס זיך געשראָקן,
זי האָט אַ זכות געפונען אָבער פאַר דעם דאָזיקן „טרייף־פּסול“,
ווייל אַנדערש איז עס פון די ביכלעך, וואָס איר אייניקל געבראכט האָט
אַוועקצולייגן אין אַ ווינקל... (און די זקנה האָט גענומען
א גלאָז פון דינעם גלאָז און אויפן טיי דעם פּאָרטיקן געשטעלט זי,
דאָס רענדל פון דער גלאָז אריינגעקוועטשט און — אָט־אָ ווערן רעדלעך.
סע גייט די שאַרף פון גלאָז אריין אין טייג און שניידט עס ווי אַ מעסער.
די רעדלעך, וואָס זי האָט געמאַכט, די זעלבע מאָס זיי האָבן אַלע.
זיי זענען ענלעכע צו זיך, ווי דאָס געפעס פון גוס־זאַוואָדן).

די צוואַנג פֿון דיסציפּלין, געזעץ, וואָס קלעמט דעם נפֿש פֿונעם שילער,
צעשניידט זיין עקזיסטענץ, באַצווינגט, פֿאַרקוועטשט זי אין דעם פֿורעם, וועלכן
זי האַלט פֿאַר גוט און פֿיין, וואָס אים צו ענדערן מע טאָר זיך נישט פֿאַרטראַכטן.
דעם קליינעמס זעל שרומפּט איין, פֿאַרוואָגלט, און צעטרעטן, און צעווייטיקט,
אין בייזיין פֿונעם בייזן נוגש, וועלכער שטרעבט זי צו פֿאַרוויסטן:
זי ווערט אַלץ קלענער, קלענער, ווי אַ ליכט, וואָס ראַנגלט זיך מיט שטורעם,
סע בלייבט פֿון איר כמעט ווי גאָרנישט, — און לסוף, אין יאָרן שפּעטער,
ווען סע פֿאַרלאָזט די שול דאָס ייִנגל, זענען די געדאַנקען זיינע
פֿון ביכער עמעצנס, זיין זעל — די שאַפֿונג פֿון אַ בוך אַ צווייטנס,
און זיינע אויגן קוקן מיט די אויגן פֿון זיין שטרענגן לערער,
און אויך זיין שטים איז ווי די שטים פֿון דעם דערציִער צי אַ צווייטן;
סע זענען זיינע תּנועות — יענעמס, — און זיין אייגענע נשמה
איז אויסגערונען א דערדריקטע...
אָון די זקנה האָט גענומען,
צעריבן קעז אַ שטיקל אין אַ טעלער, אים פֿאַרמישט מיט אייער,
דערנאָך גענומען פֿון דעם קעז, ארויפֿגעלייגט עס אויף אַ רעדל,
אַ טייגן רעדל, אויסגעשניטן מיט דער גלאָז פֿון גלאָז פֿון דינעם,
צונויפֿגעדריקט די רענדלעך פֿונעם טייגן רעדל מיט די פֿינגער,
דעם קעז דערין פֿאַרשלאָסן — און סע זענען ביידע איינס געוואָרן.

...דעם צאַרטן ייִנגלס זעל האָט אויפֿגעהערט פֿון לאַנג שוין זיך צו ראַנגלען,
פֿאַרזאַפּט און אָנגענומען אַלץ פֿון די דערציִער, אויפֿגעכאָוועט
אין זיך די פֿרעמדע לערע, און זי וועט אַרויס אין יאָרן שפּעטער,
דערפֿרייענדיק די עלטערן און לערער — אַ געלערנט קעלבל.
סע טרעפֿט זיך אָבער אויך — דאָס ייִנגל זיך באַפֿרייט פֿון זיינע קייטן,
און זיין נשמה פֿול איז מיט א האַס אן אייביקן, פֿאַרבאָרגן,
צו די פֿאַרשקלאַפֿער און צו אַלץ, וואָס מ'האָט געגייט זי צו פֿאַרערן,
פֿאַרהייליקן אקעגן ווילן; און נישט קאָנענדיק זיך ווערן,
באַהעפֿט זי זיך מיט אַלץ, וואָס זיי האָבן פֿאַרווערט, געלייגט אין חרם.

...די יאָרן לויפן, רייזל איז צוריקגעקומען צו איר באָבען —
צוריקגעקומען אין איר נעסט אַ מיידל אין איר סאמע בליען,
נאָר נישט געווען איז זי שוין פריילעך, ווי אמאָל, סע זענען טיפער
די אויגן אירע, אָנגעפילט מיט אומעט, רק זי שווייגט און לייענט
דעם גאַנצן טאָג, ביינאַכט, כל־זמן ס'איז נאַפט אין לאָמפּ ביי איר פאַראַנען.
סע האָט דער זקנה שטאַרק פאַרוואָלט זיך אָנטאָן איר אַ נחת־רוח —
זי האָט אַרויסגענומען פושקינען פון דעם פאַרמאַכטן אַלמער
און רייזעלען דערלאַנגט — נאָר ס'האָט דאָס מיידל גאָר פאַרקרימט די
ליפּן..

די אַלטע ווערט באַטריבט צו זעען פושקינען אין זיין פאַרשעמונג,
זי גופא פילט זי אָפּ, ווי עמעץ וואָלט פאַרשאַפט איר האַרץ אַ ווייטיק,
און מיט רחמנות שטעלט צוריק אַריין אין אַלמער דעם „טריף־פּסול"
צוזאַמען מיטן טייטש־חומש, דעם סידור און די תחינות אירע.

און איידער נאָך די קרעפּלעך זענען גרייט — פאַרזידט שוין אויפן דרייפוס
אַ טאָפּ מיט וואַסער, לאָזט אַרויס פון זיך אַ פּאַרע און זיך בלעזלט.
די זקנה טוט אַריין די קרעפּלעך אינעם זידנדיקן וואַסער,
און ס'טוט זיי אַ פאַרהויל דער דאַמף...

ווי דאָ דערגרייכט צו גיטלס אויער
דאָס בילן סירקעס — ס'רעדט דאָרט ווער און זידלט, ס'איז אַ מאַנצבל־
שטימע,

זי איז אַרויסגעגאַן און האָט דערזען דעם בריוו־טרעגער פון ישוב.
ער האָט געבראַכט פאַר איר אַ בריוו. און גלייך דערקענט זי — רייזלס
האַנטשריפט.
און מיט אַ האַרץ וואָס קלאַפּט פאַר פרייד רייסט אָפּ זי פון קאָנווערט אַ
רענדל

און גייט צום פענצטער צו, צו קענען בעסער זעען דאָס געשריבנס.
דאָס שיינע פּנים אירס האָט גלייך באַדעקט זיך מיט אַ טויטער בלאַסקייט.
זי האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים ראַנד פון טיש פאַר שרעק זי זאָל נישט פאַלן
אין אוממאַכט אויפן דיל — זי שטאַרקט און זעצט זיך אויף אַ שטול
אַנידער.

געשריבן איז דער בריוו גאָר קורץ, אַ צענטליק שורות בסך־הכל,
ווי פיל אָבער זיי זאָגן, די געציילטע שורות צען, דער זקנה!

„פֿאַרשפּאַרט אין פֿעסטונג... פּעטראָפּאַװלאָװסקער... און אױפֿן משפּט
װאַרט איך“...

„אַ מײדל אין דער תּפֿיסה... װײ מיר, רײזל, רײזעלע מײן טאָכטער!“...
די זקנה האָט דערשפּירט, אַז עפּעס מוראדיקס, װאָס יאָגט אָן אימה,
דערנענטערט זיך, קומט צו און װאַליעט זיך אױף איר, זי צו צעמורשטן,
און זי איז שװאַך, גישטאָ קײן כּוח זיך צו ראַטעװען, אַנטרונען,
און די געדאַנקען אירע גײען אױס, דערשלאָגענע, פֿאַרטונקלט,
די אױגן קוקן שטאַר — נאָר גאָרנישט זעט זי נישט פֿאַר זיך אַקעגן...

און ס'האָט די פֿרילינג־זון זיך אױפֿגעהױבן און פֿאַרפֿלײצט די פֿעלדער
מיט שײן, די װעלדער, לאָנקעס, און אַ שטראַל האָט זיך אַהער פֿאַרגנבעט —
דער זקנהס באַקן צערטלט ער, און זי, זי זיצט און קוקט, האָרכט אײן זיך
צום זידן פֿונעם װאַסער אין דעם טאָפּ, װאָס קאָכט, און רױשט, און
הודזשעט,
און יאָגט אַרױף אַ שױם און פּאַרע, און די קרעפּלעך צװישן בלעזלעך...

װאַרשע. יאַנואַר, 1956 (הײדלבערג)

# דריי אייזליכעם

דריי אייזליכעם שלייכן, אזוי ווי א מעשה,
קיין דן פון באר־שבה: א ברוינע, א ווייסע
און שוואַרצע — מיט דריבנע, פּאמעלעכע שפּרייזן.

סע שלייכט זיך דער דריילינג פאַרביי א מעטשעט —
די שווארצע זיך בוקט, ווייל מע רופט צום געבעט.
צום קלויסטער סע טוט זיך די ברוינע א צי
און פאר דער איקאָנע זיך שטעלט אויף די קני.
א הייליקע חורבה צו זיי קוקט אַראָפּ —
די ווייסע בלייבט שטיין און פארניינט מיטן קאָפּ.

די שוואַרצע א שווערד אויפן רוקנביין פירט,
דעם רוקן דער ברוינערס א צלם באַצירט,
דער ווייסערס — א גילדענעם טעפּעך בלויז שפּירט.

א טעפּעך, נישט מערער, וואָס שימערט פון ווייטן:
משיח אויף מיר וועט בקדוב שוין רייטן.

יעקב כהן

# דריי סאָנעטן

## 1

### אַ וווּנדער־בלום

גאַנצפרי האָט מיר די זון געשיקט פון אירע ווייטן
אַ שיין־בלום, רעגנבויגנפאַרביק, פול מיט חן,
אַלס צייכן פון איר חסד זי געלאָזן שטיין
אויף די טאַפּעטן־בלעטער, אומבאַמערקט פאַר לייטן.

אַ וווּנדער בלום, ס'איז היינט איר ערשטיקער פרימאָרגן,
אַן אָנדייט אויף דער גוטער וועלט, וואָס כ'האָב אין טרוים
געזען פון מיינע יונגסטע יאָרן ער־היום:
זי איז פאַראַן, הגם אין ערגעץ פאַרבאָרגן.

דערנאָך האָט זי גענומען ווערן בלאַס, די בלום,
נישט אויסגעגאַנגען, ניין, אַריינגעגאַנגען שטום
צו מיר אין האַרץ, שוין דאָרט מיט אייביק ליכט צו קוועלן —

אַ ברכה פון דער זון, צום אָנדענק אַ געשאַנק,
ווי צו באַשטעטיקן מיין טרוים, מיין סוד־געדאַנק —
און פון מיין אינעווייניק אַלץ אַרום באַהעלן.

2

## די קראָען

א רוישן פון פליגל אין לויטערן מאָרגן,
אַ „קראַ!“ איבער פעלדער־מרחקים און מיר,
אַ קראָען־געזעמל פליט פריי און אָן זאָרגן —
„קראַ־קראַ!“ — צו דער זון־זייט, פון איינער געפירט.

און פלוצעם אויף לינקס אין שליחות פליט איינע
צום וואלד — מיט פארשפעקטיקטע צוויי קערט זיך אום,
און ווייטער אַ דריטע — די מחנה די קליינע
דעריאָגט אינעם גאָלד פון פרימאָרגן דעם צוג.

אָן אויפהער געזאַמל, געפלי קעגן שטראַלן,
מע פרייט זיך בציבור, מיט פרעכטיקע שאַלן,
מיט רופן פון גבורה — גאָטס האַרציקע לייט!

און ווער האָט דערוועגט זיך דעם רוף צו באַריידן?!
כ׳באַגעגן דערפאַר זיי מיט בושה און פריידן,
ווי ברידער פאַרשעמטע, געקומען פון ווייט.



3

## אַ וווּנדערלעכע שעה

דו, וווּנדערלעכע שעה, די שעה פֿון נאָך דעם זונפֿאַרגאַנג,
מיט דײַנע קרײַזן גאָלד און צניעות־גלי אויף דײַן געזיכט,
און מיט דײַן אומעטיקן בליק, וואָס טריפֿט מיט שטילן ליכט, —
ווּהין איז שווײַגנדיק דײַן בליק געוואָנדן מיט פֿאַרלאַנג?

צו דעם, וואָס איז אַוועק און ס'איז די אייביקייט זײַן גאַנג,
אַ זײַער טײַערער, אַזאַ וואָס האָט נישט קיין פֿאַרבײַט?
צי גאָר צו יענעם, וועלכער דאַרף ערשט קומען פֿון דער ווײַט,
מע בענקט נאָך אים, מע ווײַטיקט, און ער קומט נישט, און ס'איז באַנג?

מיט טיפֿן אומבאַשיידטן ווי איז אָנגעפֿילט דײַן בליק,
און פֿאָרט — ביסט שיין! ווי קאָן דײַן שײנקייט זײַן אַזוי־אַ גרויס,
ווען ס'קומט פֿון תהום אַ שאָטן און דאָס ליכט דער וועלטס לעשט אויס?

צי אפֿשר ווייסטו פֿון אַ סוד, און סע פֿאַרוואָרפֿט אַ בריק
דײַן האָפֿענונג אין דײַן סאָמע קומער ביז דער ווײַטסטער ווײַט,
וואָס איבער אַלע אָפּגרונטן און פֿינצטערנישן רײַט.

וואַרשע. מאַי, 1957

## פאַרנאַכט

פון די ביימער, פון די גראָזן
און פון יעדן גאָרטן־ווינקל; פון דער שטוב־וואַנט,
וואָס באַצירט איז מיט געפלעכט פון בלעטער, רויזן;
פון דער ערד אַליין, וואָס תמיד שווייגט זי,
קומט ער,
קומט ער,
קומט דער סוד דער גרויסער...
שטיל,
פונעם תוך פון יעדער זאַך, פון טיפסטער טיפקייט זיינער,
שפּראָצט ער, גייט ער אויף און וואַקסט פּאַמעלעך,
אָן אַ קלאַנג —
און מע ווייסט נישט, ווען האָט אָנגעהויבן ער צו שפּראָצן,
ווי אזוי דאָס שפּראָצט ער...

און אַ יעדע זאַך ווערט בלאַסער, פון זיין ליב ארוים אַלץ גרויער,
און פון קוואַל פון יעדער זעלע קוועלט אַ ריינע שטילקייט,
פּליסט און שטראָמט, הילט איין א יעדע זעלע...

פּלוצעם נעמען זיך ביים ראַנד באַוועגן די אַקאַציע־קרויזן,
די אַקאַציע הייבט אַרויף די אויגן, סע דערוואַכט די אולמע,
און סע קוקן זיך פאַרוווּנדערט אָן די ביימער,

און די שטוב=וואַנט דורך איר רויזן=פּראַכט פאַרקלערט זיך,
יעדעם גאָרטן=שטעגל שטוינט, א יעדעם דרענגל פונעם פאַרקן:
וואָס? און ווו? פאַרוואָס? און ווי אַזוי?
שטילקייט...

קוקט אראָפּ א גאָלדן=וואָלקן, מיניעגדיק מיט פורפור,
ער באַנעמט נישט די דערשיינונג און צעבלאָזט זיין פייער —
באַלד אויך ער הייבט אָן זיך מערער אַלץ צו לעשן און זיך שטילן,
גרעסער ווערט דאָס אויג פון הימל,
און דער מזרח=ראַנד פאַרהילט זיך אין אַ טונקעלער מחשבה...

סאַראַ פּלא! סאַראַ פּלא! זיך אַליין די וועלט דערקענט נישט!
וואָס באַדייט דער בוים און אָט די באַנק, וואָס שטייט דאָ אומבאַוועגלעך?
די געשטאַלט דעם מיידלס, און די ווונקען פון איר בלוזקע,
און דער גרילץ פון אירע טריט דאָרט אויף דער טראָטואַרן=ווייסקייט?
אויך דער טומל פון די שטיפנדיקע קינדער — אַנדערש איז ער!
און דאָס קלינגען פונעם טראַמוויי, וועלכער קלימפּערט פונדערווייטנס
און פאַרשווינדט ווו אין דער ווייטקייט — —
אַלץ צוזאַמען האָט ארומגעכאַפּט=פאַרהילט דער גרויסער פּלא...

און סע ווערט א יעדע זאך אלץ טונקלער, ביזן גרונט פארפינצטערט,
יעדער בליק ווערט שווערער, טיפער, און אין זיך אַריין זיך ווענדט ער...
אין איר זעלן=שווייגעניש פון אורצייט שטייט די וועלט זיך
און אויף זיך אַליין זיך וווּנדערט —
פ אַ ר ע נ אַ כ ט.

וואַרשע. מערץ, 1957

יעקב פיכמאַן

# דריי סאָנעטן

## 1

### פאַרנאַכט־סאָנעט

די איינציקע, וואָס ס'האָט פון האַרץ אירס ליכט געשטיגן
און תמיד סודותדיק מיט יובל מיך באַגלייט,
וואָס האָט מיט מילדער שטילקייט מיינע טעג פאַרשפּרייט,
און כ'האָט צו איר מיין בלוט פון יעדער וויט געשריגן —

אוי־ווי, טאָג־טעגלעך אירע פרעכטיקייטן פאַלן,
טאָג־טעגלעך מינער ווערט די שפע פון איר בלי,
איר שיין־באַחנטער קאָפּ האַלט גלייך זיך שווין מיט מי,
און שאָטן שפּילט אין גאָלד פון אירע אויגן־שטראַלן.

דאָך יעדעם מאָל, ווען כ'זע זי אין איר גלאַנץ דעם שפּעטן
אַ לויטערע, — מיין לעבן פילט זיך אָן מיט מוט,
אַ צאַרטקייט זיך צעקוועלט אין האַרץ און זינגט אין בלוט; —

ווי ס'וואָלט דער טאָג מיט גאָר זיין פיין און זון אונדז זעטן
בלויז אויסצוצייטיקן אין האַרץ דעם צאַרטן באַגינ
פון אָט־אָ דעם פאַרנאַכט א סאמע לעצט געשאַנק.

וואַרשע. מאי, 1957

2

## האַרבסטונג

ס'איז צייט פון זאַמלונג און געזאַנג! שוין לאַנגע טעג
שלייכט פּוסטאונפּאַסט אַרום דער ווינט, אָן פרייד — דאָס וועטער.
דו נעם אַ ווידלע און צעוואָרף דעם פּאַל פון בלעטער,
וואָס האָט געדיכט זיך אָנגעהויפנט אויף דיין וועג!

צעוואָרף דעם הויפן, וואָס דערדריקט דיך מיט זיין שוים —
און אויף דיין ערב־נאַכט־שטעג זאָל דיין טראָט נישט שטאַמלען!
נעם זאַמל אויף אָן אָפּשטעל, און בעת דיין זאַמלען
זינג אויף מיט פולער שטים דאָס ליד פון גיין פאָרויס!

ס'איז גרויס דער טאָג פון האַרבסטונג. זאָל דיין אויג זיין שאַרף
און לויטער־העל. נישט אַלץ, וואָס בליט, געדייעט, דאַרף
אַריינגענומען ווערן אין דעם שייער גערן.

פאַרקוק אין טונקל פון זיין שוים. דערזעסטו שיין
פון גאָלד פון בליענדיקע זומערס — זאַמל איין.
אַזוי היט איין דיין גוטס. אַזוי געשטאַרקט זאָלסט ווערן.

וואַרשע. אָקטאָבער, 1956

3

##ביימער אין ירושלים

די ביימער אינמיטן פון פעלדזן — ווי פּרעכטיק!
זיי האָבן פֿאַמעלעך געשפּראָצט און מיט מי;
פון זינט אין דעם באָדן פֿאַרוואָרצלט זיך, מעכטיק
מיט יעדער נאַטור־קראַפט געשטאַנען אין קריג.

געלעכערט דאָס שטיין־האַרץ, זיי טעגלעך פֿאַרלירן
דעם אָדערן־זאַפט, און ס'ע ליידן פון שמיץ
פון נאַכט־ווינטן שפּראָצלעך; שוין ביימער, זיי שפּירן
די שפּיזן פון זוגברען פון פּניאָק ביזן שפּיץ.

דעריבער אין באַרג־שטאָט די ביימער — זיי שטייגן
מאַסיוו און מיט לויטערער שיין אויף די צווייגן
אינמיטן פון פעלדזן און שטורעם־געדראַנג.

אַנטבלויזט קענען חמימות, אין בוזעם דערהאַלטן
די קראַפט, און, געוווינטע צו וווּנדער, געוואַלטן —
אין שטורעם זיי רוישן צום אָפּגרונט געזאַנג.

וואַרשע. פעברואַר 1957

# דודס טרויער

די צווייַ און צוואַנציק יאָר, וואָס דער רוח־הקודש האָט זיך אָפּגעשטאָן פון דוד מלך ישראל, האָט ער יעדן טאָג געלאָזט פאלן א בעכער טרערן און געגעטן ברויט מיט אַש.

(תדא״ר)

סע לאָזט אראָפּ זיך אויף דער וועלט די שעה פון חצות.
די סודות־שעה. דעם נעכטנס מינדסטער צייכן זינקט
אראָפּ אין אָפּגרונט, ווי אין טיפעניש א שטיין.
אַן אוראלט־פינצטערניש צעפּלייצט זיך, ווי אַ וואל,
פילט אָן אַ יעדע לויער־שפּארע אין א פעלדז,
אַ יעדע טיפונג אין א טאָל, א יעדן פאַלד אין בערג.
שטייג־אויף, אָ נאַכט, און אויף א רגע כאָטש פיל אָן
מיט דעם געברום פון קילן חצות אויך מיין געמיט
און גיב דעם גלאַנץ פון שאָטן דייגעם אין מיין אויג!
כ'האָב תמיד ליב געהאט צו אויפשטיין האלבע נאכט,
ווען ביזן האלדז די וועלט אין לערקייט זינקט אריין,
און הויערן — אַ חיה — איבער דעם תהום
און זייגן אומגעזעען פון די קוואלן סוד.
געליבט די שעה, ווען גאָט מיט פרייד־געזאַנג
פארזייט די שפּאלטן פון דער גאָרער וועלט, דער ווינט
פון ערגעצן באריט א דרימלענדיקן פעלדז,
און יעדע נאַכט־שטיק איר מעלאָדיע שפּילט דאָן אויס.
אוי! ס'מאכט נישט ריידן מער די שטומקייט פון דער נאכט
מיין ציטרע, און סע שווייגן אויפן ווינטם באַריר

די סטרונעס אירע, ווי אַ וואַלד וואָס איז פֿאַרפֿלוכט;
פֿון זינט סע איז אַראָפּ אויף מיר דער וואָלקן זינד,
באַגעגן איך נישט מיט געזאַנגען דעם קאַיאָר
און בענטש נישט מער דעם טאָג געבוירענעם מיט ליד,
און ווען דער גייסט פֿון גאָט, וואָס כ'בעט זיין קומען, קומט,
באַפֿאַלט אַן אימה מיין געמיט אַ יעדעם מאָל...
נאָר חצות־צייט, ווען מיט פֿינצטערניש סע פֿליסט דער סאָד,
ווי מיט געווירץ, און איין תהום צום צווייטן שווייגט, —
כ'פֿאַרגורע מיין געזיכט אין בוזעם פֿון דער וועלט
ווי גאָר אַמאָל, און אויף אַ וווּנדער קוק איך אויס...

כ'קוק אויס אַזוי שוין נעכט אַ סך, אַ סך! פֿון זינט
פֿאַרלאָשן ס'זענען מיינע שייטערס, נישט פֿון ווינט,
אַ נעפּל האָט פֿאַרשוועכט מיין לעבנס שפּראָצלער, און
אוראַלטער שמאַרץ האָט אַלץ אַדורכגעזאַפּט מיט שרעק.
איך האָב געזען, אַז ס'האָט זיך אומגעריכט די וועלט
געענדערט אין איר שטייגער, און זיך נישט געכאַפּט,
אַז דאָס איז ער דער אומגליק וואָס איז מיר געשען,
און ער איז שרעקלעכער פֿון אַלץ, וואָס נתן האָט
פֿאָרויסגעזאָגט מיר אויפֿן יום־הדין!
כ'פֿלעג טרינקען נאָך אַ פֿולן בעכער יעדן טאָג
מיט ליבע־מעד, האָב אָנגעזאָגט צו געבן רו
די אויגנלעדלעך מיינע, מחמת היפּשער פֿרייד;
און ס'האַרץ מיינס, וואָס איז מיט כּל־הפֿאַרגעניגנס זאַט,
ווי קאָן עס וויסן, אַז סע איז באַגאַן אַ זינד?
ווי בינדט זיך דאָס אַ שאָטן און געדאַנק פֿון שולד
מיט געטלעכער גענאָד, וואָס פּלוצעם זיך צעגיסט
אויף גאָר דער ערד, פֿאַרפֿלייצט זי און באַקראַנצט מיט רייץ,
וואָס קיינמאָל האָט זי נאָך אַזעלכן נישט פֿאַרמאָגט,
און אַלץ וואָס וואַקלדיק אין איר ווערט פֿעסט־מאַסיוו?
איך האָב געהערט דעם נביאס שטראָפֿנדיקע רייד,
און כאָטש כ'בין נישט אימשטאַנד געווען נאָך צו פֿאַרשטיין
און צו באַנעמען גאָר די האַרבקייט פֿון מיין שולד,
איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ פֿאַר זיין געפֿלוד,

און גערן כ'בין געווען, סע זאָל מיך שטראָפן גאָט!
ווי פאַר א רעטונגס־רעגן ס'איז אַ גליאיק פעלד,
אזוי געווען איז רואיק פאר דעם נביאס גרים
מיין הארץ, און וואָס זיין דרוק ווערט הארבער, מיין געמיט
ווערט לייכטער אלץ: איך האָב געגארט אַ ווי אַזאַ,
וואָס זאָל זיך גלייכן מיט מיין גליק, נאָך וועגן מער!
זיין האַרבע זעאונג וועגן גורל פון מיין הויז
האָט ווי אן אויסלייז־שאַל מיין אויער דאַן דערהערט;
פיל שטאַרקער ווי דער שוידער פון דעם חטא האָט מיך
געדריקט דאָס רחבות פון דעם הארץ, די פולקייט גליק,
כ'האָב נישט פארליטן דאָס צו זוכה זיין אומזיסט
און אויסגעקוקט דעם אורטייל, ווי א הארץ קוקט אויס
פארגעלטונג און א צייכן פון גענאָד, אָן שרעק.
און יעדן אומגליק, וואָס דערווארט מיך, כ'האָב געבענטשט,
געהיימערהייד געפרייט זיך אויף א יעדן בראָד,
און אז ער טראָגט מיר אויסלייז כ'האָב געגלייבט...

וואָס אלץ האָב איך נישט דורכגעליטן שוין? כ'האָב זיין
דערצויגן — פון מיין האַרצנס הייסן בלוט די פרוכט —
און איינמאַל איך דערזע: זיי זענען פרעמדע מיר;
און זיי, וואָס כ'האַב פאַר זיי דאָס לעבן מיינס געשטרעקט,
וואָס יעדן טאָג פון מילדקייט, מיטגעפיל צו זיי
פארברענגט געוואָרן איז מיין הארץ — זיי האָבן שלעכטס
פאַרטראכט אַקעגן מיר, ווי ס'טראכט עס נישט קיין פיינט.
די פריינד, מיר טייער מער פון ברידער, פון מיין ווייב
באַגלייבטערע, וואָס כ'האַב דאָס פיינסטע פון מיין זעל
ווי אויך מיין יעדע בריענדיקסטע שאנד פאַר זיי
ביז גאָר איר סאַמע לעצטער נאַקעטקייט אנטבלויזט —
ווי רויבער־פייגל האָבן הינטער מיין געניק
געלויערט און געהיים געקוואָלן פון מיין בראָד.
אוי־וויי, נישטאָ קיין שטראָף קיין שוידערלעכע מער!
צו גיין, מיט אוינן אָפענע, פון פריינד באַגלייט,
מיט צוטרוי תמיד פול, און דאָך נישט זיכער זיין!
אנטרינען פון אַ וואָרן פיינט, וואָס אָפן קעמפט

און וועקט אין דיר א דרימלענדיקע בראַווקייט, קראַפט
פאַרבאָרגענע און זיסלעכן באַגער צו קריג,
און קומען אויף אַ הונפס הענט, וואָס אונטער דיר
גראָבט אונטער זיך מיט פרייד: די פלאַמען פון דיין הארץ
צו לעשן, ווען סע שמייכלט פריינדלעך זיין געזיכט!

פאַרוואָר, מיין הארץ, א צוגעווינטס פון יוגנט אָן
צו ליידן און באַגעגנען יעדן בראָך מיט שאַל
ווי אויף מלחמה, אומגעבראָכן איז ארוים
פון יעדן פרווו, מיט וועלכן כ'בין געווען געפרווווט.
כ'האָב נישט באַליידיקט די יסורים מיינע, ניין!
איך בין נאָך פול געווען מיט פרייד, פארהיט פון לאַנג,
און דער בטחון, וואָס האָט שטענדיק מיך באַגלייט,
האָט איטלעכס מאָל צו נישט געמאכט א נייעם פרווו.
ס'האָט מיין געמיט זיך נישט געזעצט, און ווען איך ווער
פון הענט מיר טייערע געשלאָגן, זינגט נאָך אלץ
פון טרויער פון מיין בלוט ארוים די גרויסע וועלט.
נאָר ס'איז אַוועק אַ לאַנגע צייט און — נישט געבראכט
מיר גאָרנישט נישט. די וואָלקנס האָבן זיך צעשפּרייט,
נאָר שיין באַווייזט זיך נישט. פון אלע פיינט האָט גאָט
באַרואיקט מיך, און דאָך איך ווייס נישט פון קיין רו.
דער הימל האָט געשוויגן, און די זון געשיינט
און זיך געזעצט, ווי ס'איז איר שטייגער, יעדן טאָג,
נאָר איך צעוואַלגערט ליג אינדרויסן פון איר קרייז.
סע האָבן טאָג נאָך טאָג צעשיט זיך מיינע טעג,
ווי דינער זאַמד צעשפּרייט-צעשטויבט זיך אויפן ווינט,
איינאנדער איבערגעפרעסן זיך און נישט געלאָזט
קיין צייכן הינטער זיך פון טרויער, צי פון פרייד.
די פלאַנצן מיינע זענען מיר טאָג-איין, טאָג-אויס,
פון שאָטן נישט געשיצט, געוואָרן וועלק און טויט,
און כ'האָב אראָפּגעלאָזט די הענט און נישט געוווסט,
אַז מיינע תבואה-שפּייכלערס גייען דערווייל איין.
אוי, טעג פון לאַנגווייל, שטומע טעג — צו וואסער גלייך,
וואָס פליצט, פאַרשלעפנדיק די דעק-ערד אונטער זיך!

אָן שטורעם פאלן אָפּ די טעג, און אויך אין זיי
די שטילקייט קרייזט, קיין עכאָ ענטפערט זיי נישט אָפּ
ווי גלייך אין אָפּגרונט קייקלט זיך אַראָפּ אַ שטיין.
אָן שאָטן טעג, סע בלייבט קיין נאָמען נישט נאָך זיי,
קיין שפּור; באַגראָבן איינער אין דער צווייטנס שוים,
מע קאָן זיי נישט קיין ציון שטעלן, און ס'פארשטעלט
די מענגע פּגרים זייערע, ווי א מאסיוו,
דעם טיפן תכלת, וואָס פון ווייטן טריפט אַראָפּ.
ווי מיד פון זיי ס'איז מיין געמיט! איך האָב געוואָלט
זיי אויסמיידן, אנטרינען, ראטעווען כאָטש יו אָ ם.
אומזיסט! אַ טאָג צעטרעט אַ טאָג. פון גאָר קאיאָר
מיך ריגלט אום אַ וועלט אַ מידע ווי אַ שטיין,
און יעדע תפילה ווערט פארגליווערט אין מיין מויל.
אַ לערער קרוג, דאָס מויל אַראָפּ — סע הענגט די זון,
אנטבלויזנדיק די הייוון אירע, און ווי זאמד —
די שטראלן רינען, נישט געזאמלט פון קיין הארץ.
ס'האָט ליכט אויף ליכט געשטיגן, נאָר ס'האָט נישט גערירט
קיין וואָלקן פון זיין צָרט, קיין שאָטן נישט געלייגט,
וואָס זאָל מבשר זיין מיר כאָטש אַ רגע גליק;
און ווי אַ קעמל הויערט אויפן מיטן וועג,
פארמאטערט האָט געקניט, געפאלן איז די צייט.
איך האָב געזען — פארלוירן גייט מיין טאָג, און באלד
פארשווינדט ער, טו איך פאר א פליגל אים א כאפּ:
פארלאָז מיך נישט, כל־זמן האָסט גאָרנישט מיר געשענקט,
דאָס מינדסטע! זאָל נישט ווידער ליגן זיך אויף מיר
דיין אש, סע זאָל נישט קיין גראַטעוועטער פונק
אים איינצוהיטן איבערבלייבן מיר פון אים!
ס'איז נישט דערהערט געוואָרן מיין געבעט. די זון
זיך קערט אַוועק און לאָזט נישט איבער קיין געשאַנק,
און ס וואַלגערט זיך א פּגר פון א טאָג אויפסניי,
לעם פריערדיקע, ביי דעם טויער פון דער נאַכט.

איז וויים איך דעמלט, אַז פארשאָלטן האָט מיך גאָט!

פארוואָר, די ערד געוואָרן איין מאָל איז פּאַרוויסט
אינגאַנצן בלי, און ס'האָט פּאַרטונקלט זיך ס'געזיכט
פון מיטנטאָג, בעת סע האָט געשפּרייזט די זון
מיט מאַכט נאָך אין די גאָרע הייכן פון דער וועלט.
בין איך אַזוי געוואָרן אָרעם אומגעריכט,
צי ס'האָט די גאָרע גויט דער וועלטס זיך מיר אַנטפּלעקט?
סע האָט אַמאָל די נאַכט מיט שאָטן צאַרט פּאַרהילט
מיין בליק, געלאָזט מיך באָדן זיך אין איר אין־סוף —
און איצט ווי אירע אוצרות האָבן זיך אַנטבלויזט?
כ'פלעג ליב האָבן אַמאָל צו שפּירן אויף מיין קאָפּ
דאָס לויפן פון די וואָלקנס גיכן איבער איר —
אַ שוועבנדיקער וואַלד, וואָס פרייליך פאַר מיר לויפט
זיין שאָטן, איילט, און איך — איך יאָג זיך נאָך אים נאָך!
ווען ס'טרייסלט אָפּ פון זיך די וועלט די שווערע לאַסט,
וואָס דריקט זי, ווי כ'האָב ליב געהאַט צו זיין דורך איר
געטראָגן אין דער הייך און הערן דאָס געשריי
פון יובל אירן, פון איר אונטערגאַנג און גליק!
כ'האָב ליב געהאַט צו גיין צום אָפּגרונט מיט געזאַנג,
און ס'איז מיר אומווערדיק געווען יעדער חשד,
און פרעגן, פּרווון, פאָרשן תמיד כ'האָב געהאַסט,
און כ'האָב געטראָגן אָט אַזוי די גאָרע וועלט —
אַ יונגער שפּילנדיקער לייב, וואָס קוויקט דאָס אויג,
אפילו ווען ער לאָזט דיך אָפּפילן זיין צאָן...

און כ'האָב געזונגען דאָן פול לעבנסברויז. ווי נאָר
אַ צפון־ווינט האָט זיך געמאַכט אינמיטן נאַכט
און ווי אַ ליבנדיקע האַנט מיך שטיל באַרירט,
האָב איך דערוואַכט מיט פריידיקן גערויש אין בלוט,
און ס'האָט געיובלט מיין געמיט אין מיר ווי פלאַם,
און כ'האָב צוליב דער שפּע קראַפט, וואָס מיך פאַרפלייצט,
שוין נישט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן אויף מיין בעט.
פון אַלע קוואַלן פון דער וועלט גייט אויף מוזיק
און טראָגט אַוועק מיין האַרץ, און פון די קולות פיל,
וואָס פילן אָן מיין זעל און רינגלען מיך אַרום,

ווי כוואַליעס, קיין אַנטרינונג איז שוין מער נישטאָ.
פון יעדן אַנדיר פון דער וועלט — פון זיך אַליין
די סטרונעס מיינע שפּילן אויף, און ביז קאַיאַר
די יונגע פייגל מיינע שוועבן אויף מיין קאָפּ,
כל־זמן סע וועט זיי נישט פאַריתומען די צייט.
אוי! רייצנדיקע געכט, ווען ליבשאַפט האָט אין מיר
געיובלט, איטלעך טרוקן שטענגל האָט געקוועלט
מיט שטראָמלעך פול מיט וויזיע און, געפלעפּט פון פּראַכט,
איך האָב נישט אונטערשיידעט צווישן פריינד און פיינט.
מיין האַרץ האָט נישט געגלייבט צו ווערן ווען באַהערשט
פון פיינטשאַפט, וואָס פאַר נישטן פאַסט, וואָס טריב מאַכט אויך
דאָס אויג פון געמער, כ׳האָב אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ
פון האָרכן דעם געציש פון שלאַנגען הינטער זיך.
כל־זמן סע האָט פון מיין געמיט געטריפט געזאַנג,
האָט איטלעכס מיסט פאַרקערט דער לויטער פון איר קלאַנג,
און שמוציקייט, וואָס לויערט אין געהיים אויף אַלץ,
אויף אַלץ — האָט צוקומען צו מיר זיך נישט דערוועגט,
האָט נישט געוואַגט זיין שוועל צו שטעלן לעם מיין שוועל.

געטראַכט: אַזוי כ׳וועל זינגען ביזן זונפאַרגאַנג,
און נישט קאַלויצן וועט מיין קוואַל אַן אוממענטשם פוס;
אין אַ געהיימער וועלט איך האָב מיין שפּרוך געשיקט —
זיין עכאָ קומען לויטער וועט צוריק אין נעסט.
און ס׳איז געווען מיין פרייד, פאַרגעסן פון דער וועלט,
צו טראָגן מיין געזאַנג די אויפשטייער קאַיאַר,
וווּ מענטש אין וואַנדער נאָך דעם צווייטן נישט דערקענט,
נאָך איידער וואַנדערער זיך קרייצן אויפן וועג...
אוי, די קאַיאַרנס אומשולד ווער האָט מיר פאַרשטערט,
געעפנט מיינע נעכט פאַר טומלדיקע טעג?
פאַרטאָג נאָך האָבן מיינע פענצטער זיך צעפּראַלט,
און ס׳פרעסט די היץ פון טאָג דעם שאָטן פון מיין וואַלד;
און גאָר דער אוצר פון דעם חצות, וואָס כ׳האָבן אין זיך
געהיט מיט פלאַטער פאַר די קומענדיקע טעג,
סע האָבן הונגעריקע אויגן אים אַנטבלויזט.

און כ'האָב שוין קיין שום רעטונג נישט. איך קאָן נישט מער
געפינען קיין באהעלטעניש אין גאנצן לאנד.
אזוי איז עס דער גורל פון דעם מלכות: שטיין
אַן אָפּגעדעקטער תמיד, פאר א פריינדלעך אויג
ווי פאר א פיינטלעכס, און קיין אויסוועג איז נישטאָ.
פון אלע מלכות־פּענטעס שטארקער האָט געדריקט
מיין הארץ, געפּרעסן עס די נאקעטקייט פון לאנד,
די הוילקייט די אָנשאָטנדיקע פון דער וועלט.
טאָג־איין, טאָג־אויס די מענטשן האָבן מיר געבראכט
די ליבע זייערע, און פון מיין זעל געקעמט
די לעצטע הויט, און נישט דערבארעמט זיך אויף מיר,
און נישט באזיגיקט גאָר, אז שטיקערווייז מיין לייב
צעטיילן זיי אזויארום צעווישן זיך.
מיט צוואנג געצונדן האָבן זיי מיין לעצטן אייל
און זיך געווארעמט פאר זיין צישענדיקן פלאם;
גאָר ווען זיי גייען ענדלעך שוין אַוועק, איך ווייס:
כ'בין זיבנפאַכיק לערער איצט געבליבן שטיין.
אפילו אין באהעלטעניש האָט מיך פארפאָלגט
די מענטשנס ליבע, וואָס האָט שטארקער מיך פארצערט
פון מיינע פיינט און אונטערדריקער אלבאנאנד.

אזוי־אָ האָבן זיך די טעג מיינע צעשיט
ביים אָפּגרונט־ראנד, און איך האָב נישט געגלייבט,
אז נישט צום ראטעווען איז שוין די וועלט צעשטערט.
כ'האָב אלץ נאָך נישט געגלייבט, אז כ'בין אזוי באשטראָפט
צו זעען אויף אַ יעדן שיידוועג: מיין פארמעג,
די אוצרות מיינע וואלגערן זיך אום, און איך,
הגם זיי זענען מיינע נאָך, גיי אויס אין נויט.
איך האָב געדענקט די צייטן פון אמאָל־אַמאָל,
ווען כ'בין געווען נאָך דאָס ליבלינג־קינד ביי גאָט,
ווען ס'האָבן נאָך די מדבר־פעלדזן מיך באטריפט
מיט שאָטן, ווי א וואלד, און יעדער פליך פון סטעפּ
האָט גראָז ארויסגעשפּראָצט פון אונטער מיינע טריט;
ווען מיר אקעגן זינגט דאָס וועלט־הארץ ווי א פריינד,

און יעדע הליבע אין אז ערד־שפּאַלט מיך באַשענקט
מיט װאַרעמקייט, װי דער געליבטערס זיסע ברוסט.
אזוי פאַרשװענדעריש כ'שטרעק דערמלט אויס די הענט!
אַ יעדן פליכעװאַטן, עקרדיקן פעלדז
און איטלעך פעלד, װאָס איז נישט פרוכפּערדיק װי זאַמד,
כ'האָב אָנגעזױגן מיט מײן זעלעם זאַפט; מיט פרייד
געגעבן און באַשענקט, און ס'האָט מיר נישט פאַרפעלט, —
דער איבערפלוס איז גרויס אזוי, כאָטש האלט נישט אויס!

און הײנט איז מײנע הױזדינגסטן מײן נויט באַװוּסט,
און יעדער ראָב, װאָס װערט פון מײנע שיסלען פעט,
אויף מײנע חורבות־אַשן מיט התפּעלות שאַלט.
װאָס כ'האָב זײ מחמת װײכקײט צוגעטײלט מײן הויז,
ביז ס'װאַקסן אָן די פליגל, װאָס כ'האָב זיך געמיסט
זײ האלטן בײ די אײזלטרײבער, — אַלע זײ
זיך פרײען אָפּדעקן די חרפּה פון מײן נויט.
איך האָב מײן אומבאהאָלפנקײט פאַר קײנעמס אויג
נישט אויסבאַהאַלטן און פאַר איטלעכן דערצײלט
װען ס'האָט געטראָפן מיך די נויט. כ'האָב נישט באַגערט
אומזיסטיקע געשענק, און אויסזאָגן ביז לעצט
מײן אויסגעטרונקען־לערן בעכער זיך אנטזאָגט;
געװאָלט פאַרשטומט װערן און שװײגן װי אַ שטײן,
פאַרגעסן אז א ציטרע האָט באַװעגט מײן האַנט,
און קײנער זאָל נישט װיסן װו איך בין, און מער
זאָל נישט געדענקען קײן געהער מײן פיל געזאַנג;
געװאָלט אין פינצטערניש ארײנגדריקן מײן זעל
און מיט מײן בלוט פאַרכלינען זיך, ביז כ'װער
דערשטיקט, צי אלס אן אנדערער איך כאַפּ זיך אויף!
סע האָבן יאָרן פון צעמישונג און פון קריג
געלערנט מיך צו מאַכן שלום מיט מײן װײ
און זינקען אין דעם שאָטן פון מײן זעלעם טיף
ביז צו דערגרײכן צו דעם דעק פון איר תהום:
אזוי נאָר היט זיך אײן פון אונטערגײן דאָס האַרץ!
נאָר גײן טאָג־טעגלעך אין דער שטומקײט פון דער װעלט,

אַן איינגעהאָרכטער אין גערויש וואָס שטייגט אַרויף,
גלייך יונגע פייגל אין דער פינצטער קריכן אום
און טוליען־צו זיך צאַרט, געהיים צו זייער גנעסט;
צו קוקן אין דער הוילקייט פון די נעכט, וואָס פול
געוועזן ווי אַ קוואַל איז מיט מוזיק, און האָרך:
סע נידערט אויף מיין קאָפּ אַ ווינט, זיך קערט אַוועק,
און צערטלעך איבער מיר זיין פליגל צאַפּלט, צוקט!
אויב כ'בין אַן אָפּגעשטויסענער פון גאָט, פאַרוואָס
באַגריסן מיך חלומות, און פאַרוואָס באַזוכט
אַ וויזיע פון נבואה מיך אין שלימער צייט?
אויב ס'האָט געצערנט גאָט, פאַרוואָס נישט ווי אַ פיינט
אין גלי פון צאָרן, וועלכער שלאָגט, גיט קלעפּ
און ביז דאָס האַרץ זיך קילט, נישט ציט צוריק זיין האַנט?
פאַרוואָר, כ'האָב פאַלשן צויבער פיינט און, זינט איך לעב,
אין הייליקטום כ'בין אומגערופן נישט אַריין.
נאָר ס'טרעפט זיך: ווי אַ רויטער שאָטן אומגעריכט
לייכט־אויף, און אומגערופן בלייבט וו אָ ס שטיין פאַר מיר,
און איידער נאָך כ'באַנעם עס, טוט זיך אַ צעשפּיל
אין האָפענונג מיין בלוט, און אַלץ אין מיר זיך טוט
אַ זעץ אַראָפּ, ווי אונטער בלויע וואָלקנס גראָז.
סע שווייגט די וועלט. נאָר יעדער וואָרצל פון די האָר
פון מיינע ווערט ווי מיט געוואַלט געפּליקט פון נעסט,
און ווי אַ וואַל אַרויסגעשטירצט פון דעם תהום,
וואָס ברויזט מיט יובל צו די האַפנס פון דער נאַכט,
גייט אויף, שטייגט אויף מיין האַרץ...
ביינאַכט, ווען סע פאַרוויגט דער שלאָף די ווענט פון הויז,
אַ פינצטערניש, וואָס קלאָרער איז פון איטלעך ליכט,
דעם סאָד פאַרווינדלט, און אַ דרימלענדיקער פלאַנץ
פאַרדרייסט אַרויף זיין שפּיץ און טיף פאַרוואונדערט האָרכט
ווי ס'וועבן זיך די וואָרצלען, פוינדיקע שטיל
אין נאַכטיקן געלעכצעניש און דאָרשט צום קוואַל, —
אַ שפּע וואַרעמקייט לויפט פלוצעם דורך מיין גוף
און כ'גלייב: זי איז שוין דאָ, די גאָטגעבענטשטע שעה.
דער פגם איז אויסגעגלעט, און ווידער כ'בין פאַרפלאַנצט

אין באָדן גאָטס און וואָרצלדיק מיט אים באַהעפט.
נאָר ווען סע קערט זיך אום צוריק דער טאָג, איך פאַל —
אין איינגעשטויבטע בלאַט, ווי יענער ווייסער צווייט,
וואָס ווערט געשמיצט אין שאָטן פון זיין בוים גאַנצפרי,
און ווער דערקענט, אז נעכטן האָט ער נאָך געבליט?
און ווען דער טאָג איז צריקגעקומען, האָט די ערד
א גלאַנץ געטאָן דורך מיינע פענצטער לער. דער ווינט
האָט זיך געזעצט פאר מיין געצעלט און נישט
קיין וויג געטאָן מיין צווייג, מיין פאָרהאַנג נישט באַוועגט.
געטראָפּלט האָט די שיין, און, ווי א קרעציק פערד,
מיט אויסגעפּליכטער גריווע שלייכט אוועק דער טאָג,
און איך, אַ טאָפּל אָרעמער ווי כ'בין געווען,
אין שאָטן זיינעם שפּרייז אנטקעגן דעם פאַרנאַכט.

---

נאָר קומט די צייט פון הצות, נעמט ווידער רופן הילף
מיין בלוט און שטילט זיך גאָרנישט איין,
און אלץ וואָס האָט זיך אויסגעברענט אין מיר ביז אש,
און אלץ וואָס, כאָטש איך ווייס נישט, אין מיר בליט,
גייט אויס. גייט אויס נאָך דיר —
סע ווייטיקט אויס זיין גאָרן ווי צו דיר, מיין גאָט!
דעם טאָג אָן דיר איך וואַרף אוועק — א פוילע פרוכט,
און ווי א לערער שאָלעכץ איז אָן דיר די נאַכט.
ווען כ'שמאַכט אין בענקעניש נאָך דיר — ס'איז דיין גענאָד,
און מיין געוויין פון בלוט צו דיר — דיין שכינה איז.
ס'איז גוט וואָס כ'נעם ביז היינט מיין הונגער אָן פאר ליב
און שטרעק נישט נאָך שיריים־ברעקלעך אויס מיין האנט,
און ס'עקלט מיר די גאָב וואָס נישט דיין האנט דערלאַנגט —
ס'איז גוט וואָס מיין צעפייניקט הארץ זיין פיין נאָך בענטשט,
און ס'לעשט זיך נישט דאָס פייער פון מיין טרער ביינאַכט,
און ס'וועלן מיינע טרויער־טעג זיך ציען, ביז
מיין זעל וועט אויפבליען אויף אייביק פון דאָס ניי!

שרודבאָרוו—וואַרשע. יולי—אויגוסט, 1957

יצחק קאַצענעלסאָן

# באטראכטונג

ביינאַכט, אין מיגוטן פון אומעט איך עפן דאָס האַרץ מיינס,
בלויז שאָטנס און שטילקייט מיד ריגגלען אַרום און באַוואַכן;
סע לייכט זיך אריין דורכן פענצטער דער טונקעלער הימל,
סע דרימלען די וואָלקנס די גרויע אין בלאָנדזשען אין דרימל —
באַליידיקטע ברואים, באַצערטע, וואָס גאָט האָט פאַרשאָלטן:
זייט תמיד פארוואָגלט אין רחבות פון הימל פון מיינעם.

סע דרימלען די וואָלקנס און בלאָנדזשען — פון איינעם זייט=דורך זיך
אַ בלאַסלעכע שיין, די לבנה אין אים איז פאַרבאָרגן.
איך עפן מיין האַרץ, קוק אַריין, וואָס סע מאַכן די טרוימען,
וואָס כ'האָב זיי דערצויגן דערינען פון לאַנג שוין, פון לאַנג שוין...
געבליט האָט אין אים א גן=עדן אום פריליגג מיין קורצן:
מיט יעדן פונק=שיין, וואָס זיין שפריץ אין מיין אויג האָט געטראָפן —
גייט אויף אין אים בליעכץ פון רויזן;
מיט יעטווידער בליק פון אַ וואַרעמען אויג אויף מיין פנים —
צעוואַקסט זיך דערינען אַ ליליע;
אַ הייסער און גליאיקער קוש —
און ס'ווערן דערינען באַשאַפן מלאכים;
און רוט אויף מיין האַרצן אַ קעפל אַ ליבלעכס, אַ שוואַכלעכס —
סע ווערט דאָרט געזונגען א וויג=ליד, —
איך עפן מיין האַרץ און איך זע פאַר מיר שטיין מיין גן=עדן;
כ'וועל גיין אויף די הייליקע שטעגעלעך זיינע שפאַציר,
זיך שטעלן אין שאָטן פון פליגל פון זיינע מלאכים
און דאָרט פאַר מיין נאַכט זיך פאַרבאָרגן...

בייַנאַכט, אין מיגוטן פון אומעט — מיין האַרץ איז צעעפנט,
און כ׳זע מיט די אייגענע אויגן: מיין האַרץ איז פול חורבות !
אַ בוים אַ פאַרדאַרטער, אַ בלום אַ פאַרוועלקטע,
אַ פויגל אַ טויטער — אָן שטאָלצקייט פון פליגל.
אַ מלאך אַן אומעטיק-בלאַסער דאָ זיצט לעם די רעשטלעך,
וואָס זענען פאַרבליבן ביי מיר אין גן-עדן, און יאָמערט —
ביין לויערט אַ שטן, פאַרשטעקט אין אַ פינצטערן ווינקל,
דאָס פנים — צעשמייכלט מיט חוזק... ארוים איז פון וואָלקן
און קוקט דורך מיין פענצטער אריין אין מיין האַרצן —
די בלאַסע לבנה.

ווארשע. מערץ, 1957

**זלמן שניאור**

# דער בלייער

פון אלע שרייב־מכשירים כיטרער איז געווען דער בלייער:
ער איז פארשטארט געוואָרן אויף זיין בויך, דער פוילער
און מאָגערער, דער זייטן־קאנטיקער מיט גלייכע עקן;
אָן מינדסטן ביסל ליבשאפט־זאפט אין די געדערעם,
אָן חניפה־זיסקייט אויפן צינגל.
ער וואַרעמט זיך אַזוי אין ליכט פון שויב, און ווערט נישט וואַרעם;
און אויף זיין זייט אַ סוהריש שילדל שימערט:
„פאבער נומער צוויי...“

גאָר ס׳טרעפט, אַז צווישן כתבים, הויפנס פערגאמענטן,
זעט אויס ער, ווי אַ שלאַנג א פיל געניטע צווישן בלעטער;
באַהאַלט זיך און באווייזט זיך ...אָט אזוי ער לאָקערט,
און פון זיין מויל זיין בלייען צינגל שטעקט ארויס אים
מיט סאמע דינסטן שפּאָט, און ס׳איז זיין גיפט פארבאָרגן.
ער ווארפט אַ בליק בגנבה צו דער טינט־פען,
וואָס באָדט כסדר זיך אין שווארצן שוויים און זשאַווער
און יעדע רגע זיבן מאָל גייט טבילה,
סע רינט פון איר פון גרויס פארשמייעטקייט די סלינע,
און שיט מיט הויפנס רייד, ווי אין געוועט געגאנגען,
און אין געלויף פון גלייכן וועג פארבלאָנדזשעט.

ס׳איז אָט די האָלץ=שלאנג פעסט ביי זיך און זיכער,
אז לאנג וועט נישט געדויערן, איר ריי וועט קומען:
מע וועט זי, ווי אן אויבער=אָרדנונגס=היטער, רופן,
און זי וועט אויפן טרויער=וועג פון טינט זיך דורכגיין
אָן חשק כלומרשט און א צענטליק מאָל צוריק זיך ציען;
סע וועט איר שטעכלער מיט זיין בליי א שפריץ טאָן
און וואָס ס׳איז איבעריק און אגבדיק פאריאָגן,
און אויף דער פעגם חטאים ע ר וועט זיין מכפר
און אָפווישן איר שוויים און אירע שפריצן,
און אָפזאָגן א שארפן פסק און מאכן דעם סך=הכל —
אויף לעבן אייביק,
צי גיין אין אויוון.

(תרפ"ב) מ׳עזדזי=זדראָיע. אויגוסט, 1957

# אויפן טויט פון א זייגער

אַ הימל־האָריזאָנט, אין קעשענע־פּאָרמאט,
ביי מיר אין וועסטל ליגט לעם הארצן;
זיין אינגעווייד איז שטאָל, רובינען — זיינע אקסן־נעסטן,
און די קאָפּערטע — גאָלד.
מיט לייכטע פיסעלעך און רעדלעך קליינע
ער יאָגט זיך תמיד נאָך דער צייט דער גרויסער —
ווי אין געוועט אַ מיק יאָגט נאָך אַן אָדלער אין זיין פלי —
און טיקעט, לאָזט נישט אָפּ זי.
ווי מיט אַ כישוף־קלאנג ער גיט מיר איבער
דעם עכאָ פונעםווירבל פון דער ערד
אין איר געלויף ארום דער זונראָד.
סע קלאפּט מיין הארץ, און ער דעם ענטפערט,
ער ציילט, ער ציילט, ער ציילט:
ער ווערט נישט מיד צו ציילן פון דער אייביקייט די שטויבן —
טיק־טאַק, טיק־טאַק,
אַ רגע נאָך אַ רגע.
די קראַפט פון זיין געדולד איז העכער פון דעם מענטשס השגה,
און מיט זיין קראפט אָט־דער דערנערט ער מיינע;
לויט זיין באַפעל איז איינגעשטעלט מיין טאָג,
און ער באַשטימט די ריכטונג און די גרענעץ פון מיין ארבעט.
און אויך מיין שלאָף באַוואַכט ער,
איז וואך און טריי די גאנצע נאכט.
ווען כ׳וואך זיך אויף — באַגריסט ער מיר
מיט צאַרטער און געשווינדער שטים:
„גוט מאָרגן דיר, מיין האר!“

און מיט אן איידל פינגערל מיר טייטלט:
אין דער־אָ שעה... געדענקסט?
און אָט אין דער — פארגעס נישט!
אין דער־און־דער־אָ שעה, אין אָוונט,
ווארט די־און־די אויף דיר אין פארק...

נאָר אָט־אָ האָט געפּלאַצט די האָר,
און שטייף געוואָרן איז זיין פינגער;
ס'איז שטום געוואָרן זיין מעטאַלן מויל,
און ער איז שטיין געבליבן.
מבולבל איז געוואָרן גאָר די וועלט,
און ס'קלאַפּן פון מיין הארץ — פאריתומט.
די זון גייט אונטער און גייט אויף צו נישט דער רעכטער צייט,
דער אָוונט־נעפּל לאָזט אראָפּ זיך אומגעריכט,
און אומגערופן די לבנה־שיין קומט אָן.
ס'גייט אָן געשמאַק אוועק א טאָג זיך נאָך א טאָג,
און ס'ווערט פון זיס און ביטערס און געזאַלצנס
איין לעמעשקע אָן טעם־און־ריח.
ס'איז מיט איר וועג אַוועק די צייט די גרויסע,
און איך האָב נישט דעריאָגט זי;
איר פלייץ האָט אויף אַ זייט מיך אויסגעבראָכן,
עלהיי א שטענגל אויפן וואַסער, אין א לאַנד א פרעמדן.
אַ שיידוואַנט האָט געשטעלט זיך צווישן גאַס און הייזער,
און כ'האָב, ווי א לונאַטיקער, געבלאָנקעט צווישן מענטשן,
און אויך אין שטוב געלאַכט פון מיר עס האָבן מאַסקעס...
אין פּאַרק בין איך אין אָוונט נישט געקומען;
און קומענדיק, שוין נישט געטראָפן
די שיינהייט יענע אינעם שלייער,
און כ'האָב זיך אויך צום הארצן נישט גענומען.
איך האָב געוווסט: פארווישט סע זענען מיינע טעג די לעצטע,
פארקלעקט מיט טינט — די נעכט אין לעבנסבוך אין מיינעם;
און ווי אַ הונט כ'בין נאָכגעלאָפן אַלע יאָרן
נאָך עמעצן, וואָס ס'זענען אים באַקאַנט די וועגן,

אַ מעכטיקער, א קאלטער און אַן אויפטוער א גרויסער, —
און כ'האָב אַראָפּגעבלאָנקעט אויף אַ זייט אַ קליינע רגע.
און אַט איז ער אוועקגעגאַן, דער ג ר ו י ס ע ר,
און האָט נאָך מיר זיך נישט פארבענקט קיין רגע;
ווייט־ווייט איז ער אַוועק שוין.
און איך שנאַפּ־אוים זיין טראָט אין וועלט־שטויב,
און וואָיע אין זיך עלנט;
אַז ווי מיר פון מיין פרייהייט,
און ווי מיר ווי פון מיין פאריאָכטקייט,
מיט אָט דעם טויטן האָריזאָנט אין גאָלדענער קאָפּערטע.
ביי מיר אין וועסטל־קעשענע לעם הארצן!...

(תרפ"ב) מיענדזי־זדראָ'ע. 1957

## דאָס גלעקל

באַוואַכסט מיין טיר, געגליכן צו אַ שטומען וועכטער,
און אויך מיין טרוים, צו וועלכן כ'ביין אַנטלאָפן
פון שטאָט און פון די מענטשן און די לעבנסלייִדן;
גאָר ווי אַ וואָרנונג פאַר אַ שׂרפה און גנבים,
אזוי צעוועקסט מיך פלוצעם פון דער שטילקייט
און גליִנגלסט מיט דיין צינגל דעם מעטאַלנס:
„אַ גאַסט געקומען, ס'איז אַ גאַסט געקומען!"

גריליִ-גריליִ, מיין חבֿר, זון פון קופּער!
פאַריאָג די וויזיעס מיינע, גלייך ווי פייגל,
אויף שפּליטערלעך צעפּיצל מיין מנוחה:
„אַ גאַסט געקומען, ס'איז אַ גאַסט געקומען!"

אַ קינד אַ גרויס אין אומשולד און אין צוטרוי —
איך דריי זיך דאָ ארום אליין דאָך
צעווישן ווענט און קעגנשטאַנדן, בילדער און געוועבן,
ווי אָדם אין גן-עדן — אָפן הארץ-און-זעלע,
אנטבלויזט דאָס פּנים, אוי! מיין בליק — אַ גלייכער.
זיי זענען ברידער אומבאַלעבטע אַלע, אַלע,
איין לשון א געהיימס מיר האָבן אַלע:
אַ בליק, אַ ווונקל, אַ קאָליר, אַ שמייכל,
און ווען דו קלינגלסט —
איך צי ארויף געאיילט אן ערנסט-מאַסקע
אויף מיין געמיט דעם לייכטן און מיין אָפן פּנים,
מיין הארץ פאַרדעק איך מיטן שילד פון דעם קולטור-מענטש,
באַשמיר די פּייל פון מיינע רייד מיט האָניק,
און א באַוואָפנטער, פון קאָפּ-שפּיץ ביז די זוילן,
איך גיי די געסט אַנטקעגן,
וואָס רייסן זיך אריין פאַרבעטענע און אומפאַרבעטן
צו מיר אין הויז און זיין גן-עדן-שטילקייט.

(תרפ"ב) מיענדזי-זדראָיע. אויגוסט, 1957

## דער אַלטער קאַם

מיט אָט דעם שווארצן קאַם אָן ציין
און מיטן פלאַץ איז רוקן —
כ'פלעג ליב האָבן צו קעמען אירע לאָקן גאָלד
אנטקעגן גרויסן שפיגל.
אשטייגער ווען איז דאָס געווען? שוין לאַנג... נאָר דאַן
מיר זענען ביידע, איך און ער, דער קאַם, געווען נאָך יונג.
ס'האָט גאָלדלעך זייד געפלאָסן לעבעדיק און קיל
דורך פינגער הייסע.
סע האָבן בלויע פונקען — ליבע־בליצן
פון אונטער קעמענדיקער האנט פון מיינע זיך געריסן
און ריידנדיק געמאכט איר צאָפּ, וואָס זיך צעלאָזט —
אן עק פון א קאָמעט, אויף אירע אקסל.
ס'איז קליין געוואָרן איר געזיכט אין דעם מאסיוו פון לאָקן
און האָט ארויסגעשטראַלט פון זייער רעמל;
אויף יעדן קיצל פון דער האנט, דעם קאַם צו מיר געשמייכלט —
א פנים פון א לייבין וואָס זיך פיעשטשעט.
און הינטער אונדז, אין אָפּגעשפּיגלטער פּארטיפונג,
געוונקען האָט א זיידן, רויט געלעגער,
דער פיעדעסטאַל פון ליבע, וואָס געוויגט איז מיט יום־טובים.

אין יענער צייט דער קאַם האָט מיטגעמאכט מיין לעבן,
אויך ער, נישט אַנדערש, האָט געלעבט זיין סודיק לעבן;
סע איז א חלק פון מיין היץ צו אים אריבער,
צוזאמען מיט מיין ליבע־גורל, און האָט אים באפרוכפּערט.
פּארוואָר, ווען ס'האָבן אָפּגעצוויטעט די באַגערן מיינע —
ארויסגעפאַלן זענען זיינע ציין די אָפּגענוצטע;

און ווען זי האָט פאַרלאָזן מיך, און איך האָב זי פאַרלאָזן —
זיין רוקן ווערט געבויגן, און סע פאַלט אויף אים די זקנה.
ביז היינט צו טאָג ער וואַלגערט זיך אַרום נאָך
אין וואַנט־צימער אויף אַ טישל אַ צעלעכצטן
און קוקט דערשלאָגן, איבעריק פון צווישן שברי־כלים;
ער לאַכט צו מיר אָנצייניק, ווען איך גיי פאַרביי אים,
צו וועקן מיטלייד און זכרונות.
און איך פאַרשטאָק דאָס האַרץ און קער אַוועק די אויגן,
און גיי פאַרביי... איך האָב נישט ליב קיין פּרוכטלאָז ליידן.

נאָר צייטנווייז זיך לאָזט אַראָפּ אַ צאַרטער אומעט,
זיין זיסקייט — ביטער, און זיין האַרבקייט ליב איז, —
כ'באַטראַכט מיין שויבער, וועלכער שיט שוין אויס זיך, און
דערמאָן זיך
דעם געבעכדיקן, וועלכער איז דורך אים געשוווּמען
און האָט צעשאַרט די קרויזן פון די ליבסטע מיינע.
איך גיי און שלעפּ אַרויס אים פון פאַרוואָרלאָזטקייט פון זיינער
און רייניק אים פון שטויב פון לאַנגע יאָרן;
איך עסק זיך מיט אים, און מיט זיין צייניק רעשטל
פאַרקעם דאָס רעשטל פון די לאָקן מיינע אויפן אקן.

און מיטאַמאָל ווערט קלאָר מיר, אז ער שעמט זיך,
באַהאַלט דעם פּגם פון זיינע ציין אין פליך און מיינעם,
און קאָן נישט...
ער שעמט זיך מיט זיין זקנה און דער ענדע פון מיין יוגנט,
און דאַנקט מיר פאַר מיין נישט פאַרגעסן אים לחלוטין.
מיר שמייכלען ביידע איינער צו דעם צווייטן,
מיר בעטן זיך איינאַנדער איבער אָן אַ וואָרט צו ריידן,
און מיר פאַרשטייען גוט זיך קעגנזייטיק.

(תרפ״ב) מיעדזי-זדראָיע, אויגוסט, 1957

## בנימין

סע איז געווען ביי אונדז אין דרהיים אַ קעצעלע א קליינס,
אינגאַנצן שוואַרץ, די אייגלעך — צוויי שמאַראַגדן;
די וואָנצעס, ברעמען — אויסגעשטרעקטע שטראַלן ווייסע־בלאַנק,
דאָס עקעלע — געפּלעקט, מיט לאַפּקעס ווייסע.
ס'איז טאָג און נאַכט; אין שפּילן ווי אַ שאָטן איז עס פלינק,
אַ סוד פון אַ מכשף־יונג — זיין געגנל.
און מיך האָט עס געהאַסט, געהאסט... פאַר וועלכן און פאַרוואָס?
נאָר ליב געהאט מיין ברודערל דאָס יינגסטע.
מיט אים געשפּילט זיך, נישט געגראַבלט, אָבער קוים דערשפּירט,
אַז איך דערנענטער זיך — סע שטרעקט די נעגל.

נאָר איינמאָל האָט געטראָפן, אַז סע האָט דער חיהם האַריץ
זיך אויפגעעפנט אויך פונמיינעטוועגן:
מע האָט אויף אונדזער טיש אַוועקגעשטעלט אַ בלעטל גיפט,
פאַרזעען מיט אַן אויפשריפט „סם פאַר פליגן!“
ס'האָט נישט געקאָנט דאָס קעצל אונדזערס לייענען, און האָט
אין דורשט נאָר היפּש זיך אָנגעלעקט פון בלעטל.
סע טוט די וואָנצעס זיך אַ גלעט. אַ שפּרונג... און מיטאַמאָל
הייבט אָן זיך אין קאָנוולסיעס צו דרייען,
פאַרוואַרפט דאָס קעפּל, צוקט... מיין ברודערל לויפט אום געפּלעפט,
ווי עמעצער וואָס האָט דעם זין פאַרלוירן.
און איך — אַ קאַלטער, אַ באַדאַכטער. כ'פּאַק דעם גוסס פעסט,
אָט ווי אַ פיינט וואָס ס'איז צעשטערט זיין וואָפן.
סע צאַפּלט, קרעכצט און גראַבלט. ס'עפנט אויף ביגוואַלד דאָס מויל,
אַ העל־רויט מויל א פולס מעטאַל־שטויב־נאָדלען.
און כ'גיס דעם זויערמילך געמישט מיט בוימל אינעם שלונג —
געראַטעוועט.

סע ליגט אויף דער קאָשעטקע שטילערהייט דעם גאַנצן טאָג,
פאַרקוקט אין זיך אריין מיט אייגלער מידע;
דאָס בייכל, ווי אַ בלאָזזאַק, הייבט אַרויף זיך, פאַלט אַראָפּ,
אויף קיין שום קלאַנג ס'באַוועגט נישט מיט קיין אויער.
צי שעמט זיך עס צו קוקן אָפן, ווי אַ שולדיק קינד,
צי טראַכט עס וועגן רעטער זיינעם?
ניין, ניין. דאָס קליינע איז פאַררים! און פון היינט
נאָך שטאַרקער, זיבנפאַכיק וועט מיך האַסן...

ביינאַכט אויף מיין געלעגער, פּלוצעם כ'האָב דערהערט אַ קלאַנג,
ווי טויבן וואָרקען ווען זיי שפּילן ליבע;
און ס'האָט אַ האָריק מאָרדעטשקעלע אויף מיין באַק
גענומען רייבן, וועקן אין מיר פריינדשאַפט.
דאָס קעצל ס'איז אינגאַנצן צאַפּל, און סע זינגט אַרום
די דאַנקבאַרקייט פון אינגעווייד פון זיינעם.
און סע דערטאַפּט באַהיט זיך צו מיין אויער מיט אַ גלעט
אַ ציטעריקן פון זיין זיידן פעלכל,
וואָס מיינט צו זאָגן: „כ'האָב דיר ערשט דערקענט... פאַרגיב, פאַרגיב..."
און לייגט זיך ביי מיין זייט אַנידער רואיק.
ווי כ'וואָלט אַ ברודער־אויף־די־אַלטע־יאָרן ערשט אַנטדעקט,
וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט זיך אין אוראַלט־געפלען.
מיר גלוסט זיך וויינען, גלייך ווי יוסף ווען ער האָט דערקאָנט
בנימינען זיין ברודער... און כ'באַהערש זיך.
א פּיינער מעגמש זאָל וויינען מחמת פריינדשאַפט פון אַ קאַץ
אינמיטן מוטער־נאַכט אויף זיין געלעגער? —

(תרפ"ב) — וואַרשע, אויגוסט 1957

דוד שמעוני

# ביים שטראנד פון ים

1

## ווי גאָלד ווי לעבעדיק צעשמאָלצנס

סע יווירט דער ים ווי גאָלד ווי לעבעדיקס, צעשמאָלצנס:
די  כוחות דער נאַטורס די פעסטע און מאסיווע
צעגאַנגען זענען אויפן פלאַקער פון דער אָב=זון
און ציטערן מיט אַלע מיניענדיקע פאַרבן,
און אויף די שטרעקעם ריזיק=ווייטע זיך צעגים
מיט דעם געזאַנג פון יוגנט אייביקער און פרישער.

ווי אַ געוועב אַ דינס, וואָס קוים דער בליק דערכאַפּט עס,
באַצירט מיט מוסטערן פון פערל און שמאַראַגדן,
סע ציטערט אַ צעבלישטשעטע די שוים די ווייסע.
ווו זענט איר, שיינהייטן פון גאָר דער וועלט דער גרויסער?
ווו זענען עס די מירמל=אַקסל, וועלכע קאָנען
זיך גלייכן מיט אָט דעם געוועב דעם וווּנדערבאַרן?

און אָן אַ מינדסטן פלעק סע איז דער בלויער הימל.
איך ליג זיך אויפן זאַמד דעם גאָלדענעם פון ים=שטראַנד,
געלאָזט אויף הפקר פאַרן פלאַקער פון דער אָב=זון.
ס'האָט אויך אין מיר זיך גאָלד צעשמעלצט, גענומען שפריצן,
אַ גליענדיקע קדמון=כוואַליע זיך צעציטערט
אין בלוט, וואָס איז געוואָרן פאַר דער צייט פאַרגליווערט...

2

## אַ קלײנער פֿױגל

אַ קלײנער פֿױגל טענצלט אױפֿן גאָלדענעם געזאַמד,
דעם גאָלדענעם געזאַמד בײם ים דאָ אױפֿן שטראַנד.
אָ, פֿױגל קלײן! ביסט אײנזאַם, אײן־אַלײן,
אָ, פֿױגל, קלײן! כ׳בין אײנזאם גלײך װי דו,
דערנענטער זיך צו מיר, שפּרינג צו,
און לאָמיר זיך פֿאַרװײלן.

אָ, פֿױגל קלײן! סע שפּרײט דער ים זיך ברײט אַזױ,
גישט אױסצומעסטן איז די שפּע פֿונעם ליכט,
און ס׳האָט קײן גרענעץ נישט דער הימל־בלױ,
און דאָך — אין גאָר דער פּראַכט, דעם גלאַנץ —
ביסט אײנזאַם גאַנץ,
אױך איך בין אײן־אַלײן װי דו —
דערנענטער זיך, שפּרינג צו...

און װי איך װענד צום פֿױגל קלײן מײן שטים,
כ׳דערזע אַ צװײטן שפּרינגען שױן לעם אים,
און װי אױף זײ צו קוקן כ׳הער נישט אױף —
זײ טוען מיט אַ פֿרײד־געצװיטש אַ שװעב ארױף,
און איבער אױבערפֿלאַך פֿון ים צװײ פֿײלן פֿליען שנעל,
זיך שארפֿן אױף די כװאַליע־רוקנס — װעל נאָך װעל
און טוען זיך אַ הײב, אין בלױער שײן פֿאַרגײען...

איז ביסטו דאָך נישט, קליינער פויגל, איינזאַם,
איז איינזאַם בין נאָר איך אַליין,
דעם מענטשן בלויז געשעט ער זאָל אַליין זיין
אין אָט דער גאָרער שווייגנדיקער פּראַכט...
אַ קליינער פויגל אויפן זאַמד־גאָלד האָט פאַרבראַכט,
אָ, פריד צו דיר, מיין קליינער פויגל..

שרודבאָרוו. ניו־יאָר 1957

# דער יורד*

(אידיליע)

איז ווען איז געפאַלן דער יורה צוריק מיט א יאָר און מיט צוויי יאָר?
סע גייט אַ געשפּאַר וועגן דעם צווישן יפת בן זכריה און יצחק
בן פנחס, ווען ביידע אין אָטשערע שטייען מיט בייכיקע קרוגן,
געלענט אויפן צוים פון אַקאַציעס און וואַרטן געדולדיק ס'זאָל קומען
די ריי שוין צו זיי אויף צו פּאָמפּען דאָס וואַסער פון פּלומפּ אין די כלים.
צוזאַמען מיט זיי נאָך אַן עולם אַ היפּשער באַלעגערט דעם פּלומפּ-קראַן,
דעם איינציקן פּלומפּ אין תימנישן דאָרף מיטן נאָמען — ברכיאל,
באַוואָפנטע אַלע מיט כלים, מיט פּעסלעך, מיט באַנקעס און קרוגן,
מע שרייט און מע טומלט איניינעם, מע רייסט זיך אַלץ נענטער צום פּלומפּ-קראַן,
נאָר גלייכצייטיק האָרכט מען זיך צו צום געקריג און מע מישט זיך דערינען.
געדרויש און געקלימפּער פון כלים, געלעכטער און בייזער געזידל —
דער בייזער געזידל געווענדט איז אַקעגן דעם קליינעם משולם,
אַ יונג פון צען יאָר מיט געקרייזלטע פּאות, וואָס איז מיט זיין אייזל,
באַלאָדן מיט קרוגן און באַנקעס, אריין און פאַרקאָריקט דאָס ליקל,
וואָס צווישן די ליימענע הייזקעס און שטעכיקן צוים פון אַקאַציעס.
צעשרייט אויף אַ קול זיך דער אייזל דער קוציק, ווי ס'וואָלט זיך אים וועלן
באַשיצן זיין קליינעם באַלבאָס מיט זיין שניידנדיק-גרילציקער שטימע,
נאָר ס'נעמט זיך נישט איבער משולם, ער כיבעט און שרייט צו די זידלער:

---

* יורה — פרירעגן, דער ערשטער רעגן אין ישראל (אין די חדשים חשון און כסלו).

— אַוועקט פונעם וועג פאַרן רייטער! לאָזט דורכפאָרן, העי, מיינע הערן!
ס'צעטרעט אייך מיין פערד, מיט די מעכטיקע קאָפּיטעס מאַכט פון אייך
אשפּח!
איר זעט ניט, ווי כמאַרעס מיט רעגן דעם הימל דעם גאַנצן פאַרטונקלען,
און באַלד וועט אַ פּלייץ טאָן אַ מבול, פאַרדאַרבן מיין זיידענע קליידונג!? —
צעלאַכן זיך אַלטוואַרג און יונגוואַרג און רוקן זיך אָפּ אין די זייטן
און מאַכן אים פּלאַץ, ביז ער רייט זיך אַריין אין דעם איילבערטן־ווערדל,
דאָס ווערדל, וואָס צווישן דעם ישוב ברכיאל און ישוב כפר־חצרות,
דעם דאָרף פון די וויינגערטנער שיינע, צעשפּרייט איבער היגלען און טאָלן,
וואָס בליקט צו די בערג פון יהודה, — זיי ווערן פאַמעלעך פאַרהוילן
און טוקן זיך ביסלעכווייז אונטער אין כמאַרע־געזעמל דעם שווערן.

איז ווען איז געפאַלן דער יורה צוריק מיט אַ יאָר און מיט צוויי יאָר?
די מיינונגען זענען צעטיילט וועגן דעם שוין אַ האָר און נאָך מערער,
און יעדן פרימאָרגן ברעכט אויס דאָס געקריג צווישן יפת און יצחק
אויפסניי, ווען זיי קומען צום פּלומפּ מיט די ערדענע בייכיקע קרוגן
און שטעלן זיך איין אין דער ריי אין דערוואַרטונג צום אָנפּלומפּען וואַסער.
דער פּלומפּ האָט פון לאַנג שוין געדינט אַלס אַ פּלאַץ פאַרן קוואַרטל דעם
גאַנצן.
וו ס'קלייבן צונויף זיך די ווייבער צו טרייבן רכילות, זיך קריגן,
זיך איבערצובעטן און אויפדעקן אַלץ פון דער טיף פונעם האַרצן;
וו מאַמעס באַראָטן זיך, וואָסער קמיע ס'איז בעסער צו הענגען
דעם קינד אויפן העלדזל — אַ זיכערע סגולה פאַר יעדער מין מחלה;
וו זקנות באַריידן מיט צאָרן די ווייבלעך פון דור פונעם נייעם,
וואָס האָבן פאַרלאָזט די פאַרצייטישע זיטן, געבראַכטע פון תימן;
ניט אַלע געפעלט זיך צו קליידן אין הויזן, וואָס גרייכן די זוילן,
ווי ס'טראָגן די ערלעכע יידענעס צניעות, געקליידט לויט מנהג,
זיי האָבן גענומען זיך אויסאיידלען, פאַנקעווען אויכעט די קינדער,
סע איז זיי שוין מער ניט צום האַרצן צו וווינען אין ליימענע הייזקעס,
זיי ווינטשן זיך הייזער געראַמע און דווקא מיט שטיינערנע דילן,
הגם אינדערעמתן זענען דאָך ערדענע, ליימענע דילן
געזונטער אַ סך פאַרן מענטשן, ווי דילן פון שטיינער די קאַלטע,
נאָר ס'זענען די טפשות מקנא די ווייבער פון די אשכנזים...
סע האָבן דאָרט מיידלעך גערעדט אין דער שטיל פון די קליידער און צירונג,

געזען דאָ נישט לאַנג אין דאָרף חצרות, ווען ס'זענען פּאַרנאַכט פון קאָלאָניע
געגאַנגען שפּאַצירן די מעכטער די שמאָלצע. סע האָבן דאָרט קינדער,
מיט בעקלעך פאַרברוינטע און אויגן טיף־שוואַרצע געשפּילט זיך צעשטיפטע —
דער פייגנבוים איבער דעם פלומפּ־קראַן אויך זיי ער באַשיצט מיט זיין שאָטן;
סע קומען אין הונגער אַהער אויך די ציגן, שוואַרצוואָליק, צעפּאַטלט,
און אויפן אַקאַציע־בוים שפּרינגען ארויף און צענאָגן די צווייגן.
ברכיאלער לצים דעם פלומפּ רופן שפּאַטיש „דער וואַסערקוואַל מרימס",
נאָר דעמלט, ווען ס'גייען אום בטל די מאַנצבל — מע קריגט נישט קיין אַרבעט,
אויך זיי זיך דאָ קלייבן צוזאַמען און כאַפּן אַ מאַנצבלשן שמועס.
מע טרוימט אויף דער וואָר וועגן צייטן, וואָס קומען, ווען וואַסער וועט פליצן
אין קוואַרטל בשפע, און זיין וועט די צאָל פון די הייזער — די קראַנען;
ווען אויפשטיין וועט אויכעט פאַר זיי, די תימנער, אַ העלפער, אַ נדיב,
זיי געבן פּרדסים און וויינגערטנער, הייזער געמויערט פון שטיינער,
נישט ערגער ווי די אשכנזים: פאַרוואָס קומט זיי ווערן געקריוודעט?
לעת־עתה באַגנוגענען זיי זיך מיט ווייניק און איינס נאָר פאַרלאַנגען,
די אויגן פאַררייסן צום הימל, וואָס האָט זיך באַלאָדן מיט כמאַרעס:
וואָס שנעלער זאָל גיסן דער יורה און וויכלעכער מאַכן דעם באָדן,
וועט ווידער זיך אָנהייבן אַרבעט אין חצרות אויף פעלדער און גערטנער,
סע וועלן זיך לאָזן די אַקערער ברעכן די ערד צום פאַרזייען,
ס'וועט נייטיק זיין גלייך אין די וויינגערטנער ערדגרעבער גריבלעך צו גראָבן
אויף זאַמלען דאָס וואַסער פון רעגן, און ס'דאַרפן זיי אויך די פּרדסים,
די ביימער, וואָס טראָגן מאַראַנצן, זיי זאָלן פאַרשיטן די ריוועס.
און אויך אין ברכיאל אַליין זענען דורשטיק די גערטנער נאָך רעגן,
די גערטנער פון גרינצייג די קליינע, וואָס הונטער די נידריקע הייזקעס,
זיי זענען צעגראָבן געוואָרן נישט איינמאָל שוין, גרייט צום פאַרזייען שוין
פון ווינטערדיק גרינוואַרג: קאַרטאָפליעס און בוריקעס, קרויט, קאַלאַפיאָרן,
און רעטעך, און ציבעלעס, בלויז פונעם יורה אַליין איז דער עיכוב:
נישטאָ און נישטאָ אַלץ! פאַרשפּעטיקט... אָן אים איז נישטאָ קיין פּרנסה...
און ס'גייען בעל־כרחם ארום פוסטנפּאַס די ברכיאלער מי־לייט.

וואָס האָבן זיי אַלץ נישט געטאָן שוין? אויך שטיינער פון באַרג שוין
געגראָבן,
פון באַרג, וואָס אויף אים וועט, אם ירצה השם, זיך נאָך בויען אַ בנין,
אַ הערלעכער פּרעכטיקער בנין, אַ הויכער און שטאָלצער בית־מדרש.
(וואָס העכער וועט זיין, מיט אייבערשטנס הילף, פון דער קלויז אין כפר־
חצרות!)
נאָר ס׳קויפט זיי נישט קיינער, די שטיינער, אין הייגטיקע ביטערע צייטן
זיי האָבן פון שטרוי, און פון זאַמד און פון ליים שוין אויך ציגל געקנאָט!
מיט קופּעס פון ציגל פאַרלייגט די ברכיאלער הייפלעך די ענגע,
נאָר ס׳איז אויך אויף זיי נישט פאַראַנען קיין בעלן; מע שטאַרבט פאַר
אַ גראָשן!
אָט נעמט פאַר אַ ביישפּיל די אייזלען, סע פלעגן אַמאָל חול־המועד
אַהערקומען אורחים אַ סך, וואָס באַרייזן דאָס לאַנד מחמת ווילטאָג,
זיי פאָרן פון איין דאָרף צום צווייטן און דינגען זיך אייזלען צום רייטן,
בכבודע הערן און דאַמען, וואָס דינגען זיך גאָרנישט אפילו.
און היינט ווער שפּאַצירט עס ארום אין אַ יום־טוב, איך בעט אייך? חלוצים!
און וואָס קאָן מען האָבן פון זיי — די דלפנים, במחילה מכבודם?
זיי טרייבן לצנות: „סע שטייט אונדז נישט אָן אויף אַן אייזל צו רייטן,
איר גיט אונדז אַ פערד, אַן אַראַביש, אַ יחוסדיק פערד אַ הייסבלוטיקס!“
אזוי אָדער אַנדערש, סיווי, ס׳איז נישטאָ קיין פּרנסה, ס׳איז ביטער...
אינגיכן ט׳מען בענטשן שוין כסלו, און רעגן — זאָלסט זאָגן אַ טראָפּן!
דער באָדן איז טרוקן, פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט, און פאַרהאַרטעוועט —
אייזן,
אַ שטויב־שיכט אַ גרויער פאַרהילט אלע ביימער און הייזער,
ס׳איז טרוקן די לופט, ס׳איז צו אָטעמען שווער... שטאָט אַ לופטשטראָם
פון מערב,
וואָס טראָגט מיט זיך כמאַרעס און רעגן, סע בלאָזט בלויז אַ ווינט פון דעם
מדבר,
אַ גליאיקער, בראַנדיקער ווינט. נאָר שוין פינעף מעת־לעת ווי דער הימל
באַדעקט זיך מיט כמאַרעס אויף מערב, און ס׳ווינטל וואָס ווייעט פון
דאָרטי
גיט האָפענונג, וועקט און דערמוטיקט... ביינאַכט, ווען סע רוישט אין ד
ביימער

דאַכט טײלמאָל זיך אויס, אַז ער גיסט שוין, דער לאַנג שוין דערוואַרטעטער
רעגן,
נאָר זע, סע צערינען די כמאַרעס. און ווידער איז — בראַנדהיץ און
שטויבן...

איז ווען איז געפאַלן דער יורה... דערווײל לײדיקט אויס זיך דאָס געסל
פון פלומפ, נאָר די צוויי דיספּוטאַנטן נאָך שטײען און שפּאַרן זיך, שפּאַרן.
ווי פלוצעם פון יפתעס קאָפּ מיט אַ ווינט אַ פאַרטראָג אים דעם טאַרבוש
(זײן רויטער קאָליר איז פון לאַנג שוין פאַרבליאַקעוועט=ברוין מחמת
אַלטקײט,
פאַרבליבן פון אים בלויז אַ פרענדזל צום אָנדענק פון פּרעכטיקײט זײנער).
סע טראָגט זיך אין געסל דער זאַמד אין געדרײ, אַ געמישטער מיט
שטײנדלעך,
מיט פעדערן, בלעטער פון בײמער, מיט שטרוי און מיט וואָל=האָר פון ציגן;
דער זקן דער פײגנבוים שאָקלט זיך, רוישט מיט די טויזנטער בלעטער;
סע וואַרפן זיך אָפענע טירן און לאָדנס אויף ווענט מיט געקלימפּער;
די לופט ווערט פאַרגעלט און פאַרפינצטערט, דער ריח פון צוויט און
אַקאַציעס
פאַרשפּרייט זיך אַ שאַרפער און האַרבער... און איבער דעם אײלבערטן=
וועלדל
סע נידערט אַ פינצטערע כמאַרע אַ שווערע מיט געל=בורויגע ראַנדן,
און אונטער איר גלאַנצן מיט שימער פון זילבער די פליגל פון טויבן,
וואָס פליען געשלײדערט פון ווינט און געאײלט אין דער ריכטונג פון
חצרות.
דער הימל=ראַנד — שמעלער; די בערג פון יהודה מע זעט ווי אַ שטריך
בלויז —
אַ טונקלער, דין=לופטיקער, טײלט ער דעם ראַנד פונעם הימל אויף צווייען;
די אונטערשטע העלפט איז אַ שוואַרצע, אַ בלאַסע — די העלפט, וואָס
פון אויבן.
אַ דונער קנאַלט=אויף די מרחקים... און יפת לויפט נאָך נאָכן היטל,
וואָס וואָגלט אין ווינט, טוט אַ כאַפּ אויפן קאָפּ עס, און כאַפּט אָפּ די ברכה:
„געלויבט זאָל זײן דער, וואָס זײן כוח...“ און זאָגט צו זײן קעגנער: „מיר
דאַכט זיך,

אַז באַלד וועט אַ גאָס טאָן אַ רעגן, דער אמתער לייטישער רעגן,
אַזוי ווי צוריק מיט אַ יאָר; ס'האָט אויך דעמלט סוף חשון גערעגנט.
כ'געדענק עס בפירוש, און דיך האָט געגאַרט דער זכרון, זיי מוחל,
נאָר ביסט דאָך אַן עקשן...“ און דאָ — ער באַווייזט נישט דאָס וואָרט צו דערזאָגן,
און קאַלט־שווערע קראָפּליעס אים שפּריצן אין פּנים, און באַלד הייבט אָן פּויקן

און גיסן אַ קרעפּטיקער רעגן, אַ פליציק און פריידיק צערווישטער.
ערשט איילן זיי ביידע און לויפן, באַלאָדן מיט קרוגן שוין פולע,
ביז וואַנען זיי קומען צום לימענעם טונקעלן צריף — דעם בית־תפילה,
און כאַפּן אַהינצו אַריין זיך צעציטערטע, נאַסע און... זע נאָר! —
אומזיסט און אָומגישט אויף די אַקסל געדזשוויגעט די קרוגן די פולע:
ס'איז דאָ דאָך שוין וואַסער בשפע. און דאָ פאַר דער טיר גיסן אוים זיי
דאָס וואַסער און שטעלן אַנידער די ליידיקע קרוגן אינדרויסן,
באַטראַכטן דעם פלייציקן רעגן און שמייכלען מיט טיפער הנאה.

באַהערשט איז פון טונקלקייט, שלווה דאָס נידריקע שטיבל, דאָס קליינע.
דער לימענער דיל איז פאַרשפּרייט מיט אַ שיטערער ראָרענער מאַטע,
סע זיצט אויף אים יחיה בן משה, דער אַלטער „כאַכאַם“ — אַ פאַר־קוואַרטער,
אַ טרוקענער לולב. סע איז דער „כאַכאַם“ אויך אַ סופר, אַ גאָלדשמיד,
נאָר, אָפּגעשוואַכט היפּש מחמת זקנה, פאַרנעמט זיך נישט מער מיט מלאכה;

די זין, וועלכע אַרבעטן שווער אין די חצרותער ווייגערטנער, שפּייזן
דעם טאַטן; ער טוט בלויז עבודת־הקודש, שרייבט תפילין, מזוזות
און איז נאָך מגיה די אַלטע, פאַרצייטישע ספר־התורה,
וואָס ס'האָבן די עולים די ערשטע געבראַכט זי אַהערצו פון תימן,
און אָט מיט דעם ספר שטאָלצירן זיי קעגן די לייט פון ברכיאל.
אין איין האַנט — אַ ראָרענע פעדער, און גאָלדיקע קלפים — אין צווייטער,
אַ טייל — אויף די קניעס, אַ טייל — אינעם קאַסטן פון האָלץ פון עץ־זית.
ס'באַוועגן זיך שטיל זיינע ליפּן, די אויגן — פאַרשטעקט אין די קלפים,
סע זייעט אַריין זיך אַ טונקעלע שיין דורכן נידריקן פענצטער,
אַ פייגעלע פלאַטערט ארום, קלאַפּט זיך אָן אין די ווענט מיט געשוויטשער.
נאָר אָט הייבט אָן רינען דער רעגן אַהער פון די שפּאַרעס פון פענצטער

און גרייכט צו דער ראַרעגער מאטע, — און יחיה בן משה דערשרעקט זיך,
סע זאָלן, חלילה, נישט דורכגענעצט ווערן די הייליקע קלפים,
פאַרהילט זיי בדחילו־ורחימא מיט לאַכעס פון אַלטן פרוכת
און לייגט זיי אַריין אינעם קאַסטן, שטעלט אויף זיך פון אָרט מיט באַמיונג,
גייט צו צו די לייט ביי דער טיר און הייבט אויף אין דער הייך דעם אגודל*,
אויף וועלכן סע זעט זיך אַ זילבערנער רונג מיט אַ סיגנע, און זאָגט זיי:
— געלויבט איז דער אייבערשטער, גרוים — זיינע חסדים. ווי שטייט אין
דער תורה:
„כ'וועל געבן דעם רעגן אין לאַנד צו זיין צייט...“ — און ער קוקט אויפן
יורה
צוזאַמען מיט יפתן, יצחקן: אָך, ווי ער כליאַפּעט מיט גבורה!
אַ פאַרהאַנג פון וואַסער זיך קאָרטשעט און וואַרפט צווישן הימל און ערד
זיך,
סע שמייסט אים מיט כוח אַ ווינט און צעשפּריצט זיינע שטראָמען די
קאַלטע
אַהין און אַהער. און די איילבערטן־ביימער אין גאָענטן וועלדל
זיך צאַפּלען, און שווענקען, און וויגן אין פּליסיקן טונקל,
אָט דאַכט זיך, זיי רייסן זיך אָפּ פון די וואָרצלען און ווילן אַנטלויפן,
ווייל ס'בייטשט זיי דער מבול, און אָט — אַז זיי טאַנצן אַקעגן דעם רעגן
מיט גרוים נחת־רוח און פּאַטשן פאַר פרייד מיט די דלאָניעס — די
צווייגן:
שטיל־איין אונדזער דאָרשט, וואָס האָט וואָכן געדויערט, דעם שטויב
שווענק אַראָפּ אונדזן!
סע נידערן ברודיקע שטראָמען אַראָפּ פון די ליימענע היגלען,
וואָס גאַרטלען ברכיאל, סע שוואַרצט זיך אין טאָל אַ באַוועגלעד געזעמל:
אַ טשערעדע שעפּסן. אַ פּאַסטעך אַ קליינער, אין טאַטנס כאַלאַטל,
וואָס גרייכט אים אַריבער די זוילן, שטייט שטיל צווישן זיי, און זיין
שטעקן
דעם לאַנגן געלענט, מיט אַ קערבל פון ריטלעד געפלאָכן באַשירעמט,
געבויגן און נכנע צום פּליוך, ווי מע זאָגט עס: אין־ברירה, רבותי!
סע צינדט זיך אַ בליץ, און אַ פלאַם־רוט, וואָס ווייסלעך און דין איז,
געשלענגלט,

* גראָבער פינגער.

לעשט אויס זיך אין פליציקן שטראָם, און אַ דונער זיך וועלגערט, אַזוי ווי אַן אייזערענער וואָגן, וואָס יאָגט אויף שיפּועים פון היגלען, זינקט איין אויף א רגע אין ליים, און הייבט ווידער ארויס זיך, לויפט ווייטער און טראָגט זיך אויף גרודעס און פעלדזן... אַ טייך איז געוואָרן דאָס ליקל, סע רייסן זיך שמוציקע ריטשקעס פון הינטער די פּלויטן און צוימען, זיי איילן, זיי בלאָזן זיך אָן, זיך צעלויפן, געבייטשט פונעם רעגן, ס׳איז וואַסער פון אויבן און אונטן... אַ באָרוועסע לויפט אינעם וואַסער אַ מיידל, אַ יונגע תימנעריז, לויפט מיטן וועג פון די גערטנער און טראָגט אויפן קאָפּ אַ בינט צווייגן; ס׳איז נאָכקלייב אין וויינגערטנער ווייטע.

דער שלאַקסרעגן האָט זי געטראָפן שוין לאַנג, — אַ פאָנטאַן איז זי איצטער מיט פיסקלעך אַ סך, וועלכער שפּריצט מיט זייז וואַסער אויף אַלע פיר זייטן...

וואַרשע, יאנואַר 1957



**אברהם שלאָנסקי**

# נעכט

סע הויערט לעבן אונדזער טיר די נאַכט — אַ שטיינערנער מזבח,
און איבער אים שטייט גאָט — דאָס וואַרעם אַש מיט חסד צו באַשטראַלן.
ווער אָפּערן דער ע ר ש ט ע ר וועט זיין טאָג? און ווער וועט דאָ דער
ע ר ש ט ע ר
דאָס ליד פון דעם צעזונגענעם משפּחה־אייגענעם צעשאַלן?

מיר וועלן אַלע לאָזן זיך אַהער און קומען מיט הכנעה,
דעם טאָג — אַ לעמעלע אַן אָפּגעבונדנס, אויף די דלאָניעס טראָגן.
און ווען צונויפנעמען וועט גאָט אין האַנט אַ פולן הויפן שטערן —
מיר וועלן קעגן רויך פון טאָג די שטערנס צו דעם באָדן שלאָגן.

דער כוהן־גדול ווער איז דאָ? וווּ זענט איר, בני־לוויים?
פאַרוואָס אַראָפּבייגן דעם קאָפּ — אַ סנה פון אויסגעלאָשן פייער!
די טויערן פון מויל צעעפנט, זאָל דאָס ווייען־בלוט אַ פלייץ טאָן —
אַ שוואַרצער פויגל — הללויה, לויבט אים אומגעהייער!

אויף די פינגערשפּיצן זיינע,
שטילערהייט,
ווי אַ פריינד פון לאַנגע יאָרן,
האָט צו מיר זיך צוגעגנבעט הינטער מיינע פּלייצעס
דער פאַרנאַכט
און פאַרדעקט מיט זיינע דלאָניעס מיינע אויגן:
— ווער? —
אָבער איך האָב נישט געוווּסט,
אַז אַ מילדער טרייסטנדיקער שמייכל שפּילט אויף זיינע ליפּן,
און זיין טראַכט פאַרבאָרגט — אַ שווערד.
כ׳האָב געוואָרפן זיך אין זיינע אָרעמס:
— ברודער מיינער!...
וויי! — —

*

דאָרטן איבער מיר — מיין קאָפּ דעם הוילן,
איבער דעם געניק פון בערגער
און דער טשופּרינגע פון װעלדער,
איבער די קופּאָלן פון די בתי־תּפילות
פון די פעלקער פון די זיבעציק לשונות,
װייט־װייט —
ביים צופוסנס פון די שטערן און מזלות,
װאָס אַ קינד בלויז קאָן זיי איבערציילן אין זיין תמימות, —
ס'איז מיין טאָג אַװעק, װי אליהו אין זיין װאָגן.
אָך, מיין טאָג, מיין טאָג,
װאָגן גאָלדענער פון שקיעה — — —

װי אַ גנב שלייכט ארוים פון דער פאַרבאָרגעניש פון ליקלעך,
קוקט ארום זיך אין די זייטן,
הינטער אים: אַ צװייטער —
פערטער — אָן אַ שיעור —
קעפּ באַהאָריקטע מיט פּאַטלעם קריכן
פון אַהינטער פּלויטן,
פון אַהינטער הייזער,
און פון יעדן דרעננגל,
װאַנט,
בוים — —

װי אַ קין־שבט אַ פאַרשאָלטענער פון הימל
װאָלט אין שװייגעניש געזוכט זיך אן עיר־מקלט
און די שטאָט באַפאַלן — —
נאַכט!

נאַכט!
דו האָסט אונדז דעם גרויסן װיי געגעבן,
און ער גליט אין אונדזער לייב כסדר —
װי די זון, װאָס ליגט צעטראָטן ביים צופוסנס דיינעם.

פלוצעם האָסטו מיט דיין שטערנפאַל אונדז אויסגעשטערנט
און מיר ווערן דעמלט שוואַרצער הימל,
גאַרנדיקע צו אַ געטלעך ווייגונג, טיף אין טרויער.

און מיר גייען אָט־אַזוי זיך מיטן שטערן־אויסשלאָג —
איינגעהאַלטענע אין זיך און אָטעמענדיק ווייטיק,
ווי דיין גרויסער גייסט אין אונדזער לייב, וואָס איז צעטראָטן —
און צו שרייען זענען נישט אימשטאַנד מיר.

וואָסער ליד, אוי, זאָלן מיר דיר זינגען?
ס'איז די ערד אַזוי־אָ שוואַרץ —
און זי זינגט דיר: בליאונג!
און סע ווייטיקט גאָט אַזוי —
און יעדן גראָז־פלעק אויפן לייב אויף אירן קושט ער.

אָבער וואָסער ליד, אוי, זאָלן מיר דיר זינגען —
מיר לוויים שטומע פאַר דעם ווייטיק?

ווי זשע זאָלן מיר מתפלל זיין? — מיר ווייסן קיין געבעט נישט;
און ווי וויינען? — אַז צו וויינען האָבן מיר פאַרגעסן?
ווען פון ווי מיר עפענען דאָס מויל אין גאַרעניש צו זינגען,
אויך דאָס ליד — סע לאָזט זיך נישט צו אונדז דערקענען:
— פאַסט זיך דען געזאַנג פאַר אָט־אַזעלכע?!

וויי אונדז, ווי מיר ווערן עס צעפייניקט!

קעפ אַראָפּגעלאָזט מיר נידערן אַראָפּ דאַן צו אַ טעמפּל,
און אַ קנאה קרענקלעך ברענט אין אונדזער לייב צו די באַזוכער:

אָ, באַהאַוונטע אין תפילה!
ווען צו אייער גאָט איר דאַוונט —
שענקט אַ קליינע תפילה אויך פאַר יענע מיטן שטערן־אויסשלאָג,
און אַזוי־אָ זייט מתפלל:
גאָט, באַהאַרציק זיי און לערן — זיך באַהערשן!

זוי אַ קראָ —
אויפֿן שניי פֿון מיטנטאָג אַ שוואַרצע שמאַטע —
כ׳בין אין ליכט פֿון טעג פֿון אַלע זיי פֿאַרבייגעגאַנגען.
ס׳האָבן דורכגייער געשושקעט זיך אין גאַסן
(אויך אַ סך — געהעשעט):
— היינט ביינאַכט פֿאַרשוווּנדן איז דער מת,
און די צוויי צוקאָפּנס־ליכט
שטייען אויפֿן דיל פֿאַרלאָזטע.

נישט געלאַכט האָב איך אַליין בלויז.
כ׳האָב פֿאַרשטאַנען:
— קיין זאַך שטאַרבט נישט,
און אומזיסט מע האָט ביי מיין צוקאָפּנס ליכט געצונדן —
נאָר סע ווייזט זיך טאָג ביי טאָג דער מיטנטאָג־שניי,
און די נעכט — זיי זענען געכט:
קראָען שוואַרצע, וואָס פֿאַרמאָגן נישט קיין נעסטן.



*

אויפֿגעהויבן האָט פֿאַרנאַכט מיט רויטער דלאָניע אַ לחיים־בעכער,
און זיין וויין האָט זיך פֿאַרגאָסן אין דעם תּכלית מחמת שיכּרות.

פּלוצעם —
ווי צו האָניק־טראָפּנס אויף אַ טישטעך,
האָט אַ לאָז געטאָן זיך אַ כּאַליאַסטרע גאָלדן־פליגן
צו דער זיסקייט פונעם הימל.

ס'איז דער באַל צו ענדע.
ווינטן־דינסטן
זענען שוין אַרויס, דעם זאַל, וואָס ליידיקט אויס זיך, אויסצוקערן,
און מיט צאָרן
האָבן זיך געוואָרפן אויף די פליגן — צו פאַריאָגן
פון די האָניק־פלעקן,
און סע זענען דאָ און דאָרטן איינציקווייז ארויסגעפאלן
די באַגינען־שטערן מיט די עצבותדיקע פליגל.

*

אויסגעצויגן ליגן ליידיקוועדיקע גאַסן,
דריקן צו זיך צו די מויער־ציגל —
מחמת קעלט.
הינטער פלויט פאַרגיורעט זיך אַ שיכור אין די שמאַטעס זיינע,
און זיין פויסט איז אים אַ קישן.

מיט די ריטלדיקע דלאָניעס
האַלדזן אום דעם נאַקעט פונעם פּאַרקן
ביימערישע שאָטנס.

*

זומערשפּרענקלעך אויפן פּרצוף פון דער נאַכט
און אַ ריזן־בעלמע
אינדערמיטן.

אַ פאַרשמירטע דינסטמויד אַ פאַרקרעצטע
ווינקט מיט אויסגעשמאַרצטע אויגן צו דעם בחור פון איר ווירט.
־אָס איז זי, מיין נאַכט.

*

אוי-אוי, נעכט, אוי, נעכט!
ווי דאָס קול פֿון ווייבער שיכורטעס, די האָר צעפּאַטלט:
— קום מיט מיר!
— קום מיט מיר!
שיק איך אָפּ צו זיי מיין העלפֿט, די שטיפֿעריש-צעלאָזטע.

מאָרגן וועט זיך אויסוועפּן דאָס שיכרות אייערס,
נעכט.
מאָרגן — און איך וועל אייך מער נישט קאָנען.

נאָר אַן אומבאַוווּסטער וואָגלער
אין זיין העמדל דעם צעפּליקטן
וועט זיך וואַלגערן באַגינען אויף מיין שוועל
און וועט וויינען:

— ברודער מיינער! ברודער מיינער! נעם אַריין מיך אין דיין הויז —
ס'איז מיר קאַלט,
אוי, ס'איז קאַלט מיר פֿון די נעכט.

וואַרשע. יאַנואַר, 1957

## פּראַצע

אַ קליינע האַנטפלאַך האָבן מיר מיט פינגער פינף —
פינף פינגער וואַקסענע און גרינגע זיך צו ברעכן,
ביי זייער אָנהייב קלאַפּט דער פּולס, און זייער ראַנד — באַנעגלט,
וואָס טוט מען מיט די פינגער, ווען מע נעמט זיי אין דער ארבעט?

קלאַפּ מעכטיק, פּולס! און ווילד צעוואַקסט זיך, נעגל!
מיר גייען צו דער פּראַצע!

אַז וויל אייך, פינגער, וועלכע האַלטן פעסט דעם סערפּ אום שניט־צייט
און צערטלען הליבעס ערד, באַוואָקסענע מיט דיסטל!
זאָגט איר אונדז:
וואָס טוט מען מיט די אויסגעאיידלט־צאַרטע פינגער?

*

אָ, שוויים!
אָ, טראָפּנס בענטשונג, רינענדיקע פון מיין הויכן שטערן —
ווי טוי פון הימלען קלאָרע.

מיין לייב איז היים און האָריק,
די האָר — ווי שוואַרצע גראָזן.
אָ, שוויים! אָ, שוויים, גענאַלצן אויפן גומען!
באַטוי מיין לייב, ווי אַ פּאַרגליווערט פעלד באַגינען.
לויבט גאָט דעם שעפער!

*

דער הימל פלאַטערט — צווייגנשויבער פון אַ ריזן־בוקסבוים —
אַבשלומס קאָפּ דער גאָלדגעלאָקטער
פאַרטשעפּעט אין זיין קרוין זיך —
די זון! די זון!

און כ'לאָז אַראָפּ זיך אויפן זאַמד; —
און פונעם קלעם פון דעם בעטאָן עס זיפּצן דיונעס:
— אָ, וואָס ביסטו אַהערגעקומען, מענטש, אין די מדבריות.
אין אונדזער מויל אַ צוים אריינצושטעקן?!

און פּלוצעם האָט אַ שמיים געטאָן אַ ווינט פון מזרח,
און גלייך ווי קעמלען־טשערעדעס, וואָס קאָנען נישט קיין האַלדז־שטריק,
עס האָבן זיך געטאָן אַ שליידער אויף דער שטאָט, וואָס בויט זיך —
זאמדן!

אויף ברוק און פונדאמענט וועט ווערן זייער טראָט פאַרהאָגלט,
מיט קליינע טלאָען,
מיט טלאָעלעך פון זאמדן־גרייפּלעך
זיי וועלן מיר פאַרביי זיך טראָגן:
נקמה!
און אָט־אָ — דרייען זיי זיך אוים — און מיט געפייפן:
צו די מדבריות! די מדבריות!

און איך האָב אויסגעשטרעקט די האַנט
(און אין דער האַנט — דער רידל, גרוי פון צעמענט) —
און ס'האָבן שלענגלדיקע טראַקטן נאָכגעיאָגט: נאָך זיי!
און אויסגעשטרעקט די דלאָניעס :
צווינגט! באַצווינגט זיי!

שפּאַנט איין די מדברס!
און שפּאַנט ווי לייצעס אָן די טראַקטן!
איך שטיי דאָ אויף מיין פּאָסטן! איך —
די פראַצע! — — —

ווי פויסטן ריזיקע געהויערט האָבן אויף די זאַמדן
הייזער — הייזער — הייזער —

און כ'שפּיר:
אין דעם באַגינענס קרוין האָב איך זיך עס פאַרטשעפּעט,
אַ שטראַל, וואָס בליאַסקעט אין מיין האַנט — דער רידל.
און ס'לאַכט אַקעגן מיר די שטאָט, וואָס בויט זיך:
די זון! די זון!

*

קלייד אָן מיך, מאַמע כשרע, אַ שיין געפּאַסיקט העמדל
און פיר מיך מיטן טאָג גלייך צו דער פּראַצע.
עס קליידט זיך אָן מיין לאַנד מיט שיין, ווי מיט א טלית.
די הייזער אויפגעשטעלט, ווי בתים.
און ווי רצועות שלענגלען זיך אַראָפּ די טראַקטן.

די שיינע שטאָט אַ מאָרגן־תפילה דאַווגט צו איר שעפער.
און איינער פון די שעפער איז — דיין זון אברהם,
אַ דיכטער און ברוקירער אין ישראל.

פאַרנאַכט וועט קומען פון זיין מידיקייט דער טאַטע
און שעפּטשען ווי אַ תפילה שטיל־פאַמעלעך:
מיין זון, מיין האַרציקער אברהם:
בלויז הויט אוןביין או, מוסקל —
לויבט גאָט דעם שעפער!

קלייד אָן מיך, מאַמע כשרע, אַ שיין געפּאַסיקט העמדל
און מיטן טאָג גלייך פיר מיך
צו דער פּראַצע.

וואַרשע. נאָוועמבער, 1956

# יזרעאל

אַ קאַראַוואַן פֿון קעמלען מעלקיקע מיט הויקערס ביזן הימל —
האָט גאָט געשטעלט די בערג גלבוע אויף די קניעס,
און ס'האָבן זיך די פעלדער פֿון יזרעאל, ווי זויגלינג־קעמלען
באַהעפט צו זייערע מילך־שפּעדיקע אייטער־נאָפּלען.

עס רינט, עס רינט די מילך פֿון טייכן, פֿלייצט אריבער.
די ערד — (אָ, שוואַרצע, טראָגעדיקע קליאטשע!) —
שטרעקט אויס דעם האַלדז, די גאָזלעכער צעשפּרייט און שנויפֿלט:
זי האָט דערשמעקט דאָ װ א ס ע ר.

אָ, וואַסער! וואַסער!
די מילך די הייליקע פֿון דיינע בריסט, אָ, גאָט־באַשעפער!

נאָר אָט־אָ פֿילן אָן מיט מילך זיך אויך די אייטערס מיינע
די אייטערס פֿון אַ מענטשן!
מיין לייב — אַ פֿלייצנדיקע ברוסט, וואָס שטייגט די ערד אריבער.

אָ, דאַר־און־קוואַרע פעלדער פֿון יזרעאל!
זייגט אָן זיך! ציט און סמאָקעט!

קומט זויגלינג־קעמלען! פערד און מענטשן! גאָט־באַשעפער!
און כ'וועל אייך געבן זייגן —
פֿאַר אייך די נאָפּלען פֿון די ברוסטן מיינע.

*

זוי זקנות הויקערס סאַפּען שווער דאָ די געצעלטן,
ווייל ס'איז די לאַסט אַ גרויסע אויף די אַקסל.
דער מענטש איז חומר, נאָר ער מידט זיך דאָ באַגייסטערט, —
און ס'גיט דער באָדן — תבואות.

אַ לעמעלע אַ הינקעדיקס — די וועלט די גאַנצע
געטראָגן ווערט דאָ אונטער אָרעם.
גאָטס קרויזן לאָזן זיך אַראָפּ דאָ אינדערלופטן,
און יעדע באַק זיי צערטלען.

איז ווער א גרויסער דאָ? און ווער אַ קלענער
אין מלכות פון דער מי און חומר?
די ערד דאָ איז געוויקלט — אַ מגילה עוואַנגעליע,
און מיר — די צוועלף.

*

די זריחה מרוקעט שוין צו מיר פון שטאָל פון דעם באַשעפער
און שטעקט ארוים איר פּרצוף צו דער נידער. —
אָט איז ער דאָס — דער צלם־אלוקים!
אָט איז זי עס — די מרוקענדיקע, מעלקעדיקע קו!

עס זענען שוין אַוועקגעגאַן די סטאַדעס אין דעם טאָל,
די משערעדעס אוועקגעגאַנגען שוין אין פעלד.
און מיין באַשעפער פּאַשעט זיינע שעפסן דאָ —
די מענטשן־שעפסן זיינע.
— צי הונגערט עס דיך? — „ניין!"
— און וואָס פאַרלאַנגסטו?
— „איך האָב אַ קרוג מיט וואַסער און אַ סוכאַר!
אָ, ברודער מיינער,
כ'וויל זיין אַ ציגל צווישן דעם באַשעפערס ציגן!"

*

סע האָט דער פרילינג־באָדן זיך באַהאָרט — אַ גרויסער קערפּער,
און ס׳האָט מיין לייב באַגראָזט זיך אין זיין פרילינג.
כ׳שטיי גאַקעט זיך אַזוי, און ס׳גלוסט מיין קערפּער דער באַהאָרטער,
און אָט האָט אויך באַהאָרט זיך דער באַגין — מיט האָר מיט בלאָנדע.
אז וויל דיר אויסצוציען דאָ דיין קערפּער דעם באַגראָזטן,
מענטש!
און קומען וועט א לאם צו דיינע האָר די זאפטיק־פרישע
זיי אָפּצוגריזשען און מיט „מע־ע־ע" דיך בענטשן,
וועט דעמלט נידערן אויך גאָט — א יונגינק ציגל, זיך צו פּאַשען
אויף דיין געליב, דאָס אויפגעגראָזטע אין זיין פרילינג.

*

דאָס העמדל צעבראַסטעט — א היכלם אן אָפענער טויער,
איך גלעט מיט די פינגער און פים דעם באַגיניקן באָדן.
איך וועל זיך צעלייגן, זיך אויסציען — היימערד.
און ס׳וועלן זיך ציען צו מיר אלע טייכן,
און ס׳וועט אין מיין טיף־יעדער בוים זיך פאַרוואָרצלען,
און ס׳בייגט איבער מיר זיך דער גאָט פון דער וועלט פון דער גאָרער
און סודעט מיט ליבשאַפט מיר: — דו!...
מיין גוף וועל איך אויפהייבן אויף די דאָלאָניעס
און אונטער אַ בוימישער גריווע פון צווייגן
אים מאַכן אַ פּלאַץ אויף אַ שטול אַ גראָז־גרינעם —
דעם מענטשנזון — גאָט!
דער הימל באקרוינט מיט אַ זון מיט אַ גרויסער זיין שטערן,
אזוי ווי אַ תפילה־של־ראש,
און טריפט אין מיין בוזעם אַ תפילה. —
צעבראַסטע זיך, העמדל — אַ היכלם אַן אָפענער טויער,
און, יעדע באַשעפעניש, קום מיט דיין תפילה
צום לייב מיין דעם גוטן און ווילן פאַר יעדן.

*

ביינאַכט זיך לייכטן די געצעלטן, ווי לאַמטערנס גרויסע,
און ס'אָטעמען די בערג גלבוע. —
ווער שפּינט עס דאָרטן אַ פּאַראַט אַ שוואַרצן,
ווי ס'וואָלט צעפּראַלט דעם פּיסק אַ ריזן־חיה? —

אַ לאַנגבאַהאָרטער בלעם מיט צעהעלטע אויגן —
די נאַכט רייט לאַנגזאַם אויף אַן אייזעלין אַ שוואַרצע;
געהויערט האָבן אָבער אונטער אים די בערג גלבוע —
דערשפּירט: גערויש, גאָטס האַנט פאַרזייט דאָ.

מיט האַנט באַהאָרטער — די דאָלאָניעס פול מיט שטערן —
נבואה־קערנער גאָט פאַרזייט דאָ.
און שוואַרצע לעפּצן מורמלען אין געציטער:
— ווי גוט, יזרעאל, עס זענען די געצעלטן דיינע!

וואַרשע. נאָוועמבער, 1956



## לך לך ...

### „סדר
### תפלות כל השנה
### כמנהג אשכנז ופולין וליטאָ ורייסין"

אַזוי געדרוקט געווען איז אויפן שער־בלאַט פונעם אַלטן סידור,
אין וועלכן ס'פלעגט מיין זיידע, אַז געבענטשט זאָל זיין זיין אָנדענק,
אויף לשון־קודש שמועסן מיט זיין באַשעפער...

אין יאָר אזויפיל און אַזויפיל איז דער ליבער זיידע אונדז געשטאָרבן
און איז געבראַכט געוואָרן צו דער קבורה ווי דער מנהג איז ביי יידן — — —
געליבטער זיידע!

דער קדיש ציטערט אויף די ליפן פון דער וועלט דער גאָרער —
נאָר ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל אים זאָגן.
דיין אייניק?
אוי־וויי, ווי אַ מזוזה מיט אַן אָפּגעמעקטן שדי איז מיין זעלע, —
דער זיידע וועט נישט קומען דיר אַ קוש טאָן,
ער וועט נישט קומען.

און כ'בין אַוועקגעגאַנגען —
אָן טלית און אָן תפילין,
און אָן אַ פאָטער אינעם הימל.
אָן טאַטע־מאַמעס תפילה פאַר אין וועג זיך לאָזן.
ס'האָט עמעץ אויפן אָרט פון שטערן אויסגעקריצט פּה־נוגען
אויף דעם בית־עלמין פונעם הימל — — — —

נישט ווי בשעתו יונה

אַנטלאָפן איז פאַר גאָט קיין תרשיש, —
כ׳האָב איינגעשטיגן אין אַ שיף, וואָס פאָרט קיין ארץ־ישראל.
איך בין געפאָרן דאָרט צו בעטן רחמים :
— זיי מוחל, גאָט אין הימל.

איך האָב באַצאָלט פאַר דער נסיעה.
כ׳האָב איינגעפּאַקט מיין קלומיק.
און איינגעקאָרטשעט, ווי ישראלס טאָרבע,
כ׳האָב איינגעהאָרכט זיך אין דעם הייליקן געזאַנג פון די חלוצים:
דאָס פאָלק ישראל לעבט —
דאָס פאָלק ישראל לעבט —
דאָס פאָלק ישראל — ס׳פאָלק ישראל — ס׳פאָלק ישראל
לעבט !

נאָר עמעץ איז אַפּערגעקראָכן פון צווישנגעקוועטשטן קלומיק מיינעם,
אַ הויקער — ווי אַ פראַגע־צייכן:

— און רב ישראל? — —

און ס׳איז אַן אביון גלייך ווי איך לעם מיר געזעסן דעמלט
און האָט אַריינגעזונגען מיר אין אויער דאָס באַקאַנטע לידל:
אין מיטן וועג שטייט אַ בוים
צו דער ערד געבויגן,
גייט אַ ייד קיין ארץ־ישראל
מיט פאַרוויינטע אויגן — — —

*

און צווישן די ימים־לענדער איז אַ לאַנד פאַראַן איטאַליע:
דאָס פאָלק איז — ווי אַ ליד, דער הימל — אַקוואַרעל איז,
און בעטלער שטרעקן אויס די הענט,
באַגלייטנדיק זיי מיט אַן אריע פּאַיאַצאָס. — —

...און צווישן ימים לענדער איז פאַראַן דאָס גרויע ענגלאַנד,
און ס׳איז פאַראַן דאָס רוישנדיקע פראַנקרייך.
און דייטשלאַנד איז פאַראַן, און האָלאַנד, שוועדן — — —

...און צווישן ימים־לענדער איז אַ לאַנד פאַראַן:
אַ מ ע ר ק ע !

— און איך זאָג, לוי יצחק פון בערדיטשעוו:
יתגדל ויתקדש שמיה רבה — —

גאָר ערגעץ וויינט מיין איינציקע, מיין פרומע מאַמע:
...אוי, אַ בריוועלע דער מאַמען — —

אוי, מאַמע־מאַמע!
דיין טייער זונעלע אברהם —
ער שלעפּט ארום זיך אָרעם־אָרעם,
ווי נישט געווען וואָלט ער אַ קינד אַ מאַמעס.
מיין פרומע מאַמע אויף דער וועלט דער גאָרער. — — — —

*

און ס'ווערט ארויסגעשיקט אַ קליינינק בריוול:

צו מיין געשעצטן טאַטן און געשעצטער מאַמען זאָלן לעבן —.
פון זייער זון, וואָס טוט פאַר גאָט און מענטשנס אויגן זיך פאַרבאָרגן.
צו אַלעם ערשטן בין איך אייך מודיע, טייערע און ליבע,
אז כ'בין, געלויבט צו גאָט, געזונט און לעב אָן זאָרגן.

און טראַכטעט נישט, חס־ושלום,
אז ס'איז מיין שלאָף פאַרוואָגלט אין די נעכט פאַר צרות.
ס'איז גאָט מיין עדות,
אַז אַלץ, וואָס כ'שרייב אייך, אויפריכטיק און וואָר איז.
דעם עיקר כ'האָב פאַרגעסן:

א גרוס דעם ברודער און די שוועסטער
און אויך מיין חבר־ברודער... ווי איך בענק נאָך זיי!
און זאָלן זיי, למען־השם, געדענקען בעטן גאָט פאַר זייער וואַנדער־
ברודער —
ווייל ס'איז אים זייער ווי. —

אזוי געשריבן שטייט אין בריוול.

*

און אין דעם יאָר אַזויפיל און אַזויפיל —
איך זוך אין פראַנקרייך, אָן אַ טלית און אָן תפילין,
אַ סידור מיט די תפילות און די סליחות,
וואָס מענטשן זאָגן אין יאָרטזויזנט אין דעם זעקסטן.
ווייל זע,
ס'איז דער־און־דער היינט וואָכנטאָג, אין וועלכן
געזונגען האָבן די לויים
דאָס ליד צום פאָטער אינעם הימל.
און וו איז עס דאָס ליד, וואָס וועט געזונגען ווערן
פאַר די לויים מיינע
אין צאָל דריי הונדערט פינף און זעכציק?
און אויב קיין ליד פאַר זיי איז נישט פאַראַנען —
איז וו די תפילה פאַרן אָרעמאַן, וו ?

*

און ווייט, ווי זייער ווייט סע איז דער פאָטער אינעם הימל!...

און איך בין נישט רב לוי יצחק, וועלכער האָט געהאַט די זכיה
זיך אויסצוטענהן מיטן אייבערשטן יתברך —
און קוקן גלייך אים אין די אויגן.

כ'בין אויכעט נישט דער צדיק פון די ריינדער,
וואָס זיין געבעט געוועזן אַ פייף אין קעגן אָרון־קודש
(אָך, די נאַקעט־הוילע תפילה פונעם פאָלקס־מענטש !).

כ'בין איינער פון די טויזנטער, וואָס ס'האָט די גויט פאַרוואָגלט
פון זייער טאַטנס טיש אַהערצו אין איראָפּעס קרוינשטאָט
אַזש אויף אַ שטאָק אַ זעקסטן.
כ'בין איינער, וועלכער ריכט זיין חצות אָפּ

מיט וואָגל־שלאָף און נאָגן ציגאַרעטן
(דער אויסדערוויילטער וויין פאַר דעם באַשעפערס שטיפֿזין!).
ווייל ס'האָט אַ וויגט דער האַרבסט דאָ — ווי אַ שמש קלאַפּט ער
אין די באַטריפטע שויבן אויפן שטאָק דעם זעקסטן
און רופט צו סליחות לויטן פרומען מנהג:
— אברהם!
— כ'בין דאָ, רב אלול! — — —

אַ וואָסער אויסדרוק האָב איך פאַר אַ תפילה?
אַ וואָסער וועג צום אויסבעטן פאַרגעבונג?
און ווייט, ווי זייער ווייט סע איז דער פאָטער אינעם הימל!
כ'וועל דאַן בייגאַכט צו דיר ארויפגיין, אייפל־טורעם,
מתפלל זיין דורך ראַדיאָ צו דעם וועלט־באַשעפער.

*

דו וועלט־באַשעפער!
אינמיטן פון דיין וועלט א זון פאַראַן איז,
און צו אַ בלאָזהאָרן פון גאָלד איז זי געגליכן
צונויפצוזאַמלען די מתפללים גאָט צו דינען.

דו וועלט־באַשעפער!
אינמיטן פון דיין וועלט פאַראַן איז אַ לבנה,
און ווען זי איז אין פולקייט אירער,
איז ווי אַ גאָלדענער של־ראָש זי פאַר דיין קאָפּ דעם שיינעם.

דו וועלט־באַשעפער!
פאַראַן איז איינער, צווישן יידן טויזנטער נישט אָנגעזעען,
וואָס דו האָסט אים באַשאַפן,
און דו האָסט אים זיין גוף צעטיילט אויף גלידער,
און ס'פעלט אים נישט פון די רמ"ח, חלילה, גאָר קיין איינער, —
פ אַ ר וו אָ ס האָסטו געמאַכט אים ווי אַ פויער מיט אַ סערפּ באַוואָפנט,
וואָס קומט און טרעפט קיין תבואה נישט אין יובל פון דער שניטצייט?

פאַרוואָס, אָ, וועלט־באַשעפער!

וואַרשע, מאַי, 1957

ש. שלום

## כ׳באַגריס דיך, אייראָפּע...

כ׳באַגריס דיך, אייראָפּע... אין יידישן דאָרף אויף די פעלדער פון חפר
איך האָב היינט געעפנט מיין פענצטער צום הימל, וואָס ציטערט מיט שטערן.
ס׳עט האָט מיך צעוועקט עראָפּלאַנען־געזשום אין דער ווייט, און אַ פלאַקער
פאַריבער איז שנעל ווי אַ בליץ. און צוריק האָט געקערט זיך די שטילקייט
צום דאָרף — אויף די דעכער, די שייערן, שטאַלן, געבויטע דורך יידישער פראַצע,—
און ס׳איז מיר דיין אָנדענק אַרויף אויפן זינען, דאָס האַרץ מיינס דערוואַרעמט.

איך האָב זיך דערמאָנט אין מיין וווינען ביי דיר, דיינע בערג מיין געבורטס־אָרט,
געוויקלט אין גרוי פון מיין עבר, וואָס האָט ווי אַ וואַלד מיך געצויגן;
וואָס טראָגט מיין מעלאָדיע פון אוראַלטן קוואַל, ישעיהו און תהילים,
האָרכט איין זיך, פאַרנעמט דיינע טענער, מיר פרעמדע דאָך אָנגענעם־זיסע,
(דערקענסט אין באַגערטער דיין זעלע, און זי — זי איז זי און אַ צווייטע...)
פון פלייט פון דיין האַרציקן דיכטער, פון האָמער דעם זקן דעם בלינדן
פון העלאַס, וואָס האָט פונעם קוואַל וואָס אונדז אַלע געהערט גישט אַנטזאָגט זיך,
און ביז צו דער נייעטער סימפאָניע פון פרייד פון דיין גביא אָן ווערטער,
בעטהאָווען, וואָס מיר האָט געדוכט זיך צו הערן אין מיין בית־המקדש
פון מיינע לויים און שפּילער, די טויזנט און טלעכע און צוואַנציק.

איז אפשר מיין שטימע צו הויך?... איך וועל שעפּטשען נאָך שטילער, נאָך טיפער.
איך ווייס, ליגסט געקאָוועט אין חושך, און לעם דיין צוקאָפּנס — דער תלין.

איך וועל דיך נישט שטעלן צום משפּט, פאַרוואָס האָסט זיך אונטערגעטעניקט,
געלאָזט, נישט־באַזיגטע, זיך בייקומען, סיידן אַ נעץ האָט געפּאַקט דיך.
איך וועל דיך נישט שטעלן צום משפּט, גייסט אָפּ דאָך אין בלוט שוין אינגאַנצן,
און לאַנג איז דיין טראָפּעלע זינד שוין פאַרגעבן דורך טויזנטער טרערן.
דיין מאַכט איז אין גלות, די קינסטלער — געפּייניקט אין לאַגער פון רשעות,
דיין יוגנט — האַרמאַטן־פלייש, זנות פאַר די פּראָים — דער חן פון די פרויען;
געלערנטע ציען זיין וואָגן, די וועלט וועט ער קומט צו דערפאָרכטן;
אַז קוים איך דערקען זייער אָנבליק, באַרגעפּלט מיט דאַמף פון דער שחיטה.
ביי טאָג פירט אַראָפּ פוגעם זינען די שפּיצרוט, ס'גרוילט־אויף איר מעטאַל־קלאַנג,
זיי באָדן אין בלוט און אין קויט זיך, דער קרבן געקנוילט מיטן מערדער,
ביינאַכט נעמט אַ גליוועך זיי דורך, און זיי פאַלן ווי טויטע אין קברים,
אין קייטן די הענט, און סע כראָפּעט דער קערפּער דער קראַנקער אין גויטשוויים,
און לעם דיין צוקאָפּנס — דער תלין; כ'וועל שעפּטשען נאָך שטילער, נאָך טיפער.

כ'געדענק מיינע וועגן אין דיר ווי אַן איינציקן וועג, וועלכער ציט זיך —
אַ גאַס, וועלכע רייסט זיך נישט איבער אינמיטן, איר שיין, די לאַמטערנס.
איך נעם זיך צונויף אין געמיט אין אַ דאָרף, וואָס שטאָק־נאַכט האָט פאַרשלונגען,
און שפּרייז איבער דיר ווי אַמאָל, אַ פאַרהוילענער, אָפן די אויגן,
און בליק אין דעם ליכט פון די פענצטער, קוק איין זיך אין דיינע וואָקזאַלן:
סע פאָרן וווהין דיינע מענטשן און קומען פונוואַנען; אָט הער איך
דעם רויש פון פאַרהוילענע רעדער, דעם שאָרך פון דיין לעבנס אַרטעריעס,
דעם כלי פון געדאַנקען און רוישן אויף כוואַליעס פון ראַדיאָ און קאַבעל;
איך פאָר דורך טונעלן, אויף בריקן, באַטראַכט דיינע שטראָמיקע טייכן,
די פעלדער צעגרינטע, די וועלדער, פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען, פאַבריקן;
כ'קלאַפּ אָן אין די טויערן, שטייג אויף די שטאָקן, וואָס איבער די דעכער.

ס'פֿאַרדרייט זיך דער קאָפּ, ווערט געפֿאַנגען פֿון רויך פֿון די קוימענס,
פֿון ריח
פֿון הייצונג, פֿון פֿרויען־פּערפֿומען און גרינוואַרג, פּאַראַד־גלאַנץ פֿון האַנדל,
פֿון טונקעלער גלאָריע, פֿאַרשפּאַרט אין מוזעומס, אין ביבליאָטעקן,
ווו ס'איז דיין נשמה פֿאַרהוילן, — כ'איז אייביק פֿאַר מיר די דערשייַנונג,
ווייל אייביק ביסט דו מיר געווען, אייראָפּע, אַנטפּלעקונג, באַשיידונג
אויף אַלע די חידות, געוועבטע פֿון מיר אין געהייל פֿון עם מדבר.
נאָך דיר כ'האָב געגאַרט דורך מיין מעכטיקן גליאיקן זיפֿץ, אין דער וויסטע
געזען דיינע אויגן, אין דורשט צו באַפֿייכטן די ליפּן, דעם שטערן;
די אבות דיך האָבן באַזונגען, די קרוינשטאָט, דער הייליקער טעמפּל;
ווען כ'האָב „שיר השירים" געניגונט, ביסט דו מיר געווען די באַגערטע.

מיין שבט, אין וואַנדער פֿון חרן, געטראָגן אויף רוקנס פֿון קעמלען,
האָט לאַנג שוין דיין שימער געזען פֿון זיין לייב, אין זיין ציען קיין מערב
געזוכט און געמיט זיך דערגרייכן דעם קוואַל פֿון דיין לויטערער פֿרישקייט;
ער האָט אין מצרים אומזיסט דיך געזוכט אין דעם הויז פֿון די פּרעהס;
געאַנט אין דער תּורה פֿון שמען, מיט אונדז אַ באַזעלטע דורך משהן;
באַטראַכט איבעם גריכישן שפּיגל דאָס פּנים דיין פֿאָטערס, דעם לאָגאָס.
נאָר דו ביסט אַלץ ווייַטע, נישט פֿאַקט נאָך, און איך בין אַלץ לערע, נישט
וועלט נאָך...
אַ ברודער אין פּיין ברעכט זיך אויס, ס'איז אים ענג אין דעם תּחום פֿון
נישט־ווייטער,
ער אָפּערט זיין זעל דיר און קויפֿט מיט פֿאַראַכטן ס'פּערזענלעכע דאָזיין,
מיט געבן דעם פֿאָטשער די אַנדערע באַק, מיט באַגנאָדן אומטעטיק.
נאָר דו ביסט נישט קויפֿלעך אַזוי, איז ער מער נאָך פֿאַר דיר זיך מכניע
און לויפֿט אין דיין רייכן געשפּאַן; שטאָט זיין גאָט פֿון די אבות שטעלט
אויף ער
די אָפּגעטער דייַנע, און דינט דיר מיט בלוט פֿון די ברידער און שייטערס.
באַזיגט זיין זינד און געוואָרן פֿאַרטרויערט, צעברעכט ער די געטשן
און פּילט אָן מיט חרמות דיין ערד, מיט באַזאַקטע, באַאַשטע אַסקעטן —
זיין גוף דער געקרייצטער, סימבאָל פֿון חרטה, ער טיילט אונדז פֿאַנאַנדער.

זינט דאַן איז פאַרטונקלט געוואָרן דיין זכר אין יעקבס געצעלטן;
געבריט האָט דער צער אויפן קרבן; די זעל האָט פאַרמאַכט אירע לאָדנס.
מיר האָבן געדענקט דיינע ברידערס פאַרברעכנס: אַז ירושלים —
אַ חורבה ווו ס'וויגען שאַקאַלן; אַז מיר אין דעם שטויב דיינעם וואָגלען.
דער שטאָלץ האָט פאַרגרעסערט דעם אײנגרים, דער גרים פון באַזיגט־
נישט־באַזיגטע.

מיר האָבן פאַרשאָלטן דיין נאָמען, די רגע פון אונדזער צונויפטרעף.
ווען נישט די געלערנטע, דענקער, יחידי־הדור ביי אונדז ביידן:
אַנטאָניוס און רבי, דער רמב"ם דער ריז פון ימי־הבינים,
רב שלומה בן גבירול, מחבר פון „קוואַל פונעם לעבן", און רייכלין, —
וואָס האָבן געכאַפּט מיט אַן אײנציקער האַנט די צעריסענע פעדעם;
ווען נישט זייער שמועס דער מילדער אריבער דעם קאָך פונעם מאָרד־פעלד,
דער שמועס פון ווייסער, וואָס זעען אין שפּאַלטונג אויך דאָס וואָס פאַר־
אייניקט, —
דער בלוטיקער האַס צווישן אונדז ביזן תהום וואָלט געעקבערט,
און מעגלעך, מיר וואָלטן פאַרלוירן געגאַנגען אין אים שוין אויף אייביק.

נאָר זיי און פון זעלביקן שורש געלערנטע היטן דעם פאָדעם,
די אייביקע פרייהייט־העראָלדן, די קעמפער פאַר גלייכהייט, וואָס קייטלט
צוזאַמען די ברואים צום שטויגען, די שטאַרבער ווי שמעלץ אויף די
שייטערס:
כּפּרטאַק, גאַלילײ און ביז ברונאָ דזשאָרדאַנאָ דעם שיכור פון שטערן,
לעאָנע העברעאָ * און תיבון, שאַפּרוט, דער בחייה און קרעשקאַש.
אַיעדער מיט פאָדעם געפלאָכטענעם זייגעם, דער בליק איז פאַרשטאָכן
אין הימל־געוועלב אין דער זון פון גערעכטיקייט, רעטונג און היילונג,
וואָס קער צו אונדז אַלעמען זינט דעם באַשאַף פון דער וועלט און ביז
אייביק —

הילפגימדיק־אײנע, ווי גאָט־און־נאַטור און ווי גוף־און־נשמה,
וואָס ס'האָט אין זיין אײנזאַמקייט־נעץ זי געפאַנגען אַ דימענטן־שלייפער,
אַ דעריקער שפּראָץ פון מיין שטאַם, וואָס פון אים האָט אויך גאָט זיך
געשטאַלטיקט;
ס'איז ער, בענעדיקטוס דער מענטש איבער מענטשן, ס'איז ברוך שפּינאָזאַ.

---

* יהודה אברבנאל

און דאָן מישן אויס זיך די פעדעם, די גרענעצן ווערן פאַרשווונדן,
מע פראַוועט אין פיבער פאַרהיימישונג=בעלער, מיט טעגץ פון פאַרבינדונג,
און אונדזערע גופים זיך פלעכטן, אַריבער דער זעלע, אין בלינדקייט,
מיט גלידער באַזונדערע, מיד פון דערוואַרטונג און אומגעדולד גרויסן;
אַזוי ווי אַ נזיר פון תפיסה, אַ בתולה נאָך ערשטער באַמאַנונג,
מיט פרײלעכע לידער, געשאַלן, מיט פלאַמיקע קושן און ביסן,
מיט מענטשן=רעכט געבן איעדן, „השכלה“, זיווגים געמישטע,
ס'קומט היינע און בערנע, לאַסאַל און מאַרקס קאַרל, און מענדעלסאָן, רויטשילד, —
נאָר טיף איז דערשלאָגן מיין זעל און אויך דיינע, וואָס ווייסט אין געהיימקייט,
אַז ס'איז נאָך די צייט נישט געקומען, מיר זענען נאָך ווייט, אומבאַהאָלפן
אין אייגס זיך צוזאַמענצובינדן — איך האָב דאָך קיין היים נישט, מוז וואָגלען,
און זיך מיר צו געבן דו ביסט נאָך אַליין נישט אימשטאַנד; פון פאַרצייטן
סע הויערט אַ גרויזאַמער סוד אויף דיין חומר, אַ זון פון אַ קליפה,
אַ שמוציקער וואַלד=שווייַן, מיט אייזערנע ציינער און קופערנעם האָרן,
וואָס טויזנטער שטעט ער פאַרטומאהט טאָג=טעגלעך און ראָיעט זיך דאָרטן
אין בלוט פון די בעסטע, דיין ברודער דיין צווילינג, די מיגל=סטראַשידלע,
וואָס לוגט אויף דיין לעבן, און וואַקסט מיטן גוטן אין דיר, און צעפּוישט זיך,
דרינגט דורך דיר פילאָויגיק, דורך הורות, אין לגאה אויף בתולהשאַפט דיינער,
וואָס וועט אין דיין חופה=טאָג, לויט דער נביאות פון גרייז=גראָע ספרים,
אַריין אין געשטאַלט פון אַ טאָפל=געזיכט אויף דיין חתונה=מאָלצייט
מיט פייער און שווערד און געהייל, צו צעשטערן די חופה, באַשמוצן;
זי וואַרפן אין אָפגרונט פון אומקום צוזאַם מיט איר שמוק, אירע שטאַנגען,
צוזאַם מיט די חתונה=געסט, מיט די קלעזמער, די פּאָר — חתן=כלה...
מיר האָבן דערפאַר זיך געהיט צו דערגרינטעווען אונדזער געהיימניש.
מיר האָבן דערום די סכנה מיט ציטער פאַרשלייערט, פאַרהוילן.
דערפון: דער אר"י מיט די רזין, די עצבות=השכינה אין גלות,
דאָס ליכט דאָס פאַרנעפּלטע רעמבראַנדס, דעם אורח אין אונדזערע היימען,
און איינשטיינס שטודירן די שטערן, און פרוידס אַנאַליז פון דער פסיכיק,
און סאָציאַליזם — צו האָבן אַ זיכערן פונקט אין דעם וואַקל.

דערפון איך מיין בענקען נאָך ציון, אַן אייגן שטיק פעלד און אַ הייזל —
מיר וועלן אים אפשר נאָך צוימען, און איינשלעפן, ווייכערער מאַכן,
דיין ברודער — דיין צווילינג — דיין גורל, דעם ערשטיקן חטא, וואָס אין חומר;
ער וועט אַ „געלייטערטער“ ווערן, זיך איינשטילן, בענטשן דעם זיווג,
צי כאָטשע נישט קומען, — געקומען! געשטאַלטיק: אַ חיה אַ בלאָנדע,
איר לשון — באָמבאַסטיש, גערעדט דורכן מויל פונעם אייבערמענטש ניטשע.
ער גנבעט זיך תחילת אַריין צו די גאַסטפריינד די שראַנקען פון ביכער,
און וויס־שאַפט־ווערטער קלייבט צו זיך — אַנטיסעמיטיזם און ראַסע,
און מוחות פאַרטשאַדעט מיט לאָזן זיין סם פון געמויזעכץ פון דייטשלאַנד.
דערנאָך נעמט ער אָן דאָס געשטאַלט פון בראָשורן־ און צייטונגען־שרייערס,
ווו אַלץ וואָס איז וויס, איז דאָרט שוואַרץ, און וואָס קעגנזאַץ — לאָגיש און אמת,
באַשמוצן וואָס הייליק, איז — דיכטונג, און פאַלשקייט, רציחה, איז — קדושה;
באַווייזט זיך דערנאָך ווי בריגאַדעס, ס'פאַרטעמפּט זייער גרוילִיקער מאַרש־טראָט;
בויט־אויף סובמאַרינען, קאַנאָנען, שאַפט גאַזן און זאַמלט אויף שפּעטער,
און דיר אויפן קאָפּ טריפט ער בוימל, דו זאָלסט די געפאַר נישט פאַרדאַכטן,
שלעפּט איין דיך מיט ברידער־געפילן גישט־ריינע אויף „ראַסישער ריינקייט“ —
ביז פלוצעם דערהייבט ער זיין שטים מיט אַן עקלדיק, רשעותדיק רעווען
און דעקט אָפּ זיין שאַנד איף זיין חזיריש פּנים מיט דראָטענע וואָנצעס,
שפּיזט איין אין דיין גאָרגל די קראַלן און, איידער באַווייזסט אַ געשריי טאָן;
באַצווינגט דיך, צעטרעט דיך, צעפּליקט דיך און וואַרפט צו דער ערד דיך הויל־נאַקעט,
זאָלסט שנאָרכען אין שמוץ פון זיין ווערזען, געקאָוועט אין דראָטן און קייטן.
ס'גרוילט דורך דיר אַ חשכות, אַ גסיסה־געשריי און געריטש פון רציחה,
פאַרוויסטונג, צעשטערונג און אומקום... און לעם דיין צוקאָפּנס — דער תלין.

כ׳באַגריס דיך, אייראָפּע... לעם ים־האַפנס כ׳האָב אין מיין לאַנד זיך באַפּעסטיקט.
אַ סך מיינע ברידער זיין האַנט האָט דערשלאָגן דאָרט נאָכן באַרויבן,
אַ סך אין די הייזער געשאָכטן, אַ סך אין די טייכן דערטרונקען,
אַ סך האָט פאַרברענט יער, געתליגט, אַ סך נאָך ביים לעבן פאַרקברט.
אַ סך — אין די קייטן ביי דיר, אין דער קלעם, אין געווערג, מוטשעניגע, —
פאַרבליבן די זעל בלויז, דאָ לעבט ניִשט־באַזיגט זי, איך האָב איר געעפנט
ביינאַכט הייגט אַ פענצטער, און זי האָט דערזען דיך, די ווייטע, פאַר־ שטומטע,
פון יענער זייט לענדער און ימים — איך ברענג דיר אַ גרוס און פיל טריישאַפט!
איך גלייב נאָך, אייראָפּע, איך גלייב אין דער גאַרונג, וואָס צווישן אונדז ביידע,
אין וואונדער געוועב, וואָס מיר האָבן געוועבט אין פאַרשידענע צייטן.
ווער בין איך, ווער ביסטו? פיל נעמען פאַראַן, נאָר ס׳אַנטפּלעקט ניִשט
דעם תוך אונדזער וועזנס, ווייל ס׳קומען די נעמען די אַלע פון מענטשן —
און אונזדער בשותפותע ריכטונג באַשטימט האָט די געטלעכע ספערע.
נאָר ס׳טרעפט, ווען איך שטיי בעת דער שקיעה אַקעגן דעם בילד מאָנאַ ליזאַ
צי כ׳האָרד אַ מעלאָדיע אַ העלע פון מאָצאַרט, פון מענדעלסאָן, היידן,
צי כ׳לייען די ווערק פון שעקספּירן, פאַרכאַפּט פון זיין גייסטיקן שטורעם,
צי כ׳פּאָרש דאָס געזיכט פון קאָפּערניקן, קוויק זיך מיט וואָלטערס אַ שמייכל,
צי כ׳זע אַ דערהויבענעם בנין, באַהעפטונג פון פראַכט און פון ארבעט,
כ׳קוק צו זיך צום אימפעט פון רעדער, וואָס ליכט און ענערגיע שאַפן, —
דאַן וויים איך: אָט דאָ האָט דער סוד פון מיין אַנונג געפונען אַן אויסדרוק,
ס׳איז גאָט מיט אַ צירקל געפאַנגען, דער הימל פאַררעמט אין אַ בנין.
דאָס אַלץ איז פון מיר און אין מיר, נאָר פאַרבליבן ס׳וואָלט מער ניִשט ווי גאַרונג,
ווען כ׳טרעף דיך ניִשט אָן אויף מיין וועג מיט דיין שפע, וואָס שאַפט אוי פאַרווירקלעכט.
אויב איך בין דער ים, איז ביסט דו — די יבשה, די מאָס פאַר מיין ליריק,
די אייביקייט בין איך פאַר דיינע סעקונדעס, מוזיק פאַר דיין פידל.

די אַקס, וואָס סע דרייט זיך די ראָד פון מיין גורל אויף איר — דאָס ביסטו עס.
אָן דיר בין איך אויס, און דאָס זעלבע אָן מיר ביסטו אויך נישט פאַראַנען:

איך גלייב נאָך דעריבער, אייראָפּע, אין צייטן, ווען אונדזערע שליאַכן
צעשיידטע זיך וועלן נאָך טרעפן, די זעלעם אין ליכט צו באַהעפטן,
ווייל ס'איז ערשט דער אָנהייב, און גרוים איז די מיסיע אויף אונדזערע אַקסלען,
אַז לעבן דער מענטש אויף דער וועלט זאָל אַ שטערנדיק לעבן, אַ גאָטיש,
די וואָרהייט געפּאָרט מיט דער וויזיע, ווי ס'קושט זיך די ערד מיטן הימל...
דו וואַלגערסט זיך נאָך אין דיין בלוט, און דער תלין דיר שטייט נאָך צוקאָפּנס,
נאָר איך — סע פאַרגעמט שוין מיין אויער אַ פליגל־געראויש אין די רוימען,
און כ'לייען אין הימל דעם רויטן אַ גרויליקן „מנא תקל" * דעם מערדער.

איך שווער, ער וועט פאַלן! וועט פאַלן! ס'איז הימל און ערד מיינע עדות!
די זון און לבנה, געשטערן! — זיי זענען פאַר אונדז, נישט פאַר ווילדקייט.
אַ מעכטיקע האַק וועט אים שפּאַלטן, זיין בלוט וועט פאַרדעקן די בלוטן
וואָס ער האָט פאַרגאָסן, אַ ריטשע טאָן וועט ער נאָך איין מאָל — און ענדע!
וועסט אויפוואַכן דעמלט, אייראָפּע, די אויגן צעעפנט מיט ציטער,
וועסט קוקן און וועסט זיך נישט גלייבן: צי איז ער שוין ווירקלעך נישטאָ מער?
נישטאָ! — מעגסט מיר גלייבן — נישטאָ אים! ער איז מיטן וואָרצל פאַרטיליקט —
אַ שמוציקער צאָן אַ פאַרפוילטער, דער פּיסק נאָך צעפּראַלט, ווי פאַרוואונדערט,
זיין פּגר — אין אָפּגרונט, זיין זכר: אַ מיטאָס בייגאַבט אין אַ שענק־הויז,
און דו לעבסט, און איך לעב, אייראָפּע, כ'פאַרבעט דיך קיין ציון מיין היימלאַנד...
אַ סך איז פאַרגרייט דאָרט פאַר דיר, פון דיין אייגנס, פון דיינע געשאַנקען.
אַ סך וועסטו טרעפן געגאַרטס, וואָס דו האָסט פון מיין האַרצן דערוואָרבן.
מיר שטייגן אַרויף אויפן גליק־באַרג, פון וואַנען ס'צעשפּרייטן זיך נאַציעס.
איעדע מאַרשירט מיט איר פאָן און איר מחנה, איניינעם צו בויען

* מנא תקל — געמיינט: טויט־אורטייל.

דעם מעכטיקן, אייביקן בנין, אַ וועלט פון גערעכטיקייט, שיינקייט,
ווו ברידערלעך גאַרבט מען אויף פעלדער די פרוכט פון דער ערד און דעם הימל.

זיי הייבן די אויגן צו דיר און פאַרנייגן די קעפּ, זאָלסט זיי בענטשן,
איז בענטש זיי, אייראָפּע, זיי זענען דיר זין, פונעם גלות געקומען,
אַזוי ווי פון מיינע נביאים געזען אין דער וויזיע פאַרצייטנס —
און איך וועל דאָ קניען דערווייל אויפן באָדן פון ציון מיין היימלאַנד.

(תמוז תש"א — 1941)

וואַרשע. אַפּריל, 1957

נתן אלתרמן

# א בריוו פון מנחם מענדלען

שיינע שיינדל מיין, זוגתי שיינע,
די לבנה צווישן כמאַרעס העל שפּאַצירט.
שיינע שיינדל מיין, דורך נאַכט און שטורעם
שטיל דיין האַנט מיין קאָפּ, וואָס חלומט אַלץ, באַרירט.

ס'פליקט דער נאַכט־ווינט די קאַפּאָטע מיינע,
און מיין היטל, דאָס פאַררוקטע, קוים זיך האַלט.
כ'זע אַ טויטער אויס, ווי פאַרן לעבן,
ווייל — מע זאָגט אַזוי — ס'איז אייביק מיין געשטאַלט.

שיינע שיינדל, ס'פאַלט אַ שניי אַ ווייסער.
קיינער איז נישטאָ שוין. אַלע טויט. פאַרשטיי.
טויט איז טוביה, מאָטל פּייסי חזנס,
אויך דער גוטער פעטער פּיניע איז מיט זיי.

סטעמפּעניו ליגט באָרוועס אויפן שניי־פעלד,
קליין און חנעוודיק אַזוי ווי גאָר אַמאָל.
גאָר זיין פידל שטומט. קיין ניגון טריפט נישט:
סע דערוואַרט שוין קיינער נישט זיין כישוף־קול.

ס'ליגט אויך טאָפּעלע. ווי תמימותדיק
טומורימו לאַכט פון טויט און פון זיין צער.
אייביק איז דעם פאָלקס געוויין און לאַכן,
און אומשטערבלעך איז אויך טאָפּעלע דערפאַר.

שיינע שיינדל, ס'איז די נאַכט שטאָק־פינצטער —
דו גערענקסט — ווי יענע, וואָס האָט אונדז צעשיידט.
טרער און שמייכל האָבן מיר געגעבן
אונדזער פאָלק, — זיך אויך צום טויט מיט אים געגרייט.

האָסט זיך אָנגעטאָן דאָס יום־טוב־טיכל.
האָסט געבערשטלט מיין קאַפּאָטע, וואָס צעפּאַלט.
דאָס מאָל האָט דאָס פאָלק שוין נישט געלאַכט מער.
ס'האָט געקושט דיין האַנט די איידעלע, וואָס שטראַלט.

און די נאַכט געווען איז רויט פון שׂרפות,
כ'האָב דיר אַ צוואה אויסגעווערקט, מיין וועלט —
שיינע שיינדל, אויף אַ קליין פּאַפּירל
און — ס'איז קלאָר, דעם עיקר... כ'האָב פאַרפעלט:

כ'האָב געוואָלט דיר דאַנקען, שיינע שיינדל —
ביסט געווען גערולדיק און פאַרגיביק־גרוים.
מיר — געשפּילט אַן אייביקע קאָמעדיע,
נאָר פאַרענדיקט אַנדערש האָבן מיר דורכוים.

דאָס פאַרויסגעזאָגט האָט אונדזער שפּאַס;
ווען אין פּיסק געשפּילט האָט אונדזער וויאָלין ,
ס'האָט געזעצט אין האַרץ פון זיינע העלדן,
נאָר ס'האָט קיינער נישט געוואָלט פאַרשטיין זיין זין.

איך און דו, מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען,
וואָס מיר שפּילן — סאַראַ טרויעריקע שטיק.
קיין שום סצענע קאָן נישט אַזאַ שפּילער,
גלייך צו אונדז, ווען ס'בליצט די שווערד אים פאַרן בליק.

ביזן גזר... מיר שטייען צווישן עולם —
טרוימען־ריטער, בעטלער געניאַלע לייט,
העלדן פון דער גרויסער יידיש־שאַפונג,
וועלכע פאַלט אין שניי מיט מיר דאָ, זייט ביי זייט.

— — שײנע שײנדל מײן, דורך נאַכט און שטורעם
שטיל מײן טויטן קאָפּ דײן װײכע האַנט באַרירט.
שײנע שײנדל מײן, זוגתי שײנע,
אויפן הימל די לבנה העל שפּאַצירט.

װאַרשע, מערץ, 1957



# דאָס ייִנגל אוראַמטשיע

אַ שטאָט אין פּוילן.
אין הימל די לבנה — הויך.
ווי תמיד — וואָלקנס אין געשווים.
אין אָוונט ליגט דאָס ייִנגעלע אַוראַמטשיע
אויף די שטיין־טרעפּ פון דער שטוב.

די מאַמע שטעלט זיך נאָענט אים אַנטקעגן,
ווען אירע פיס באַרירן גישט די ערד.
זי זאָגט: — אַווראַמעניו, די נאַכט איז קאַלט און פייכטלעך.
אין שטוב קום צום געלעגער אויפן בעט.

און ס'ענטפערט איר אַווראַמטשיע:
— מאַמוניע, מאַמע,
איך וועל אין בעט ווי יעדער קינד גישט שלאָפן,
ווייל כ'האָב אין בעט געזען דיך,
מאַמוניע, מאַמע,
שלאָפן מיט אַ מעסער איבעם האַרצן.

זיין טאַטע שטעלט זיך דאָ, און שטרעקט צו אים די האַנט אויס,
און בייזערט זיך אויף אים, אַ דורכגעזעגער און הויכער,
און זאָגט צו אים: — אַוראַמטשיע, קום אַריין אין שטוב,
מיין ייִנגעלע אַוראַמטשיע, תיכף קום אַריין אין שטוב.

און ס'ענטפערט אים אַווראַמטשיע:
— טאַטוניע, טאַטע,
כ'האָב מורא דאָרט די אויגן צו פאַרמאַכן.
ווייל דיך האָב איך געזען דאָרט,
טאַטוניע, טאַטע,
שטיל שלאָפן אויף די פּלייצעס אָן דיין קאָפּ.

דאָן שטעלט זיך קעגן אים זיין שוועסטערל דאָס קליינע
און בעט אים גיין אין שטוב מיט אַ געוויין.
נאָר ס'ענטפערט איר אַווראָמטשיע: — דו ביסט דאָרט געשלאָפן
מיט אַ טויטן טרערל אויפן בעקל.

דאָן שטעלן זיך פאַר אים די זיבעציק די אומות
און זאָגן:
— מיר טוען זיך אויף דיר אַ לאָז!
מיט זיבעציק געזעץ־באַפעלן און אַזויפיל העק
מיר וועלן דיך אין שטוב אַריין פאַרטרייבן!

מיר וועלן אויפן אויסגעבעטן בעט דיך לייגן,
זאָלסט שלאָפן שטיל דערין, אָט ווי דער טאַטע דייגער! —

און אין זיין חלום
אַווראָמטשיע שרייט: „טאַטוניע!"
און רופט זיין מאַמע, און זי ענטפערט:
— מיין קינד, אַז וויל צו מיר... ווען נישט דאָס מעסער אין מיין האַרצן,
מיין האַרץ וואָלט זיך אין מיר אויף צוויי צעבראָכן.

ווערט דעמלט אין דער נאַכט שטיל־שאַ,
און די לבנה — פינצטער,
און קעגן בליאַסק פון שטיקעס, גאַרנדיקע בלוט,
דאָס וואָרט פון גאָט איז צו אַווראָמטשיען,
אַווראָמטשיען, וועלכער שלאָפט אין פירהויז פון דער שטוב,

אַזוי צו זאָגן: — פאָרכט נישט,
אַווראָמטשיע, זאָלסט נישט פאָרכטן,
ווייל גרויס און מעכטיק כ'וועל דיך מאַכן.
לאָז גיין זיך דורך דער נאַכט פון מעסער אין פון בלוט,
לאָז גיין זיך ווי אַ חיה, ווי אַ וואָרעם, ווי אַ פויגל.
כ'וועל בענטשן יענע, וועלכע בענטשן דיך, אברהם,
און יענע, וועלכע שעלטן דיך, איך וועל פאַרשעלטן.

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

וואַרשע. מערץ, 1957

## „מאַמע, מע מעג שוין וויינען?"

...האָט געפרעגט דאָס מיידעלע, אַרויסגייענדיק פון
באַהעלטעניש נאָך דער באַפרייונג. (אבא קאָוונער)

יאָ, מיידעלע, יאָ, העננטלעך שוואַך און צאַרט,
מע מעג שוין וויינען, האָסט זיך עס דערוואַרט.
יאָ, מלאָכל מיט אויסגעפליקטע האָר,
מע מעג שוין איצט, איך זאָג דיר וואָר.
די נאַכט איז רואיק, לויטער אָן אַ פלעק,
דער פעטער יוזעף קראַמער איז אַוועק,
דער ראַדיאָ האָט שוין אַלץ דערציילט, געזאָגט,
ווי מ'האָט דיך, כשר לעמעלע, געפלאָגט,
דו האָסט געפאָלגט און נישט געוויינט, נאָר שטום
געהעשעט אין דער פינצטערניש אַרום,
דו האָסט אפילו (ס'לויערט די געפאַר!)
געלאָזט די ציינדלעך שפּראָצן שטיל־און־שאַ,
ס'איז אַלץ באַשריבן שוין גענוי און ברייט
און, קליינינקע, ס'איז אויסגעסדרט, גרייט,
באַהעפט מיט דרעטלעך שוין דער פּראָטאָקאָל — —
מע מעג שוין איצטער וויינען אויפן קול.

אין ווינקל אויפן שמאַטעדיקן בעט
נעם וויין זיך אויס, כאָטש די לבנה זעט,
מעגסט וויינען אויפן קול שוין, מעגסט, מיין שיין,
די וועלט איז פריי, שוין אויסגעלייזט פון פּיין
אויף גאָרער וועלט, ווי גרויס זי איז און ברייט,
קיין שום רעגירונג דיר אין וועג נישט שטייט,

קיין שום מיניסטער וועט נישט טאָן קיין בריל:
— גלייך איבעררייסן דאָס געוויין, צו פיל! —
און קענן מענטש און וועלט שריי אויס דערפאַר
אַ דאַנק מיט אויגן פולע טרער און צער.
צו אַלע פעטערס אָט פאַר דעם געשאַנק,
פאַר אַלץ, פאַר אַלע קינדער שריי: — אַ דאַנק!
די פרייהייטן פון מענטש, די אַלע פיר,
אַ בוק טאָן וועלן זיך אַקעגן דיר:
לויט אַלע חוקים — אויסגעקריצט אויף שטיין —
ס'איז איר געשענקט די פרייהייט פון געוויין.

ס'קוקט אָן דיך די לבנה לויטער־ריין.
די וועכטער אויף דער גרענעץ זעט מען שטיין.
פרווו טרעט אריבער נאָר דאָס שטעכיק דראָט,
פארפאלגט דיך גלייך דאָס מיליטער, דער פלאָט.
נאָר דו אין בלויזן לייוונטענעם העמד
אינמיטן נאַכט אַליין פאַרלאָזסט די פרעמד
און גייסט דורך פעלד און וואַלד מיט שווערער מי,
און ווענט פאַר דיר זיך שטעלן אויף די קני,
און אויף דיין רוקנדל, וואָס נישט געווינט
צו מיטלייד — ס'יתום־פעקל פונעם דזשאָינט,
און אין דיין הענטל, אָדעריק צעבלויט —
דער אונרא'ס קלייענדיקע שטיקל ברויט.
און איבער פעלד און וואַלד און טייך דיין גאַנג
איז לויטער העלדיש, ברויזנדיק געזאַנג,
אויף שמאַטעס רייסט דיין העמד זיך אויפן לייב.
נאָר דו — געשיכטע פון דיין פאָלק דו שרייבסט!

ווערסט גרייכן אין אַ שטורעמדיקער נאַכט, —
איך שווער ביים לעבעדיקן שעפערס מאַכט!
ס'געזעץ, וואָס שטערט דיין גאַנג און קלעמט,
צעפליקט וועט ווערן ווי אויף דיר דאָס העמד!
סע וועלן פעסטע יונגען אָן אַ וואָרט
דיך טראָגן אויף די אָרעמס צו דעם פאָרט,

און דיינע הענט אויף זייער האַלדז־שטאַם —
אַנטקעגן פּאַרלאַמענטן און דעם ים.
אין דיינע אויגן יובלען וועט דאָס גליק,
ג ע ז ע ץ וועט בייקומען געזעץ — אַ זיג!
אַ שטערן עדות זאָגן וועט מיט פלאַם:
דו האָסט געשפּאָלטן נאָכאַמאָל דעם ים.
און צווישן שיין און וואַל פאַרבלענדט, ווי בלינד,
די יונגען וועלן זען, ציטריק קינד:
דורך דיין שוואַרצאַפּלס שרעק און שווארצער פּיין
גייט אויף דיין ערשטן שמייכלס בלאַסע שיין.

וואַרשע, יוני, 1957

אבֿרהם ברוידעס

# צו אַ שוכפּוצער

אַנטקעגן מײַנע טריט דו שיקסט צו מיר די אויגן,
און ס׳ווערט דײַן בליק אין שמוץ אויף מײַנע שיך פֿאַרזויגן.

פֿון פֿרי ביז שפּעט, ווי נעכטן און ווי אייערנעכטן,
דו אָטעמסט, אָטעמסט אײַן פֿון טריט דעם שטויב דעם שלעכטן.

אין דרהיים אַ שטיקל ברויט די קינדער דײַנע בעטן, —
און רעכט פֿאַר דיר די בלאָטע פֿון די שיך צו גלעטן.

דורך גלאַנץ פֿון מײַנע שיך, וואָס דײַנע הענט זיי גיבן,
מיר פֿינצטערט דורך דײַן עלנט און פֿאַרביטערט לעבן.

דער בלאַנק פֿון שוואַקס אונטער בערשטל אין דײַן האַנט
צינדט אָן מײַן פּנים, און סע בריט מײַן הויט דײַן שאַנד.

וואַרשע. אַפּריל, 1957

## צו אַ וועשין

פאַרמאַטערטע וועשין, דערשלאָגן געמיט,
פאַר דיר איך פאַרקלער און וועל זינגען אַ ליד.

דו וואַשט און דרענגסט אויס אַ באַטריבטע, פאַרטראַכט, —
מיין האַרץ פאַר דיין אומעט זיך עפנט, דערוואַכט.

דעם שמוץ פון די לייוונטן וואַשט און דרענגסט אויס,
דיין וויים־בלאַנקער יאָך דיך פאַרבלענדט און ווערט גרויס.

וואָס ווייסער און בלאַנקער דאָס וועש, — ווי אַ באַרג
דריקט טיפער אַראָפּ צו דעם באָדן דיין קאַרק.

ס'צערייגט אין דיין האַרצן באַגערן און טרוים,
ווי שימער פון בלעזלעך, ווי זייפענער שוים.

פאַר אומעט פאַר דיינעם און מידע צוויי הענט
האָט איינמאָל מיין האַרץ זיך געעפנט, צעברענט — — —

וואַרשע. אַפּריל, 1957

# דער קלײנער הענדלער

מע קױפֿט ניט די שיכבענדלעך זײַנע. ער שטײט אַ צעמישטער,
אַנטקעגן די מענטשן און הימל אַ טרערעלע װישט ער.

זײַן צימעריק שטימעלע בעט זיך אומזיסט בײַם אָרום:
פֿאַרבײַגײער אײַלן, אױף אים קוקט זיך קײנער ניט אום.

װי שײן ס'איז די װעלט, װי סע צױבערט דער הימל, און שעגדלעך
ער פֿאָכט אין דער לופֿט מיט מאָגערן הענטל די בענדלעך.

סע איז אין די דאָזיקע בענדלעך פֿאַרבונדן בײַנאַנד
דער צער פֿון זײַן לעבן און אױך זײַן יתומישע שאַנד.

װען ס'קאָנען די בענדלעך דערצײלן, די גאַס װאָלט דערהערן
אַ לאַנגע געשיכטע, װאָס פֿול איז מיט טרױער און טרערן.

נאָר ס'האָבן די בענדלעך קײן מױל ניט, זײ פֿאָכען בלױז שטום, —
צום הענדלערס דעם קלײנעמס געשיכטע איז טױב דער אַרום.

װאַרשע. אַפּריל, 1957

# צו א קעכין

אַ יונגער טאָג, אַ טוי־געצוואָגענער, פֿאַרקעמטער און באַשמעקטער,
און דו מישט ווידער גריץ אין טעפּל מיט אַ האַנט אַן אױסגעשטרעקטער.

דו ביסט פֿאַרמשפּט אין דער קיך צו זיצן תמיד אַ פֿאַרשפּאַרטע,
און מיט דער פֿאַרע פֿונעם טאָפּ צערינען דײנע טרוימען צאַרטע.

פֿאַרטרערטע זענען דײנע אויגן פֿון כּסדר וואַרטן, האָפֿן,
און, ווי אַן אתרוג, שרימפּט זיך אײן דײן האַרץ מיט ווייטיקן פֿאַרלאָפֿן.

אַוועקגעוואָגלט האָבן וויײט דײן פֿריליגגס אַלע גאַכטיגאַלן,
און ביסט פֿאַרבליבן אָן אַ פֿרײנד און חבר, אײן־אַלײן — פֿאַרפֿאַלן.

ווי מיר, פֿאַרשוואַרצט דו ביסט געוואָרן אין דער קיך, דײן תפֿיסה־מויער,
געבויגן איבער דיר סע שטייט דער האַרבסט און רוימט דיר אײן זײן טרויער...

וואַרשע. אַפּריל, 1957

# מיר שווערן

מיר שווערן צו גיין
ביזן סוף אונדזער וועג —
מעג טאָן יעדער טראָט
זיך מיט בלוט א פארדעק.

מיר שווערן דעם לאנד,
ווו עס וואָרצלט דער שטאַם:
ס׳וועט ווערן דערפילט
אונזער שבועה דורך פלאַם.

מיר שווערן דער פאָן —
זי צו טראָגן מיט מוט,
געהייליקט און גאַנץ
און געלייטערט דורך בלוט.

לאָדזש. 1948

# אין שטורעם פון שלאכטן

אין שטורעם פון שלאכטן און שריפות ארום
דערוועק זיך, מיין ליד; און מיין שטים, נישט פאַרשטום.

לאָז הילכן מיין פערז פאר יתומים און פיין,
פאר ברידער אין תפיסות, וואָס שלינגען זיי איין.

דערשלאָגענע וועלט, גיב א הייב זיך מיט מוט —
אין הערצער זאָל שלאָגן אין איינקלאַנג דאָס בלוט.

קוים גרינט אויף דער ערד נאָך א שפּיץ פון א בוים,
אין נאָכנישט פארלוירן דער מענטש און זיין טרוים.

צו קלייבן די שערבלעך פון לוחות איך קום
אין שטורעם פון שלאכטן און שריפות ארום.

לאָדזש. 1948

דוב חומסקי

# צעזאר נעראָן

אָ, רוים! דיין צעזאר און פּאָעט שטייט אויף פאר מיינע אויגן, —
סאלוט פאר דעם פארניכטנדיקן בראנד! סאלוט!
זיין שאָטן האט זיך אויף יאָרהונדערטער, ביז היינט, צעצויגן,
און ס'האָבן צענער טויזנטער געאַרבט זיין בלוט.

פארוואָס האָט ער פון שיינקייט און פון פארבן נישט גענאָסן,
ווען ס'האָט די שטאָט געטומלט פרייליך אין געטאַנץ?
ווען ס'האָט איר געגנט זיך געשפרייט פאַר אים און ס'האָט געגאָסן
די זון אויףביימער און אויף גראָזן העלן גלאַנץ?

דער טיבער האָט אין פרייד געכוואליעט זיך און הויך געשטיגן,
און פענדזלען גילדענע געהוידעט אויף זיין בויך;
דיין צעזאר איז געפעלן א ספעקטאקל: גאסן ליגן
צעהפקרטע פאַר בייזע שלענג פון פלאַם און רויך.

ער האָט די גויט און אָרעמקייט געבראַכט אין אַלע שטיבער,
דאָס אָטעמען מיט משאד דערשטיקט, דער רויך מאכט בלינד.
דיין צעזאר האָט פּאָעטיזירט, מיט פרייד געשאפן לידער,
ווען צווישן האָלאָוועשקעס וואלגערט זיך א קינד.

אַ בלויענדיקע שיינקייט איבער דעכער האָט געשימערט —
נאָר אים די הייזער לאָקן, ווען זיי פאלן איין.
נישט אייגזאם איז דער מאן געשטאָרבן! רוימער! נישט געקימערט —
אין דער געשיכטע איז זיין שטרעבונג דאָך אריין.

יאָרהונדערטער פאַרשווינדן, טינט אויף פאַרמעטן פאַרבלאַסן,
און ס'איז דיין צעזאַר און דיין דיכטער אַלץ נישט טויט.
עס לעבט, עס לעבט זיין גייסט, וואָס האָט געדיכטעט אויסגעלאַסן,
ווען עמעץ האָט געבעטלט נאכטלעגער און ברויט.

עס קומען נייע הערשער, הערשער שטאַרבן און צעפוילן,
נאָר נישט פארגעסן ווערט דיין צעזאר איין מינוט;
געזאנג אין די פאלאצן, ווייגען שוימען איבער גרוילן,
און ברכות מאכט מען איבער פיין, און טויט, און בלוט...

לאָדזש, 1948

# די מאמע מיטן קינד

## ב א ל א ד ע

...מיטאמאָל זיך באַוועגט אין דעם אויוון דאָס איש,
און עס טוליען זיך הויפנס צו הויפנס צוזאמען.
ס'האָט אַ בלאָז געטאָן סודותדיק, צערטלעך אַ ווינט,
און דאָס אַש בלענדעט ווייס מיט דער ווייסקייט פון ליליעס.

און עס שטאַרצט דאָרט אַרויס דאָס געביין פון אַ קינד,
דאָס געביין באַקומט לייב און געשטאַלטונג און אָנבליק.
און דער אויוון פאַלט איין מיט אַ שטום פּלאַצעריי,
און דאָס קינד פליט אַרויס אין די גאַסן פאַרוויסטע.

איבער אים הענגען הימלען אַנטבלויזטע און לער,
וואָס אין זיי בלאַסט די זון, ווי אַ ריזיקער שאַרבן,
און דער באָדן איז רויט פון פאַרגליווערטן בלוט,
און עס קראַקעט אַ קראָ אין דעם רוים דעם באַטריבטן.

און דאָס קינד שפּאַנט אין גאַסן, וואָס הויערן שטום
מיט דער גרוילקייט פון אָפּגרונט און בייזער פאַרקלערטקייט.
מיט די אייגעלעך זוכט עס: מיין מאַמע ווו איז? —
אַ מגושמע פּוסטע האָט פון אים זי פאַרשטויסן.

און דאָס קינד שפּאַנט גאַס־איין, און דאָס קינד שפּאַנט גאַס־אויס.
און אַרום נישט קיין אָטעם. בלויז שערבלעך. און כלים
אין געוואַלגער, פאַראָסטעט, פון אונטער זיין טראָט
זיך צעסקריפּען פאַראומערט מיט קרעכץ און יללה.

אין דער רגע צעשיט זיך דער באָדן פון מאַרק,
און די מאַמע שטייט אויף פאַר איר קינד דעם פאַרבענקטן
אים צו האַלדזן באַהאַרצט און צו קושן אין מויל
מיט אַן אייביקן קוש, וואָס פון טויט איז ער שטאַרקער.

און זי קושט אים אין מויל פאַרן טאַטן, פאַר זיך
מיט דער ליבשאַפט פון טאַטע און מאַמע צוזאַמען.
לעם אַ קרומלעכן צוים שטייען מאַמע און קינד.
יעדער בוים, יעדער פּלויט, יעדער שאָטן — אַ תּליה.

טוט אַ שמייכל דאָס קינד און עס שוידערט פאַרווייִנט,
און די מאַמע צעשמייכלט זיך אויך דורך די טרערן.
האָריזאָנט, וועלכער רינגלט אַרום זיי צעגליט,
קוקט זיי אָן מיט פאַרחמטע פאַרווילדערטע בליקן.

דורך אַ ציטער טוט דעמלט דאָס קינד אַ געשריי:
— „אוי, מיר מוזן פונדאַנען וואָס שנעלער אַנטריגען!
עס איז מאַמע — צי ווייסטו!? — פאַראַן ערגעץ ווייט
אַזאַ לאַנד, ווו די מאַנדלען און ראָזשינקעס וואַקסן.

און דאָס דאָזיקע לאַנד רינט מיט האָניק און מילך,
פּאָמעראַנצן — צום עסן און אויך ווי אַ צירונג,
ס'איז דערלויבט דאָרט צו שפּילן, בישטאָ דער עס־עס,
וואָס האָט ייִדן פאַר גאָרנישט מיט יובל געמאָרדעט“.

האָט די מאַמע געהאַלדזט אים, צום האַרצן געדריקט
און געטריפט אויף זיין קעפּל מיט טרערן אָן אויפהער:
— „עס איז אמת, מיין טייערס, ביזט זייער גערעכט,
אָבער זע אין באַנעם, אַז אַרום שטייען וואַכן“.

און די מאַמע זאָגט ווייטער: — „אָ, תּמימדיק קינד,
ס'איז קיין רעטונג נישטאָ, נישט אין ערגעץ, אין ערגעץ.
פאַרגעדענק זיך, מיין נעבעך, אויך דאָרט אין דעם לאַנד
זענען טייערס פאַרשלאָסן אויף שלעסער און ריגלען.

קער זיך אום אין דעם אויוון, מיין קינד, צו דיין שלאָף,
און אויך איך וועל, מיין זיסער, צוריקגיין אין קבר,
און זאָל זיין אונדזער טויט, וואָס געקומען פֿאַרפֿרי,
פֿאַר פֿאַרבליבענע מאַמעס און קינדער אַן אויסלייז.

נאָר דאָס קינד זיך צעכליפּעט: — „אוי, מאַמע, ניין, ניין!
אויף די וועגן די וואכן — מיר וועלן זיי מיידן,
זיך אדורכשלייכן שטיל דורך דער חשכות פֿון נעכט,
די פֿארשלאָסענע טויערן ברעכן און קומען...

לאָדזש. 1948

בנימין טענענבוים

# דיין קול ווי אַנומלט

**מרים הײנסדאָרפן**

דיין קול, ווי אַנומלט פאַרנאַכט, הערט מיין אויער:
אַ נאַכטיגאַל טרעלט אין אַ וועלדל פאַרשטעקט.
ס'פאַלט מיר אויפן פנים דער טאָג פאַרן טויער,
גייט אוים אין אַ שיין־וויג מיט שאָטן פאַרדעקט.

ווען זון זינקט אַראָפּ און דער הימל־ראַנד וויסט איז —
אַ טונקעלע רעם פון פאַרשווונדענעם בילד,
גייט אויף אין אים דעמלט אַ צווייט בילד, דו ביסט עס,
אין דעמער געפּאַסט און מיט זונשיין באַגילדט.

איך שפּאַן קעגן אָוונט, דיין בילד דעם צעזונטן,
וואַרט־צו אייפן וואָגלער, ווייט מיידל פון פיין!
קימסט שטראַליק, ווי תמיד, פון טומל פון בונטן
פון שטאָט, וו פאַרלאָשן שוין יובל און שיין.

ביסט שטאַלטנע און שטייף, טיף־פאַרטראַכט און געלאַסן,
די הענט דיינע — ס'טויעט אַן אומעט פון זיי,
איך קוש דיינע הענט, וואָס אין נאַכט־טונקל בלאַסן,
און יעדער דיין פינגער טריפט טרויער און וויי.

---

* מרים הײנסדאָרף — אַן אַקטיווע מיטגלידערין פון דער ייד. קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע, איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אין וואַרשעווער געטאָ.



כ׳פאַרגעס ווי עס דופקט דיין האַנט אומגעבראָכן
די שטילע מעלאָדיע צום גרויליקן טאַנץ,
דעם צוק פון די פינגער, פון נאָדלען געשטאָכן,
די איידלע און בלאַסע, ווי בלומיקער פלאַנץ.

ווי איז זיי די אויפשטאַנד־פאָן טראָגן געראָטן?
צו קעמפן אין קלעם איין־אַליין און געניט?
עס האָט זיי דער פלאַקער פון פאָן־שטאַנג געבראָטן,
ס׳געווער — מיטן פראָסט פון זיין שטאָל זיי געבריט!

צו קושן די הענט אויך דער טויט איז געקראָכן,
זיין מויל שיט מיט פלאַם און מיט גליאיקן בליי.
ווי האָסטו געקעמפט יענע גרויליקע וואָכן,
ווייט מיידל, ווי יוגנט, וואָס לאַנג שוין פאַרביי?

ווי ביסטו ארויס פון די פינצטערע לעכער,
פון גרוב, ווו געקעמפט און פאַרוואָרפן דעם קאָפ,
און גייסט אויף מיין שמייכל צעשטראַלט, ווי אַ בעכער,
און שמייכלסט ווי מאַמע און שוועסטער אַראָפ.

דיין קול, ווי אַנומלט פאַרנאַכט, הערט מיין אויער:
אַ נאַכטיגאַל טרעלט פון אַ וועלדל באַהאַרצט.
ווי ווערט עס אויף טרוקענע ליפן נישט גרויער?
ווי גלאָוויעס פאַרלאָשענע ווערט נישט פאַרשוואַרצט?

לאָדזש, 1948



# אינהאַלט

פאָרוואָרט . . . . . . . 7
מיין געזאַנג צום יידישן פאָלק . . . . . 11

ערשטער טייל — פאָלקסטימלעכע באַלאַדן

דער מלך שלמה און די פאַוועס . . . . . . 15
דאָס יינגל פון גליל . . . . . . . 21
צער־בעלי־חיים . . . . . . . . 29
די איידלשטיינער פונעם חושן . . . . . . 43
די ליבנדיקע און געטרייע . . . . . . 53
דער אַרכיטעקטאָר הערש . . . . . . 67
מידה כנגד מידה . . . . . . . 85
עלילת־דם . . . . . . . . 97
דעם קאָזשעניצער מגידס גנב . . . . . . 111
דער האַרציקער הערשקע באַלעגאָלע . . . . . 117
דאָס מיידל, וואָס פירט דער זון אַנטקעגן . . . . 131
אליהו הנביא . . . . . . . . 141

צווייטער טייל - פון דער העברעישער דיכטונג

משה אבן־עזרא

עראָס־לידער... 1, 2, 3 . . . . . . . 149

יהודה הלוי

פון די הייליקע געזאַנגען . . . . . . . 153
חתונה־ליד . . . . . . . . 155
עראָס־לידער... 1, 2, 3, 4, 5, 6, 7 . . . . . 157

עמנואל הרומי

ליד וועגן די דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט . . . 161

חיים נחמן ביאַליק

זי האָט א בריוול מיר געשריבן . . . . . . 167
אָט די הונגעריקע אויגן . . . . . . . 170

פרימאָרגן־מלאָכימלעך . . . . . . 171
בעתן עפּענען דאָס פענצטער . . . . . 173
אליין . . . . . . . . . 175
כ'האָב נישט געכאַפּט די שיין פון הפקר . . . 176
א פלאַטערל . . . . . . . . 177
אז איך וועל שטאַרבן . . . . . . 179
א באַפעל . . . . . . . . 181
די אָזערקע . . . . . . . 184
דער זומער גוססט . . . . . . 191
דו גייסט אוועק פון מיר . . . . . 192
און אז סע וועלן זיך די טעג פאַרציען . . . 194
סע גליטשט זיך א ריטל אראָפּ . . . . 197
מיין אָרט זאָל לעבן איך זיין . . . . 198
פאַרביינגעשוועבט, גאָט, האָט דיין אָטעם . . . 201
מיין מאַמע, זכרונה לברכה . . . . . 203

## שאול טשערניכאָווסקי

אין גאָרטן . . . . . . . . 205
אוי, בלומען נאָך שניט־צייט . . . . . 207
די שיינהייט פון דילסבערג . . . . . 208
קרעפּלעך . . . . . . . . 210
דריי אייזליכעם . . . . . . . 220

## יעקב כהן

דריי סאָנעטן: א וונדער־בלום, די קראָען, א וונדערלעכע שעה 121
פאַרנאַכט . . . . . . . . . 224

## יעקב פיכמאַן

די איבערזעצונגען — אויטאָריזירט

דריי סאָנעטן: פאַרנאַכט־סאָנעט, האַרבסטונג, ביימער אין ירושלים 227
דודם טרויער . . . . . . . . 230

## יצחק קאַצענעלסאָן

באַטראַכטונג . . . . . . . . 241

## זלמן שניאור

די איבערזעצונגען — אויטאָריזירט

דער בלייער . . . . . . . . 243
אויפן טויט פון א זייגער . . . . . . 245
דאָס גלעקל . . . . . . . . 248
דער אלטער קאַם . . . . . . . 249
בנימין . . . . . . . . . 251

## דוד שמעוני

ביים שטראַנד פון ים . . . . . . . 253
דער יורה . . . . . . . . . 256

## אברהם שלאָנסקי

די איבערזעצונגען — אויטאָריזירט

נעכט . . . . . . . . . . 265
פּראַצע . . . . . . . . . 271
יזרעאל . . . . . . . . . 274
לך לך... . . . . . . . . . 278

## ש. שלום

די איבערזעצונגען — אויטאָריזירט

כ׳באַגרים דיך, אייראָפּע . . . . . . 283

## נתן אלתרמן

א בריוו פון מנחם מענדלען . . . . . . 293
דאָס ייִנגל אווראָממשיע . . . . . . 296
מאַמע, מע מעג שוין וויינען? . . . . . . 298

## אברהם ברוידס

צו א שוכפוצער . . . . . . . . 301
צו א וועשין . . . . . . . . 302
דער קליינער הענדלער . . . . . . . 303
צו א קעכין . . . . . . . . 304
מיר שווערן . . . . . . . . 305
אין שטורעם פון שלאַכטן . . . . . . . 306

## דוד חומסקי

צעזאַר נעראָן . . . . . . . . 307
די מאַמע מיטן קינד . . . . . . . 309

## בנימין טענענבוים

דיין קול ווי אנומלט . . . . . . 313
(די איבערזעצונג אויטאָריזירט)

# ווערק פון ל. אָליצקי

1. אין אן אָקופּירטן שטעטל — דערציילונג
פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע, 1924

2. אין שיין פון פלאַמען — נאָוועלן
פאַרלאַג „ב. קלעצקין“, ווילנע־ווארשע, 1927

3. משלים פאַר קליין און גרויס פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע, 1929

4. געראַנגל — ראָמאַן אין 2 בענדער פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע, 1932

5. דער זון אַנטקעגן — דערציילונגען (אילוסטרירט)
פאַרלאַג „ציש״אָ“, ווארשע, 1933

6. הונטמאַן — ראָמאַן (2 אויפלאַגעס)
פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע, 1937

7. דער מענטש וועט גוט זיין — משלים
פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן“, לאָדזש, 1947

8. דורך טויט צום לעבן — דערציילונג
פאַרלאַג „איקוף“, בוענאָס־איירעס, 1949

9. משלים־בוך פאַרלאַג „יידיש בוך“, לאָדזש, 1949

10. מענטשן אין קלעם — דערציילונג פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1951

11. מיטן פּנים צו דער זון — משלים און לידער
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1950

12. אָפּקלייב — ראָמאַן פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1953

13. דאָדיע קאָוואַל — ראָמאַן אין 3 בענדער
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1955

14. זאָגט די וועלט א משל — משלים
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1956

15. פאָלקסטימלעכע באַלאַדן; פון דער העברעישער דיכטונג
פאַרלאַג „נידערשלעזיע“, ווראָצלאַוו, 1949

# איבערזעצונגען

16. **ציגיינער** — דראמאטישע פאעמע פון א. פושקין
פאַרלאַג „נידערשלעזיע“, ווראָצלאַוו, 1949

17. **ווייט פון מאָסקווע** — ראָמאַן פון וו. אזשאַיעוו
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 52—1951

18. **פון קרילאָווס משלים**
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1957

19. **פאַן יאָוויאַלסקי** (די משלים און שפריכווערטער) — קאָמעדיע פון א. פרעדראָ.
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1950

20. **דער וועג פון חבר בידע** — ראָמאַן פון איגאָר נעווערלי
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1953

21. **טוויים פאַר קינדער**
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1954

22. **מיצקעוויטש, פאָעזיע**
פאַרלאַג „יידיש בוך“, ווארשע, 1954

# זאַמלונגען

23. **דימענטן פאַר אלע** — משלים
„מלוכה־פאַרלאַג פאר שול־אויסגאַבן“, ווארשע, 1951

24. **אייביקע קוואַלן** — פאָלקס־שאַפונג
„מלוכה־פאַרלאַג פאר שול־אויסגאַבן“, ווארשע, 1953

25. **טריט ביי טריט** — כרעסטאָמאַטיע פארן ערשטן שול־יאָר
„מלוכה־פאַרלאַג פאר שול־אויסגאַבן“, ווארשע, 1951

ל. אָליצקי

פאָלקסטימלעכע באַלאַדן

*

פון דער העברעישער דיכטונג

הילע, צייכענונג פון אויטאָר
און אילוסטראַציעס:
ל. מערגאָשילסקי